# רטו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר שְׁלַח י' סִיוָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**אִיךְ** פְרֵייא זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סְפָרִים, זָאל דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם, אוּן זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַריין, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, זָאלְסְט נִישְׁט פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין טָאג, וָוארוּם דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח') לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוּן אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם, ווִי דִי מְחַבֵּר (סִימָן רפ"ה סְעִיף ב') זָאגְט "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", סֵיי עֶר לֶערְנְט דִי תַּרְגּוּם אוּן סֵיי עֶר לֶערְנְט רַשִׁ"י, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם. אוֹיבֶּעט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת כְּסִדְרָן, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר זָאג אֵיין פֶּרֶק נָאכְן אַנְדֶערְן, אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְן תִּיקוּן פוּן דֶעם; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אַ תִּיקוּן זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה), אוּן אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי נָתָן זַ"ל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן זַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעגִיפְט אוֹיף אִים אוּן אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס גֶעט עֶר זַיין זוּן וָואס עֶר אִיז אַזָא גְרוֹיסֶער לַמְדָן אַזָא תִּיקוּן אַז עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְכוּ'.

**אוּן** וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אַלְצְדִינְג נָאר נִישְׁט גְמָרָא, פוּן דֶעם הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא, דֶערְפַאר אִיז זַיין נָאמֶען סְ'יוּם מַ'סֶכְתָּא אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אַז אַ אִיד וֶועט מְסַיֵּים זַיין אַ מַסֶכְתָּא, וַוייל אַז מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא צוּשְׁנַיידְט מֶען אִים אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקֶער, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ בִּיטֶערֶע זִינְד וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גְמָרָא, אוּן דִי גְמָרָא וֶועט צוּשְׁנַיידְן פוּן דִיר דִי קְלִיפּוֹת, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערְן טַעַם אִין לֶעבְּן.

**זָאלְסְט** זֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיט רֵיינֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צוּרִיסְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קכ"ז) אַז דִי בְּגָדִים וָואס זֵיי זֶענֶען צוּרִיסְן זֵיי זֶענֶען תּוֹבֵעַ דֶעם מֶענְטְשׁ; אַ בָּחוּר דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיינֶע קְלֵיידֶער; עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, זַיין רֵיין ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען אִיךְ נִישְׁט בַּאווַייזְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי רֵיין אוּן אַזוֹי מְסוּדָר מִיט זַיינֶע מַלְבּוּשִׁים, אַז אֲפִילוּ דִי

זוילְן פון זַיין שִׁיךְ אִיז גֶעוֶוען רֵיין, און עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעקְלֶעבְּט אֲפִילוּ קַיין שְׁטְרוֹי און שְׁמוּץ וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי רֵיין אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען, עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען זַייעֶר אוֹיף נְקִיּוּת, אִיבֶּערְדֶעם אַ בָּחוּר דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיין און שֵׁיין וְכוּ' וְכוּ'.

**אַז** מֶען זֶעט אֵיינֶער גֵייט אַרוּם שְׁמוּצִיג, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אִיז פוּל מִיט הִרְהוּרִים רָעִים רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָוארוּם דִי בְּגָדִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ דָאס אִיז אַ סִימָן אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן דֶער מֶענְטְשׁ, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן גֵיין מִיט רֵיינֶע קְלֵיידֶער.

**זָאלְסְט** זוֹכֶה זַיין מְקַיֵּים צוּ זַיין מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, און אַזוֹי ווִי מֶען אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶען אַזוֹי וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער דִיךְ מְכַבֵּד זַיין. און דָאס אִיז בָּרוּר, אַז דֶער וָואס עֶר אִיז מְצַעֵר טַאטְן מַאמֶען אַלְץ קִינְד אַלְץ בָּחוּר וְכוּ', דֶער בַּאקוּמְט אַן עוֹנֶשׁ אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אִים מְצַעֵר זַיין, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און בֶּעט אִיבֶּער טַאטְן מַאמֶען וָואס דוּ הָאסְט זֵיי מְצַעֵר גֶעוֶוען, און זָאג זֵיי צוּ אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין פוּן הַיינְט הַאלְטְן זֵיי זַייעֶר חָשׁוּב, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

**עֶס** אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אַז מֶען דַארְף זַייעֶר מְכַבֵּד זַיין טַאטְן און מַאמֶען, אָבֶּער וָואס עֶס הָאט צוּטוּן מִיטְן רֶבִּי'ן זָאל מֶען נִישְׁט פָאלְגְן וְכוּ', דָאס

הֵייסְט טַאטֶע מַאמֶע וֵוייסְן נִישְׁט וָואס הֵייסְט בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת וְכוּ׳, מֶען הָאט זֵיי אַיינְגֶערֶעדְט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ׳, מְמֵילָא זֶענֶען זֵיי מִתְנַגֵד אוֹיפְן קִינְד וָואס עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב צוּ בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, אָבֶּער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן וויסְן אַז דֶער זוּן וֶוערְט מְקוֹרָב צוּ בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן עֶר בֶּענְטְשְׁט עֶרְלִיךְ אִין אַ סִידוּר, אוּן עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע עֶרְלִיךְ, אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִים מִיט אַ חַיוּת, אוּן עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואלְטְן זֵיי אַוודַאי אוּן אַוודַאי אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיף אַ טַאץ פוּן גָאלְד אַבִּי עֶר זָאל מְקוֹרָב וֶוערְן, וָוארוּם יֶעדֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע ווילְן הָאבְן נַחַת פוּן זַיין זוּן, אִיבֶּערְדֶעם וָואס עֶס הָאט צוּ טוּן מִיט דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ דַארְף מֶען זֵיי נִישְׁט פָּאלְגְן, אַדְרַבָּה מֶען דַארְף לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה, אוּן דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ, אוּן מְקַיֵים זַיין מִצְווֹת בְּשִׂמְחָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי טַאטֶע מַאמֶע זֶען ווי דֶער זוּן שְׁטֵייגְט אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶועלְן זֵיי חֲרָטָה הָאבְן אוֹיף וָואס זֵיי הָאבְן אִים גֶערוֹדֶפְט, אוּן זֵיי וֶועלְן דִיר שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מְקַיֵים דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר דָא גֶעשְׁרִיבְּן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**גֶעוְוּאוֹינְ** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוי ווי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרַיינְד, וָוארוּם יֶעדְן

דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט נִתְקַבֵּל אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אִים, אוּן דֶערְצֵיילְט אִים יֶעדְן טָאג וָואס אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ מְחִילַת עֲווֹנוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד**

## רטז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר שְׁלַח י' סִיוָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע בְּרִיוו אוּן דְרִיקְן נָאךְ אַ כְּרַךְ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וָוארוּם דֶער גְרוֹיסֶער נוּצְן וָואס דָאס בְּרֶענְגְט קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה') "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים זְכוּת הָרַבִּים תָּלוּי בּוֹ", אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יוֹמָא פז.) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; אוּן וֶוער אִיז נָאךְ אַזָא גְרוֹיסֶער מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים וִוי דוּ? אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס אִיז אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין דַיינֶע הֶענְט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּנֵיחוּתָא, אוּן זָאלְסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת אוּן חוֹבוֹת.

**אוֹיבּ** מֶען קֶען צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע אִידִישֶׁע בְּרִיוו אוּן דְרִיקְן אִין אֵיין כְּרַךְ מִיט אַ מַפְתֵּחַ, וָואלְט דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר

אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, הַיינְט דַארְף מֶען הָאבְּן סְפָרִים וָואס זֵיי רֶעדְן אָפְּן פוּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין וָואסְפַּארַא פָּשׁוּטֶערֶע שְׁפְּרַאךְ מֶען קֶען, וָוארוּם עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִי יוּגְנְט וְכוּ׳, אוֹיף בְּנֵי הַנְעוּרִים וְכוּ׳, וָואס אִיז נָאךְ אִין קַיין שׁוּם דוֹר נִישְׁט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ הַיינְט אוֹיפְן גַאס וְכוּ׳ כַאפְּט אַ שְׁרֶעק, ווִי פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטוּבֶּער זֶענֶען פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרְבֶּעט אִין אַלֶע תַּחְבּוּלוֹת אַרַיינְצוּכַאפְּן דִי יוּגְנְט, בִּפְרַט דִי שְׁמוּץ פוּן אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִית וְכוּ׳ אוּן אַלֶע פְּרִיצוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיפְן גַאס אִיז אָיוֹם וְנוֹרָא, ווָאוּיל אִיז דֶער אִיד וָואס עֶר קֶען רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶער יוּגְנְט.

מֶען זֶעט עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט מַאכְן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת מִיט פְרֵייעֶ, אוּן קֵיינֶעם פַאלְט נִישְׁט אַיין אַז מֶען דַארְף רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶער יוּגְנְט, אוּנְזֶערֶע הֵיימִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דִי זֵיידֶעס אוּן דִי בַּאבֶּעס הָאבְּן דוּרְכְגֶעלֶעבְּט דֶעם גֵיהִנוֹם פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע עֲמָלֵקִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן הַיינְט דַארְפְן זֵיי לֵיידֶער צוּקוּקְן ווִי זֵייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, וְכוּ׳, וְכוּ׳, עֶס כַאפְּט אַ שְׁרֶעק אוּן אַ צִיטֶער וָואס עֶס טוּט זִיךְ מוּט אוּנְזֶערֶע יוּגְנְט, אִיבֶּערְדֶעם ווָאוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה מְקָרֵב צוּ זַיין אוּנְזֶערֶע הֵיימִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם דֶרֶךְ הַיָּשָׁר; אוּן מֶען טָאר נִישְׁט קְרִיטִיקִירְן קַיין שׁוּם אִיד וָואס אִיז עוֹסֵק מִיט מְקָרֵב צוּ זַיין אוּנְזֶערֶע הֵיימִישֶׁע קִינְדֶער, וָוארוּם זֵייעֶר זְכוּת אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע

זְכוּתִים, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.) כָּל הַמְקַיֵּים נֶפֶשׁ אַחַת מִיִשְׂרָאֵל מַעֲלָה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא.

**טַאטֶע** מַאמֶע עֶסְן זִיךְ אוֹיף דָאס גֶעזוּנְט, אוּן זֵיי דַארְפְן צוּקוּקְן וָואס זֵייעֶרֶע זוּן אוּן טֶעכְטֶער זֶענֶען אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, עַד כְּדֵי כַּךְ מֶען אִיז מְחַלֵּל שַׁבָּת אוּן מֶען עֶסְט טְרֵיפוֹת וְכוּ' וְכוּ' רַחְמָנָא לִיצְלָן, יֶעצְט קוּמְט אַ אִיד אוּן עֶר הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ זֵיי אוּן עֶר בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק צוּ אִידִישְׁקֵייט, אַזַא אִיד אִיז אַ צַדִיק גָמוּר, אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאל עֶר זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אַז אַךְ אוּן ווֵיי דֶער וָואס עֶר קְרִיגְט אוֹיף אִים, קַיין גֵיהִנוֹם אִיז נִישְׁט גֶענוּג פַּאר אִים; ווִי שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן אוֹיף אַ אִיד וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט צוּ רַאטֶעוֶועְן הֵיימִישֶׁע אֵייגֶענֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער? דָאס אִיז דָאךְ אַ רִשְׁעוּת שֶׁאֵין כָּמוֹהוּ! וָואס וָואלְטְן זֵיי גֶעטוּן וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר'ס אַ קִינְד? אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס שְׁטַארְקְט אַ אִיד וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ רַאטֶעוֶוען הֵיימִישֶׁע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זֵיי צוּרִיקְבְּרֶענְגְן צוּ אִידִישְׁקֵייט.

**אוּן** מִיט דַיין דְרִיקְן סְפָרִים אוֹיף אִידִישׁ הָאסְטוּ אַ חֵלֶק אִין אַרוֹיס צוּ רַאטֶעוֶוען הֵיימִישֶׁע קִינְדֶער פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן אַוַדַאי וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צוּרִיק בַּאצָאלְן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה אוּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

# ריז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר שְׁלַח י' סִיוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו, אוּן אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר וָואס דוּ הָאסְט מִיר צוּ וִויסְן גֶעטוּן וָואס דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן אוּן שְׁטֶענְדִיג טוּן מִיט דִיר נִסִים אוּן נִפְלָאוֹת, וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אַוַודַאי דַארְפְסְטוּ בֶּענְטְשְׁן גוֹמֵל, נָאךְ אַזַא שְׁוֶוערְן עֶקְסִידֶענְט אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם שְׁאֵלָה אַז דוּ דַארְפְסְט בֶּענְטְשְׁן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה בִּרְכַּת הַגוֹמֵל, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם בַּיי יֶעדְן הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַ דַאנְק דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס דוּ בִּיסְט נִיצוֹל גֶעוָוארְן מִמָּוֶת לְחַיִּים וְכוּ' וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') אַז אַ אִיד דַארְף גֶעבְּן אַ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט אַ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט נָאךְ נִסִים וְנִפְלָאוֹת, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם.**

# ריח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר שְׁלַח י״א סִיוָן ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מַיין הַארְץ אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי דוּ וויינְסְט מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערְן אוֹיף דַיין בִּיטֶערְן מַצָּב וְכוּ׳ וְכוּ׳. דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן דָאס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז דֶער עִיקָר בָּזֶה הָעוֹלָם אִיז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת מִיט יִסוּרִים מְרִירוּת מִיט מַכְאוֹבִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, סְ׳אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צָרוֹת וְכוּ׳ וָואס עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים אַ אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳; אֶמֶת דָאס אִיז נִישְׁט קַיין טְרֵייסְט אַז אוֹיף יֶענֶעם גֵייט אִיבֶּער וְכוּ׳, ׳וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דֶעם?׳ וְכוּ׳, ׳לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אִין גֶעהַאקְטֶע צָרוֹת׳ וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם ״צָרוֹת רַבִּים חֲצִי נֶחָמָה״; דָאס הֵייסְט דֶער עִיקָר פוּן אַ צָרָה אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער וְכוּ׳, אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער שְׁלִימַזָל וְכוּ׳, אוּן פוּן אִים ווִיל מֶען נִישְׁט ווִיסְן וְכוּ׳, אוּן עֶר טוֹיג שׁוֹין נִישְׁט וְכוּ׳, דָאס אִיז דֶער אַרְגְסְטֶער צָרָה וְכוּ׳, אָבֶּער וֶוען מֶען הֶערְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער, סְ׳גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, זֶה בְּכֹּה וְזֶה בְּכֹּה וְכוּ׳, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת וְכוּ׳, אוּן ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן

אַז יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס צָרָה אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צָרָה וְכוּ', ס'אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן 'אוֹי וֶוען אִיךְ הָאבּ דַיין צָרָה וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ', ס'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס צָרָה אִיז אַ בִּיטֶערֶע צָרָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, הָעִיקָר הוּא מַה שֶׁקוֹרִין 'דֶערְהַאלְטִין זִיךְ', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּבְרָאכְן וֶוערְן.

גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס הָאט אוּנְז מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק, אַ צַדִיק אַ רַחֲמָן,

אַ צַדִיק וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים, דָאס עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי לֶעצְטֶע וְכוּ' וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוּנְז, אַז מֶען זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס דְרִיקְט אִים. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, וָואס דָאס טוּט אִין הִימְל, וֶוען אַ אִיד אִיז אָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צוּ גֶעבְּן זַיינֶע קִינְדֶער צוּ עֶסְן, עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן קַיין דִירָה גֶעלְט, עֶר קֶען נִישְׁט קוֹיפְן קַיין קְלֵייד פַאר זִיךְ אָדֶער פַאר זַיין וַוייבּ אָדֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ', עֶר אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת וְכוּ', אוּן עֶר קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ גוּט אוֹיס אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וְכוּ', מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל; וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז בֶּאֱמֶת צוּבְרָאכְן אוּן עֶר קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס,

וֶועט עֶר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; דִי צָרָה אִיז וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַז עֶר אִיז אוֹיבֶעט חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זַ"ל אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָבֶער מֶען הָאט נִישְׁט אֱמוּנָה אִין זִיךְ אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער פְּגַם (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א), אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז דָא אוּן פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּן אַלֵיין, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּן אוֹיבֶעט אִין זִיךְ אַז עֶר הָאט כּוֹחוֹת צוּ פּוֹעֵלְן אִין הִימְל יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן; אוּן וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועט עֶר זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים אוּן וואוּנְדֶער וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט אִים טוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק: דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן וְכוּ', וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וְכוּ', כָאטְשׁ דוּ בִּיסְט שׁוֹין אִין אַ בִּיטֶער מַצָּב וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן אוֹיבֶעט הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיט דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר מַסְבִּיר גֶעוֶוען וְכוּ' וְכוּ' וויאַזוֹי סְ'גֵייט אִין לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֶע אִיךְ אַז דוּ הָאסְט מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעפָאלְגְט, בֶּעט אִיךְ זִיךְ מִיט רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים צוּ דִיר, פָאלְג מִיר, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וִוי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים,

דֶערְצֵייל אִים אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי וִוי אַ זוּן וֵויינְט פַארְן טַאטְן; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואסֶערֶע רַעשׁ דָאס וֶוערְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָוארוּם וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִוי מַלְאָכִים אוּן שְׂרָפִים וְכוּ' וְכוּ' זֶענֶען דִיר מְקַנֵא דִי מִינוּט וָואס דוּ גִיסְט אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וִוי דִי שְׁכִינָה זִיצְט אַקֶעגְן דִיר אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ רֶעדְסְט, וֶוען דוּ זָאלְסְט אִין דֶעם גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן דָאס, וָואלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר: זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וִוי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אוֹיף מִיר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', אוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר יֶעצְט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', וֶוען אִיךְ זָאל דִיר אוֹיסְדֶערְצֵיילְן וָואלְט דַיין הַארְץ צוּגַאנְגֶען וְכוּ', דָאס אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט וְכוּ', אוּן דָאס אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ', אִיז אוֹיף מִיר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען הוּנְדֶערְט מָאל מֶער וְכוּ' וְכוּ'. נָאר וָואס דֶען? אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען.

**ס'אִיז** גֶעוֶוען צַייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף שַׁבָּת פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן וְכוּ', אוּן וָואס אִיךְ לַייד ווייסְט נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אָבֶּער אִיךְ פָאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן בֶּעט אִיךְ נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. פַארְוָואס דֶערְצֵייל אִיךְ דִיר דָאס אוֹיס פוּן מִיר? כָאטְשׁ ס'אִיז נָאר אַ טִיפָּה מִן הַיָּם וְכוּ' וְכוּ', נָאר אִיךְ וויל אִין דִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז דוּ זָאלְסְט מִיר נָאכְמַאכְן; פָאלְג מִיר, ס'אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (עירובין מא:) עֲנִיוּת מַעֲבִירִין אֶת הָאָדָם עַל דַעְתּוֹ וְעַל דַעַת קוֹנוֹ; דָאס אָרִימְקֵייט נֶעמְט פוּן אִים צוּ דִי שֵׂכֶל, אוּן נֶעמְט פוּן אִים צוּ דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה פַארְלִירְט עֶר אַלְצְדִינְג, וָוארוּם אֱמוּנָה דָאס אִיז דִי רְפוּאָה; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (משלי כח) "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת", אַ אִיד וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט אֱמוּנָה הָאט עֶר אַסַאךְ בְּרָכוֹת, מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן.

**נָאר** זַיי שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה, זָאלְסְט וויסְן דָאס יֶעדֶעס דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁפַּאלְט אַלֶע הִימְלֶען; וּבִפְרַט וֶוען עֶר גִיסְט טְרֶערְן, דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב. אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ

צִי עֶר מֵיינְט דָאס עֶרְנְסְט, עֶר בֶּעט אוּן אִיז מִתְפַּלֵל אוּן עֶר זֶעט נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט נִישְׁט נָאךְ קַיין הָאפֶענוּנְג אוּן עֶר אִיז מַמְשִׁיךְ מִתְפַּלֵל צוּ זַיין, בַּיים סוֹף וֶועט עֶר זֶען נִסִים וְנִפְלָאוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק: שְׁטַארְק זִיךְ מִיט מִדַת הַשִׂמְחָה, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ט"ז) 'וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אַז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, חַתְ"ךְ, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט נִתְרַחֵב דֶער דַעַת, מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. אַוַודַאי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען טוּן אַלֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה - וָואס שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א', ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת, נָאר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט.

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ הוּנְדֶערְט עַמוּדִים, נָאר מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט; נָאר חַזֵר דָאס אִיבֶּער טוֹיזֶענְט מָאל דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר יֶעצְט גֶעשְׁרִיבְּן: אַז אַ אִיד הָאט בָּזֶה הָעוֹלָם קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, כָּל זְמַן עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס אִיז

עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, דֶעמָאלְטְס גֵייט עֶר אִין אַ פְּלַאץ וִוי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**וזאויל** וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען דוּ זָאגְסְט דָאס אִיבֶּער דַיין ווייבּ אוֹיבֶעט, אַז זִי זָאל אוֹיבֶעט צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַנְשְׁטָאט צוּ פְּלוֹידֶערְן שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים אוּן הַבְלֵי הֲבָלִים מִיט אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן זָאלְן זֵיי דִיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. מֶען גֶעפִינְט בַּיי יִצְחָק אָבִינוּ מִיט רִבְקָה אִמֵּנוּ, זֵיי הָאבְן בֵּיידֶע נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אִין אֵיין וִוינְקְל אוּן גֶעבֶּעטְן, אוּן זִי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דִי אַנְדֶערֶע וִוינְקְל אוּן גֶעבֶּעטְן, אוּן אַזוֹי הָאט זֵיי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְט עֶטְס בֵּיידֶע בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אֵייךְ מַרְחִיב זַיין בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחְנִיוּת, אוּן עֶס זָאל אַייךְ גוּט זַיין, וֶועט עֶטְץ זֶען וִוי שְׁנֶעל דִי יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. הֵייבּ אָן פוּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת זָאג פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶּכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה; אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַשְׁפִּיעַ פַּרְנָסָה; נָאר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, פָּאלְג וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי נִישְׁט טְרוֹיעֶרִיג, בָּאטְשׁ סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

וָוען מֶען הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן דִירָה גֶעלְט; וָוען מֶען הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן דֶעם גְרָאסֶערִי; וָוען מֶען הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אוּן מֶען אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת, אוּן אַלֶע דְרִיקְן אוּן נֵייטְן; אָבֶער ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין.

**טָאמֶער** מֵיינְסְטוּ אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין צַעַר וְכוּ', וָועל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן אַ קְלֵיין מַעֲשֶׂה'לֶע. אִיךְ בִּין דָאס אוֹיבֶעט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען: מַיין לֶענְדְלָארְד הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען מַמֶשׁ אַ רוֹצֵחַ (אַ פְרֵייעֶר מִיט אַ פָּנִים פוּן אַן אַכְזָר) אוּן דֶעמָאלְטְס אִיז גֶעוֶוען דִי גֶעזֶעץ אַז בִּיזְן פִינְפְטְן לְמִסְפָּרָם אַז מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט קֶען מֶען אַרוֹיסְוַוארְפְן. אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶער דְרִיטֶער לְמִסְפָּרָם, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ רְצִיחָה "נָאךְ צְוֵויי טֶעג אַז דוּ צָאלְסְט נִישְׁט בִּיסְטוּ אִינְדְרוֹיסְן!", (אוּן לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי מֶען הָאט נִישְׁט אֵיינֶעם אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אוֹיפְן גַאס מַמֶשׁ) הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דֶער מַצָב אִיז בִּיטֶער אוּן אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ (אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶעם שְׁלִיסְל) אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן פוּן אִינֶעוֵוייניג, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעמַאכְט דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, "וָואס טוּ אִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ מִיט צְוֵויי קִינְדֶער, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן הוֹיז הָאט גֶעזָאגְט עֶר וַוארְפְט מִיךְ אַרוֹיס נָאךְ צְוֵויי טֶעג, וָואס טוּה אִיךְ?!", אוּן אִיךְ הָאבּ בִּיטֶער גֶעוֵויינְט.

**אוּן** אַזוֹי ווִי אִיךְ ווֵיין הֶער אִיךְ ווִי אֵיינֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּמַאכְן דֶעם טִיר פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן ווִיל אַרַיינְקוּמֶען. הָאבּ אִיךְ שְׁנֶעל פַאְרְמַאכְט דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן אָפְּגֶעווִישְׁט מַיין פָּנִים פוּן טְרֶערְן, אוּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט בַּיים טִישׁ אוּן אוֹיפְגֶעמַאכְט אַ גְּמָרָא, אוּן אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט קֶעגְן אִיבֶּער אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט מִיר צוּ רֶעדְן פוּן דָא וְכוּ', פוּן דֶעם וְכוּ', אוּן גֶעבְּט מִיר אַ זָאג "אִיךְ הָאבּ צְדָקָה גֶעלְט בַּיי מִיר שׁוֹין אַפָּאר ווָאכְן אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווֶועמֶען צוּ גֶעבְּן. הַיינְט פַארְטָאגְס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹמְ'ט אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען דָא אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן ווֶעם אִיךְ ווֶעל טְרֶעפְן דֶעם עֶרְשְׁטְן זָאל אִיךְ עֶס אַוֶועקְגֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעטְרָאפְן דָא דֶעם עֶרְשְׁטְן, נַא דִיר, נֶעם", אִיךְ הָאבּ עֶס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֶעשֶׁענֶע אוּן אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט, אוּן עֶר אִיז אַוֶועק.

זְוִי נָאר עֶר אִיז אַוֶועק הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען פּוּנְקְט דִי סְכוּם פוּן דִי דִירָה גֶעלְט, אוּן עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן גֶענוּג אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען קוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת; ווָארוּם נִישְׁט אֵיין מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן חַלָה מִיט סַארְדִינְס, מֶער פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דֶעם כֹּחַ פוּן תְּפִלָה, נָאר דִי חַזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה ז:) לֹא בְּכָל שַׁעֲתָא וְשַׁעֲתָא מִתְרַחִישׁ נִיסָא; הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל מִיר מַזְמִין זַיין אַ דִירָה בַּיי אַ פְרוּמֶער אִיד ווָאס עֶר ווֶעט מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן אוֹיפְן

גַאס ווי אַזאַ רוֹצֵחַ אַ פְרֵייעֶר וְכוּ' וְכוּ', אִיז גֶעוֶוען עָלוּל וְכוּ' וְכוּ'. אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר אַוודַאי גֶעהָאלְפְן, אוּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ נֵייעֶ דִירָה, אוּן בַּיים סוֹף בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער. אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט צִיעֶן בְּמֶשֶׁךְ צְוֶועלְף יָאר וְכוּ' וְכוּ'.

**גְלֵייבּ** מִיר, אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת קֶען אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר זֵייעֶר אַסַאךְ, נָאר פַארְוָואס דֶערְצֵייל אִיךְ דִיר דָאס? דִיר צוּ שְׁטַארְקְן דָאס הַארְץ זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט בָּזֶה הָעוֹלָם נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נָאר אִים דַארְף מֶען בֶּעטְן, אוּן נָאר פוּן אִים זָאל עֶר בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן. אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים.

**נָאר** דֶערְהַאלְט זִיךְ וֶוער נִישְׁט צוּבְרָאכְן, לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס אִיז בְּלוֹיז הִתְחַזְקוּת, אוּן שְׁטַארְקְט יֶעדְן צוּבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אַ לֵב נִשְׁבָּר אַ צוּבְרָאכְן הַארְץ, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן ווידֶערוּם שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן דֶער עִיקָר שְׁטַארְקְן זִיךְ אִיז אִין תְּפִלָּה אוּן בַּקָשָׁה, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# ריט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר שְׁלַח י"א סִיוָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**דוּ דַארְפְסְט זֶען זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.** חֲזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה פָּרָשָׁה י' סִימָן ח) אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה; אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאקוּמְט עֶר אַ תּוֹרָה'דִיגְן שֵׂכֶל, אַ דַעַת תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר פְרֵיי פוּן אַלֶע מִינֵי שִׁיעְבּוּדִים אוּן אִינְטֶערְטֶענִיגְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם גֶעוֶוענְלִיךְ מֶענְטְשְׁן ווילְן מֶען זָאל זַיין אִינְטֶערְטֶענִיגְט אִינְטֶער זֵיי וְכוּ', סְ'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן לִיבּ צוּ קָאנְטְרָאלִירְן יֶענֶעם וְכוּ', אוּן פוּן דֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', וּבִפְרַט אִין הַיינְטִיגְן דוֹר.

**סְ'קוּמֶען אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ אֲשֶׁר לֹא קָרְאוּ וְלֹא שָׁנוּ וְלֹא שִׁמְּשׁוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וְכוּ', אוּן זֵיי וֶוערְן אוֹיבֶּעט מַנְהִיגִים,** אוּן זֵיי כַּאפְּן אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ אוּן בָּחוּרְלֶעךְ, אוּן זֵיי נֶעמֶען זֵיי צוּ דֶעם שֵׂכֶל מִיט דֶעם מֹחַ וְכוּ', אוּן לֵיידֶער דִי אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ אוּן דִי בָּחוּרְלֶעךְ לוֹיפְן זֵיי נָאךְ אַזוֹי ווִי מֶען לוֹיפְט נָאךְ אַ בָּאק, אַ צִיג וְכוּ' וְכוּ', סְ'אִיז דָא אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע מַנְהִיגִים וָואס זֵיי ווילְן זִיךְ נָאר פַארְלֵייגְן אוֹיף יֶענֶעם, אוּן קָאנְטְרָאלִירְן

יֶענֶעם, און צוּנֶעמֶען דֶעם שֵׂכֶל וְכוּ׳, פוּן דָארְטְן קוּמְט אַרוֹיס נָאכְדֶעם אַלֶע קִלְקוּלִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״א) אַז דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תַּאֲוָה צוּ זַיין אַ מַנְהִיג וְכוּ׳, לֵיידֶער זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פִירְן, ווי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַנְדֶערֶע וְכוּ׳? עַיֵין שָׁם. פָּשׁוּט מֶען פַּארְפִירְט אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ און בָּחוּרְלֶעךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳. אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ וֶועסְט אַלֵיין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיט תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, און דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ אֶת הַנֶּפֶשׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳, און וְעַל כּוּלָם וֶועסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא און שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳, דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען פַּארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ.

**וֶוען** אֵיינֶער לֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת פּוֹסֵק סִימָן ב׳) עַל יְדֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ בָּאִים לְיִרְאָה; אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם. און וְויסְן דַארְפְסְטוּ וְויסְן, דִי מִינוּט וָואס מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אִיז שׁוֹין בִּיטֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, און דָאס וַוייזְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מוֹרָא׳דִיג מַזְהִיר גֶעוֶוען אוֹיף לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ט) אַ יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי

אִים אַ חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, אַ קְבִיעוּת, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, "אִיר מֶעגְט קְנֶייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אִיר ווילְט, אָבֶּער דֶער עִיקָר נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ", דָאס הֵייסְט מֶען מֶעג מְחַדֵּשׁ זַיין אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, וָוארוּם אִין זַיין סֵפֶר אִיז כָּלוּל אַלֶע פְּשָׁטִים, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זָאגְן אַ פְּשַׁט וִוי עֶר וִויל וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ גוּטְן חִידוּשׁ אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אָבֶּער נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"א) וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַדֵּשׁ חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה דַארְף עֶר אַוֶועקְשְׁטֶעלְן מִילִיטֶער פַארְן חִידּוּשׁ אוּן נָאכְן חִידּוּשׁ, אוּן וָואס זֶענֶען דִי מִילִיטֶער? שׁוּלְחָן עָרוּךְ; דָאס הֵייסְט וֶוען אֵיינֶער קֶען מְחַדֵּשׁ זַיין חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה הָאט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגְן יֵצֶר הָרַע מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין נַייעֶ הַנְהָגוֹת מִיט נַייעֶ דְרָכִים מִיט נַייעֶ הֲלָכוֹת'ער, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף עֶר זֶען אַז אִין זַיינֶע חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם חַס וְשָׁלוֹם קִלְקוּלִים, נַייעֶ הַנְהָגוֹת, נַייעֶ דְרָכִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס וֶוערְט גֶעטוּן אַז מֶען לֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ פַארְן חִידּוּשׁ, אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ נָאכְן חִידּוּשׁ, דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג זֶען אֲפִילוּ מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה, דָאס מוּז זַיין גֶעבִּינְדְן אוּן גֶעפְלָאכְטְן מִיטְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

מֶען זֶעט עֶס אִיז דָא אִין דִי הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת סְפָרִים, אוּן אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ נָאר אִיבֶּערְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, גֵייט עֶר אוֹיף אַ גוּטְן אוֹיסְגֶעטְרָאטְן וֶועג, וְויפֶער עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן קֶען מֶען אוֹיסְגֶעריסְן וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט. אוּן מֶען זֶעט דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁפֶּעט פוּן הַלָכוֹתֶ'ער פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, זֶענֶען נָאכְדֶעם אוֹיסְגֶעריסְן גֶעוָוארְן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן אַוֶועק אִינְגַאנְצְן רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, דָאס אִיז דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע מַשְׂכִּילִים. אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען דִיר נִישְׁט קֶענֶען פַארְפִירְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען דִיךְ אִינְטֶערְטֶענִיגְן וְכוּ' וְכוּ', וַוייל דוּ וֶועסְט גְלַייךְ זֶען, אוֹיב סְ'אִיז אַקֶעגְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ דַארְפְסְטוּ פוּן דָארְטְן אַנְטְלוֹיפְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ מֵיין וְכוּ', וָוארוּם אִיךְ מֵיין גָארְנִישְׁט נָאר פָּשׁוּט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע מַנְהִיגִים'לֶעךְ וְכוּ', וָואס זֵיי פַארְפִירְן דִי יוּגְנְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר הָאט אוּנְז אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אִין אוּנְזֶער דוֹר אַזַא מִין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע, וָואס מִיט זַיינֶע סְפָרִים אִיז עֶר מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק אוּן מְשַׂמֵחַ אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת,

און פִּרְט זַיי אוֹיפְן דֶּרֶךְ הָאֱמֶת, אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, און חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אֲשֶׁר פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ בְּתוֹךְ הַסֵּפֶר; דֶער צַדִּיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, און אַז מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן צַדִּיק טְרֶעפְט מֶען דֶעם צַדִּיק.

**און** עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "יִשְׂמַח לֵב" פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי נָחוּם מִטְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע דָאס מֶען קֶען זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ זַיין אוֹיף אַ סֵפֶר פוּן צַדִּיק, און דָארְטְן טְרֶעפְן דֶעם צַדִּיק, דָאס הֵייסְט אַז אִין דֶעם סֵפֶר לִיגְט דֶער צַדִּיק, יֶעדֶער צַדִּיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, (עַיֵּין שָׁם, בְּמַסֶּכֶת שַׁבָּת). זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס עֶר לֶערְנְט סִפְרֵי צַדִּיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע. און מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אִין אַלֶע סְפָרִים, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ח) אַז עֶס אִיז רָאוּי פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל דוּרְכְגֵיין אַלֶע סְפָרִים וְכוּ'. דִי אַלֶע קְלֵיין קֶעפְּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן מוֹרָא עֶס וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵיי חֲסִידִים, זָאגְן זֵיי אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר אָדֶער אִין יֶענֶעם סֵפֶר וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט שֵׂכֶל זֶעט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא און עֶר זָאגְט בְּפֵירוּשׁ אַז אַ אִיד זָאל דוּרְכְלֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים שֶׁבָּעוֹלָם.

**בִּפְרַט** הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דִי כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אִיז אַזוֹי גְרוֹים, דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "וַיוֹאֶל מֹשֶׁה" וָואס עֶר אִיז מְבַרֵר וִוי וַוייט מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם אִיד וָואס אִיז זִיךְ מְחַבֵּר צוּ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רכ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר שְׁלַח י"ב סִיוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** דַארְפְסְט ווִיסְן דָאס אַלֶע צַייטוּנְגֶען זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּכָּן וְכוּ', מֵילָא דִי פְרֵייעֶ צֵייטוּנְגֶען אִיז אָפְּגֶערֶעדְט, עֶס אִיז פוּל מִיט מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן יֶעדְן דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, זֵיי זֶענֶען מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים אוּן רֶעדְן אָפְּן קֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס גְרוּעִים שֶׁבְּאוּמוֹת הָאבְּן מוֹרָא דָאס צוּ שְׁרַייבְּן אוּן רֶעדְן וְכוּ' וְכוּ'; אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס פוּל מִיט נִיאוּף שִׁיקוּץ תִּיעוּב וְזִיהוּם וְכוּ' וְכוּ', שְׁמוּצִיגֶע עֶקְלְדִיגֶע גֶעמֵיינֶע בִּילְדֶער, וָואס נָאר פְּרָאסְטֶע גוֹיִים בַּאנַוייזְן אַזֶעלְכֶע גֶעמֵיינְהֵייט וְכוּ' וְכוּ'.

**אָבֶער** אֲפִילוּ פְרוּמֶע צַייטוּנְגֶען דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם, וָוארוּם אַלֶעס מֵיינְט נָאר פָּאלִיטִיק, יֶעדֶער וויל אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין קְרֵייז וְכוּ', נָאר זֵיי זֶענֶען אִין אֶמֶת אוּן אַלֶע זֶענֶען אִין שֶׁקֶר וְכוּ', אוּן עֶס פֶעלְט נִישְׁט דָארְטְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת אוּן לֵיצָנוּת וְכוּ'. אוּן כְּדֵי אַרַיינְצוּכַאפְּן לֵיינֶער הָאט מֶען עֶרְפִינְדְן אַ גוּטֶע עֵצָה, מֶען לֵייגְט אַרַיין אַן אָפְּטֵיילוּנְג פוּן הֲלָכָה אוּן פוּן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים אוּן בַּאשְׁרַייבּוּנְגֶען פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אִינְטְרֶעסַאנְט, אוּן אַ מֶענְטְשׁ קוֹיפְט דָאס וַוייל עֶר וויל דָאס לֵיינֶען, אָבֶער דֶערְוַוייל פַארְקוּקְט עֶר אוֹיבֶעט אִין דִי לָשׁוֹן הָרַע'ס אוּן רְכִילוּת'ן אוּן לֵצָנוּתֶ'ער אֵיינֶעם אוֹיפְן צְוֵוייטְן וָואס דָאס אִיז שׁוֹין אַ אִיסוּר חָמוּר; אִיבֶּערְדֶעם אִיז "שׁוֹמֵר נַפְשׁוֹ יִרְחַק מֵהֶם".

**מִכָּל** שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן דִי אַלֶע וֶועבְּסַייטְס וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן, וָוארוּם אִין אַ סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער, וָואס אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (מִשְׁלֵי ב') "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים" אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט דָארְטְן אַרַיין קֶען מֶען שׁוֹין פוּן דָארְטְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, וָוארוּם דָאס אִיז אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע וָואס אוֹיבּ מֶען זִינְקְט אִין דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, וָוארוּם דִי תַּאֲווֹת נִיאוּף דִי שְׁמוּץ וָואס עֶס לִיגְט דָארְטְן פוּן דִי גוֹיִים אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

**וָואס** טוּט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם? עֶר זָאגְט אוּן רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ, "גֵיי אַרַיין דָארְטְן, וָוארוּם מֶען קֶען דָאס

אויסְנִיצְן בִּקְדוּשָׁה; טויזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן בִּתְשׁוּבָה פוּן דַיין דְרָשָׁה...", אוּן לִכְאוֹרָה אִיז דָאס אַ גוּטֶע סְבָרָה וְכוּ', אָבֶּער מֶען כַאפְּט נִישְׁט דָאס מִיט אֵיין שְׁלֶעבְּטְן דְרִיק אויפְן קְנֶעפְּל קוּמְט אַרויף אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּץ, וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אויף דֶעם (מִשְׁלֵי ה') "הַרְחֵק מֵעָלֶיהָ דַרְכֶּךָ וְאַל תִּקְרַב אֶל פֶּתַח בֵּיתָהּ: פֶּן תִּתֵּן לַאֲחֵרִים הוֹדֶךָ וּשְׁנֹתֶיךָ לְאַכְזָרִי: פֶּן יִשְׂבְּעוּ זָרִים כֹּחֶךָ וַעֲצָבֶיךָ בְּבֵית נָכְרִי: וְנָהַמְתָּ בְאַחֲרִיתֶךָ בִּכְלוֹת בְּשָׂרְךָ וּשְׁאֵרֶךָ", עֶס אִיז שְׁוֶוער מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶר לִיגְט שׁוֹין טִיף אִין בְּלָאטֶע, אָבֶּער אַ פַּאקְט בְּלַייבְּט אַ פַּאקְט, אֵיינְמָאל אַז מֶען הָאט דִי כְּלֵי שׁוּפְכִין אִין שְׁטוּב קֶען מֶען שׁוֹין פוּן דֶעם נִישְׁט אַרויסְגֵיין, וָוארוּם עֶס צִיט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס אַ שְׁפִּין אִיז, קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין. אַ שְׁפִּין שְׁפֵּייט אַרוֹיס פוּן זַיין פִּיסְק שְׁפִּינֶען וֶועבֶּעכְץ, אוּן אַ פְלִיג דַארְף נָאר אָנְרִירְן דָאס וֶועבֶּעכְץ מִיט זַיין דִינֶע פִּיסְל וְכוּ' וֶוערְט עֶר גְלַייךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם וְכוּ', אוּן עֶר קֶען שׁוֹין פוּן דֶעם נִישְׁט אַרויסְגֵיין, אוּן דֶער שְׁפִּין צִיט אַרוֹיס דָאס מַארֶעךְ פוּן קָאפּ פוּן פְלִיג. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דִי צֵייטוּנְגֶען אוּן דִי אִינְטֶערְנֶעט אוּן דִי וֶועבְּסֵייטְס וְכוּ' וְכוּ', שְׁפִּינֶען וֶועבֶּעכְץ וָואס וֶוערְט אַרוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן פוּן דִי שְׁרַייבֶּערְלֶעךְ, אוּן דִי קְלֵיין קֶעפְּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן צוּ דֶעם צוּגֶעקְלֶעבְּט אוּן קֶענֶען שׁוֹין פוּן דֶעם מֶער נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, אַז ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אויף זִיךְ אוּן אויף זַיין וַוייבּ אוּן

קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִית אִין שְׁטוּב.

**אִיךְ** הָאבּ גַאנְץ גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דַיינֶע סְבָרוֹת וָואס דוּ בִּיסְט מִיר מַסְבִּיר וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶער אַ חִידוּשׁ אוּן אַ פֶּלֶא אִיז, צוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּין גְמָרָא אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט בִּיטוּל תּוֹרָה; אוּן צוּ אַרַיינְגֵיין אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אָדֶער אַנְדֶערֶע כְּלֵי שׁוֹפְכִין וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה וְכוּ' נָאר דָאס אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וְכוּ'? זֶעסְט אַלֵיין ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרְבֶּעט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ'.

**אִיךְ** הָאבּ מַיינְס גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן דוּ טוּ יֶעצְט וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט; נָאר אִיךְ קֶען דִיר אַזוֹיפִיל זָאגְן: דָאס וֶוער עֶס טְרַאכְט גוּט גוּט אוֹיפְן תַּכְלִית אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען פְּלוּצְלִינְג וֶועט דִי נְשָׁמָה אַרוֹיסְגֵיין פוּן גוּף וְכוּ', דֶעם גוּף וֶועט מֶען בַּאגְרָאבְּן אִין דֶער עֶרְד, אוּן דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיבְן וְכוּ'. וָואס וֶועט עֶר זָאגְן פַארְן שׁוֹמֵר הַפֶּתַח וָואס וֶועט אִים פְרֶעגְן דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁאֵלָה "עַרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָרִיתָ, מִשְׁנָה שֶׁשָׁנִיתָ וְכוּ', נָשָׂאתָ וְנָתַתָּ בֶּאֱמוּנָה וְכוּ'"; הָאסְטוּ גֶערֶעדְט נָאר פוּן אֱמוּנָה?

**קֵיינֶער** ווִיל פוּן דֶעם נִישְׁט הֶערְן, אוּן מֶען ווִיל פוּן דֶעם נִישְׁט רֶעדְן, אוּן מֶען ווִיל אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דֶעם; נָאר מֶען אִיז בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט "אִיךְ וֶועל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן... עֶס אִיז דָא אַ חֶבְרָה שְׁטַארְבֶּערְס, אִיךְ בַּאלַאנְג

נִישְׁט צוּ דִי חֶבְרָה!". עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, דָאס וֶוער עֶס טְרַאכְט נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים וְכוּ' אַז עֶר וֶועט מוּזְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט וְכוּ', דֶעם גוּף וֶועט מֶען בַּאהַאלְטְן אִין דֶער עֶרְד, אוּן דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיבְן, פוּן אִים שְׁמוּעֶס אִיךְ נִישְׁט, עֶר אִיז בַּיי מִיר צוּגֶעגְלִיכְן אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה וְכוּ'; אָבֶּער דֶער וָואס עֶר טְרַאכְט יָא פוּן תַּכְלִית הַנִצְחִי אוּן עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ וְכוּ', פַאר אִים הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְן דִי "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" וָואס דָאס אִיז הוֹילֶע הִתְחַזְקוּת.

**הַיינְט** הָאט פַּאסִירְט אַ מוֹרָא'דִיגְן אוּמְגְלִיק אִין דִי שְׁטָאט אַשְׁדוֹד. אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ מַאכְן אַ בְּרִית פַאר זַיין עֶרְשְׁט גֶעבּוֹירֶענֶעם קִינְד, אוּן פְּלוּצְלִינְג, מַמָשׁ פְּלוּצְלִינְג אִיז עֶר צַאמְגֶעפַאלְן אוּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁוֶוערְן הַארְץ אַטַאקֶע אוּן אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען בֵּין הַחַיִים, אוּן לֵיידֶער הָאט מֶען גֶעמוּזְט קוֹדֶם מַאכְן דִי לְוָיָה אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית, אוּן דָאס קִינְד שׁוֹין אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן נָאכְן פָאטֶער.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעגְרֵייט וְכוּ' וְכוּ'; וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קנג.) "שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ"; שָׁאֲלוּ תַּלְמִידָיו אֶת רַבִּי אֱלִיעֶזֶר "וְכִי אָדָם יוֹדֵעַ אֵיזֶהוּ יוֹם יָמוּת?", אָמַר לָהֶן, "וְכָל שֶׁכֵּן יָשׁוּב הַיוֹם שֶׁמָא יָמוּת

לְמָחָר, וְנִמְצָא כָּל יָמָיו בִּתְשׁוּבָה", וְאַף שְׁלֹמֹה אָמַר בְּחָכְמָתוֹ (קֹהֶלֶת ט') "בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים וְשֶׁמֶן עַל רֹאשְׁךָ אַל יֶחְסָר"; אַ אִיד וָואס גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, דֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּרִיקְצוּקוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז וואוּיל פַּאר דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט שׁוֹין אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיסְן שִׂמְחָה, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ מֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט עֶר אַלְץ מֶער פְרֵיילִיכֶער, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה, וֶוען אַ אִיד אִיז דָבוּק אִין עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, קוּמְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר לֶעבְּט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן בִּטָחוֹן אוּן הָאפֶענוּנְג, אַז וואוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד**

# רכא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר שְׁלַח י״ג סִיוָן ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס דוּ לֶעבְּסְט אִין אַ דִמְיוֹן וְכוּ׳, וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז אַלֶע רוֹדְפְן דִיךְ וְכוּ׳. עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער ״צֶמַח צֶדֶק״ זי״ע, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז וֶוען עֶר קוּמְט אִין שׁוּל טְרֶעטְן אַלֶע אוֹיף אִים וְכוּ׳, הָאט דֶער צַדִיק אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט אַז אַלֶע זָאלְן טְרֶעטְן אוֹיף דִיר? זֶעץ דִיךְ אִין דַיין ווִינְקְל וֶועט קֵיינֶער דִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאמֶערְקְן״. דָאס הֵייסְט, וֶוען טְרֶעט מֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ? וֶוען עֶר הָאט צוּטוּן מִיט אַן אַנְדֶערְן, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר צִיט זִיךְ נָאר אַרוֹיף צוּ אִים מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶעם קֶען קֵיינֶער גָארְנִישְׁט טוּן.

וְדִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּ אַ צַדִיק אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר אִים אַז אִין שׁוּל שְׁטוּפְּט מֶען אִים פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אוּן עֶר וֶוערְט צוּדְרִיקְט וְכוּ׳, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט, ״דֶער טֶבַע פוּן אַ בּוֹים אִיז אַז עֶר וַואקְסְט הוֹיךְ וְכוּ׳ אַרוֹיף

אַרוֹיף אִין דֶער הֵייעך וְכוּ', אָבֶּער נִישְׁט אִין דִי בְּרֵייט; אַזוֹי אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ בּוֹים, וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כ') "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אוּן דֶער טֶבַע פוּן אַ בּוֹים אִיז אַז עֶס וַואקְסְט אִין דֶער הוֹיךְ אָבֶּער נִישְׁט אִין דֶער בְּרֵייט וְכוּ', וֶוען אַ אִיד קוּקְט נָאר אַרוֹיף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן וִויל גָארְנִישְׁט נָאר נִכְלָל וֶוערְן אִין אִים עֶר זָאל שְׁפִּירְן עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, דֶער וַואקְסְט הוֹיךְ וְכוּ', אוּן אִים קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן; מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית אוּן זוּכְט נִישְׁט קַיין רוּחְנִיוּת וְכוּ', דֶער וַואקְסְט אִין דֶער בְּרֵייט, אוּן עֶר נֶעמְט צוּ פְּלַאץ וְכוּ', מְמֵילָא שְׁטִיפְּט מֶען אִים פוּן בֵּיידֶע זַייטְן וְכוּ'".

אִין דִי שְׁטָאט טְשֶׁעהְרִין הָאבְּן גֶעוואוֹינְט זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ, אוּן וִוי דֶער טֶבַע פוּן אַ רַייכְן אִיז (מִשְׁלֵי יח) "וְעָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת", הָאבְּן אַלֶע עֲשִׁירִים גֶעוָואלְט זִיצְן נָאר אִין מִזְרָח, אִיז נַאטוּרְלִיךְ גֶעוֶוען דָארְטְן אַ גְרוֹיסְן שְׁטוּפֶּענִישׁ, אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁטוּפְּט דֶעם אַנְדֶערְן פוּן רוֹב עֶנְגְשַׁאפְט; הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רָב זַ"ל אָנְגֶערוּפְן "דִי גוּפִים זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט, אָבֶּער דִי הֶערְצֶער זֶענֶען אַזוֹי וַוייט"; וָוארוּם אֵיינֶער הָאט פַיינְט גֶעהַאט דֶעם אַנְדֶערְן, וִוי דֶער טֶבַע אִיז פוּן עֲשִׁירִים אַז אֵיינֶער קֶען נִישְׁט לַיידְן דֶעם צְוֵייטְן, אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט מוּסָר "דִי גוּפִים זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט, אָבֶּער דִי הֶערְצֶער זֶענֶען אַזוֹי וַוייט".

**אַז** וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וִויל גָארְנִישְׁט, און דַארְף גָארְנִישְׁט, און הָאט גָארְנִישְׁט; פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען. און דָאס אִיז דֶער מַדְרֵיגָה פוּן צַדִיקִים דָאס זֵיי זֶענֶען בָּטוּל וּמְבוּטָל בְּעֵינֵי עַצְמָן, זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ אַזוֹי וִוי אַ שְׁטִיק בְּלָאטֶע, און זֵיי הַאלְטְן זִיךְ נִידְרִיגֶער פוּן אַלֶעמֶען, און מִמֵילָא קֶען מֶען זֵיי גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען, אַז וואויל אִיז דֶער וָואס עֶר קוּמְט צוּ דִי מַדְרֵיגָה אַז עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און וִויל לֶערְנֶען מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מִדְרָשׁ הֲלָכָה וַאֲגָדָה, און שְׁפַּאצִירְט דוּרְךְ אִין אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, דֶעם אִיז גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג און אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד**

# רכב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר שְׁלַח י״ג סִיוָן ה׳תשע״א**

## שָׁלוֹם רַב אֶל ... תִּחְיֶה

וָוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען מִיט דַיין מַאן בַּיי מִיר, הָאבּ אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן אִין פָּארְנְט פוּן דַיין מַאן גָארְנִישְׁט, כְּדֵי נִישְׁט גִיסְן מֶער אוֹיל אוֹיפְן פַייעֶר וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין עֶנְקֶער שְׁטוּבּ וְכוּ׳ וְכוּ׳; אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ דָאס דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעַרְעכְט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען אַן אֵיידְל מַאן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס זִיצְט און לֶערְנְט

מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, אוּן דֶער עִיקָר אִיז דָאס עֶר אִיז אַן אוֹיסֶער גֶעוֶוענְדְלִיכֶער בַּעַל מִדוֹת, עֶר רֶעדְט צוּ דִיר מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט אֵיידְלְקֵייט וְכוּ', וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הֶערְן פוּן אִים אַ הוֹיךְ וָוארְט, עֶר אִיז דִיךְ זֵייעֶר מְכַבֵּד, אוּן עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף מִיט דִיר זֵייעֶר אֵיידְל וְכוּ' וְכוּ'; אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ אִים אַזוֹי רוֹדֵף'ן? וָואס דַארְפְסְטוּ אִים אַזוֹי סֶעקִירְן וָואס אִיז אַז עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד? אַדְרַבָּה דִי אַלֶע מִדוֹת טוֹבוֹת וָואס דוּ אַלֵיין וֵוייסְט אַז עֶר הָאט, קוּמְט נָאר וַוייל עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד; אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ אִים אַזוֹי רוֹדֵף'ן, אוּן זִידְלֶען מִיט דִי גֶעמֵיינְסְטֶע וֶוערְטֶער וְכוּ'? דוּ הַאלְטְ אִים אִין אֵיין שֶׁעלְטְן וְכוּ', אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן אִים פַאר עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער; פְרֶעג אִיךְ דִיר: אִיז דָאס שֵׁיין? אַזוֹי דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער? וַוייל אַפָּאר פַארְדָארְבֶּענֶע חַבֶרְטָאֶרֶענְס וָואס דוּ הָאסְט, הֶעצְן דִיר אוֹיף אַקֶעגְן דַיין אֵיידֶעלְן מַאן?

גֵיי נָאר אִין שְׁפִּיטָאל בַּאזוּכְן קְרַאנְקֶע, וֶועסְטוּ זֶען וִויפִיל יוּנְגֶע פְרוֹיעֶן נֶעבֶּעךְ מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דִי בִּיטֶערֶע מַחְלָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶערְן גֶעטוֹוישְׁט מִיט דִיר, וָוארוּם דִיר פֶעלְט גָארְנִישְׁט: דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט וְכוּ', הָאסְט נִישְׁט קַיין טְרָאפּ אַיינְזֶעעֶנִישׁ אוֹיף דַיין אֵיידֶעלְן מַאן? עֶס אִיז דָא לֵיידֶער שְׁלֶעכְטֶע מֶענֶער וְכוּ', פַארְבִּיסֶענֶע גְרָאבֶּע יוּנְגֶען וְכוּ', וָואס זֵיי זִידְלֶען אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער וְכוּ', אוּן דֶערְגֵייעֶן זֵיי דִי יָארְן וְכוּ', אוּן דֶערְנִידֶערְן זֵיי, אוּן נִיצְן אַלֶע גֶעמֵיינֶע שְׁפְּרַאכְן אוֹיף זֵיי וְכוּ' וְכוּ', אֶפְשָׁר אַזַא מַאן

וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט הָאבְּן... אָבֶער נִישְׁט אַן אֵיידֶעלֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס פִּירְט זִיךְ אַזוֹי עֶרְלִיךְ, און אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי, און קוֹיפְט דִיךְ אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, וִוי דַיין מַאן וָואס אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי וְכוּ׳. וָואס דַארְפְסְטוּ זַיין אַזַא מַרְשַׁעַת און אוֹיפְרֵידֶערְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוֹיף אִים, בִּיז אַלֶע מֵיינֶען ׳וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶר אִיז׳? וָואס דוּ אַלֵיין וֵוייסְט אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט, נָאר דִי שְׁלֶעכְטֶע חַבֶרְטָארֶענְס הָאבְּן דִיר אָנְגֶערֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר אוֹיף אִים, און זֵיי וִוילְן זֶען אִין דַיין מַפָּלָה וִוי דוּ גֶט׳סְט זִיךְ וְכוּ׳, און נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי דִיר אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְקוּקְן, און דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן צוּ גֶעלֶעכְטֶער און צוּ שְׁפָּאט אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט טוֹישְׁן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, און זָאלְסְט הִיטְן דַיין שְׁפְּרַאךְ, זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי גֶעמֵיין וָואס עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער, דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, און דוּ וֶועסְט אוֹיפְצִיעֶן אַ שֵׁיין אִידִישׁ שְׁטוּבּ; דִי קִינְדֶערְלֶעךְ וֶועלְן זַיין צוּפְרֵידֶענֶע (נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקֶענֶע און צוּרִידֶערְטֶע וְכוּ׳ וִוי זֵיי זֶענֶען יֶעצְט, וַוייל זֵיי זֶען וִוי דִי מַאמֶע זִידְלְט און שֶׁעלְט זֵייעֶר אֵיידֶעלְן טַאטְן).

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דַיין הַארְץ דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ מִיט בְּלוּט פוּן מַיין הַארְץ צוּ דִיר, נִישְׁט מִיט קַיין טִינְט נָאר מִיט בְּלוּט; וָוארוּם אִיךְ זֶע וִוי דוּ מַאכְסְט זִיךְ אַלֵיין חָרוּב דַיין אֵייגֶענֶעם

שְׁטוּב, אוּן דוּ פַארְבִּיטֶערְסְט זִיךְ דַיין אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן וֶועגְן אַפָּאר שְׁלֶעכְטֶע פַארְדָארְבֶּענֶע חַבֶרְטָארֶענְס, אִיךְ הָאף דָאס דוּ וֶועסְט זִיךְ בַּייטְן אוּן דֶערְמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט אִין עֶנְקֶער שְׁטוּב.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיג לֶעבְּן**

## רכג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר שְׁלַח י״ג סִיוָן ה׳תשע״א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט פַאר הַדְפָּסַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ ז״ל. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז״ל הָאט גֶעזָאגְט, דָאס דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז אוֹיף צוּ גֶעבְּן דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וָואס טוּט מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן ס׳אִיז מְחַזֵּק אַלֶע צוּבְרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת; אוּן עֶר טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה׳ אוֹת ל״ו) דֶעם פָּסוּק (תְּהִילִים קי״ט) "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת", וָואסֶערֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג? וֶוען עֶר גֶעבְּט צוּ דְרִיקְן תּוֹרַת אֱמֶת פוּן צַדִּיק הָאֱמֶת, דָאס הֵייסְט וֶוען מֶען גֶעבְּט פַאר אַן אָרִימַאן צְדָקָה צוּ עֶסְן, הָאסְטוּ גֶעגֶעבְּן אֵיין מָאל; מָארְגְן דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל,

**און איבּערמאַרגן דאַרף ער נאָכאַמאָל; מַה שֶּׁאֵין כֵּן ווען אַ איד גיט געלט אָפּצודרוקן אַ ספר פון דעם הייליגן רבי'ן דאָס בלייבּט אויף אייבּיג.**

**אַזוֹי** ווי די חז"ל זאָגן (כתובות נ.) אויפן פּסוק (תהלים ק"ו) "אַשְׁרֵי שׁוֹמְרֵי מִשְׁפָּט עוֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל עֵת", וְכִי אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת צְדָקָה בְּכָל עֵת? וְכוּ', זֶה הַכּוֹתֵב (סְפָרִים) וּמַשְׁאִילָן לַאֲחֵרִים; דאָס הייסט אַז מען גיט געלט אָפּצודרוקן איין ספר, דאָס איז "צְדָקָה בְּכָל עֵת"; וואָרום דער איד האָט דעם ספר'ל בּיי זיך שטענדיג ווען ער זיצט אין שטוּב, ווען ער פאָרט אויפן וועג וְכוּ' וְכוּ', שטענדיג האָט ער מיט זיך דעם ספר, אַז מען גיט איין מאָל איז דאָס שוין "צְדָקָה בְּכָל עֵת" אַ שטענדיגע צדקה, וואָס דער איד וועט שוין דעם ספר נישט אַרויסלאָזן פון די הענט; ווי מיר זען בּחוּש דאָס דעם הייליגן רבינ'ס ספרים זענען מְחַיֶּה און מְחַזֵּק און מְשַׂמֵּחַ אַלע צוּבּראָכענע און צופאַלענע און דערוואייטערטע נשמות; מַה שֶּׁאֵין כֵּן צדקה פאַר אַן אָרימאַן מִיזְטוּ אים געבּן יעדן טאָג אַז ער זאָל קענען קויפן עסן, און נישט יעדער איינער קען דאָס בּאַוואייזן, וואָרום רוֹב מענטשן מוטשען זיך אַליין שווער אויף פּרנסה צו געבּן צו עסן איינענע ווייבּ און קינדער, און ער קען נישט אויסהאַלטן אַן אַנדערן וְכוּ'; מַה שֶּׁאֵין כֵּן אַז מען גיט צדקה צו דרוקן אַ ספר'ל פון הייליגן רבי'ן, דאָס בּלייבּט שוין אויף אייבּיג, מען האָט איין מאָל געגעבּן, און דער ספר גייט אַרוּם אויף דער גאַנצער וועלט. און

ווי מֶען זֶעט הַיינְט אִין דִי בִּיבְּלָאטִיקְן אִיז דָא סְפָרִים פוּן הוּנְדֶערְטֶער יָארְן.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם דָאס דִי הֶעכְסְטֶע צְדָקָה אִיז צוּ גֶעבְּן אוֹיף צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דָאס רַאטֶעוֶועט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אַז ווארִיל אִיז דֶעם אִיד וָואס גֶעט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן עֶר הָאט אַ חֵלֶק אִין מְקַרֵב זַיין אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז ווארִיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן ווארִיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (יְשַׁעְיָה נ"ח) "וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ כְּבוֹד הַוָיָ"ה יַאַסְפֶךָ".

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רכד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר קֹרַח י"ז סִיוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**קוֹדֶם** ווִיל אִיךְ דִיר שְׁטַארְק מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט נִישְׁט אַריינְפַאלְן אִין קַיין שׁוּם פַּחַד וְכוּ', וָוארוּם גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז זַייעֶר זַייעֶר גְרוֹיס, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) "גָדוֹל הַוָיָ"ה וּמְהוּלָל מְאֹד וְלִגְדוּלָּתוֹ אֵין חֵקֶר", קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז מְמֵילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, וַוייל

תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה זָאל עֶר זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט פּוֹעֵל'ן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, וּבִפְרַט תְּפִלַּת הָרַבִּים; אִיבֶּערְהֶעם זָאלְסְטוּ מְעוֹרֵר זַיין הֵן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא, זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין מֶען זָאל הָאבְּן אַ קָאנְטְרִי; אוּן הֵן דִי בָּחוּרִים, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִלָּה אִיז, וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין, אוּן ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ל' סִימָן ג') בְּדוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתוּמִים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה, זוּ בִּלְבַד אָמַר דָוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תְּבַזֶּה אֶת תְּפִלָּתָם; אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט דָאס אַרַיין טִיף אִין הַארְצְן אַרַיין אוּן אִיז דָאס מְקַיֵּים.

**ווִידֶער** זָאגְן דִי חַזַ"ל (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא) אָמַר לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל, הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה, וְהִיא גְּדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת וְכוּ', וַאֲפִילוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לַעֲנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ, כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ; אוּן דָאס דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר קְלֵיין, אוּן אוֹיבֶּעט אִין דִי בָּחוּרִים, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר תְּפִלָּה; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט') עִיקַּר הַחַיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מ"ב) "תְּפִלָּה לְאֵ-ל חַיָּי", אַז אַ אִיד

**גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז זַיין גַאנְץ חַיוּת.**

**ווִידֶער** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'חוֹטֶם' אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מ"ח) "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ", וָואס הָאט אַ שַׁיְיכוּת חוֹטֶם (דֶער נָאז) צוּ תְּפִלָּה? נָאר אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעפְּט לוּפְט דוּרְךְ דִי נָאז, אַזוֹי דַארְף עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען צוּ תְּפִלָּה אַז דָאס אִיז זַיין גַאנְץ חַיוּת, שְׁטֶענְדִיג זָאל עֶר רֶעדְן אוּן בֶּעטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן; ווִידֶער הָאט תְּפִלָּה אַ שַׁיְיכוּת צוּם חוֹטֶם (דֶער נָאז), וָוארוּם אֲרִיכוּת אַפַּיִם גֶעדוּלְד אִיז תָּלוּי אִין נָאז, אוּן פַארְקֶערְט נֶערְוֶועזְקֵייט כַּעַס, אִיז תָּלוּי אוֹיךְ אִין נָאז, לָשׁוֹן חֲרוֹן אַף, דָאס הֵייסְט אַז אִין תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ מֶען בֶּעט אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר מַמְשִׁיךְ זַיין בֶּעטְן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:) אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנָה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים כ"ז, י"ד) "קַוֵּה אֶל הַוָיָ"ה חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל הַוָיָ"ה".

**אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.**

מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ דוּרְכְשְׁנִיטְלִיכְן מֶענְטְשׁ וָואס תְּפִלָּה אִיז, אוּן וָואס תְּפִלָּה פּוֹעֵל'ט, וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, דֶער קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אִיבֶּערְדֶעם זַיי

שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זֶען וואוּנְדֶער וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט טוּן פַאר עֶנְק.

**אִיךְ** וויל דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין דִי בָּחוּרִים, וָוארוּם שַׁבָּת הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט בַּיי מִיר עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים, אוּן ס'אִיז אַ נַחַת צוּ הֶערְן ווִי דֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט כַּמָה מַסֶכְתּוֹת, אוּן דֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט כַּמָה פְּעָמִים שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ מְזַכֶּה צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט תּוֹרָה אוּן מִיט תְּפִלָּה, וָוארוּם נָאר דָאס וֶועט פוּן אוּנְז בְּלַייבְּן, אוּן נָאר דָאס וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא הָאט גֶעזָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו') לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיוֹת, אֶלָא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד.

**קֵיינֶעם** פַאלְט נִישְׁט אַיין דָאס עֶס וֶועט קוּמֶען אַמָאל דִי צַייט וָואס עֶר וֶועט מוּזְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען דָאס וֶועט זַיין, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קנ"ג.) רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר, שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ, שָׁאֲלוּ תַּלְמִידָיו אֶת רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, וְכִי אָדָם יוֹדֵעַ אֵיזֶהוּ יוֹם יָמוּת? אָמַר לָהֶן וְכָל שֶׁכֵּן יָשׁוּב הַיוֹם שֶׁמָא יָמוּת לְמָחָר, וְנִמְצָא כָּל יָמָיו בִּתְשׁוּבָה; וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן דֶעם גֵייט אִים דֶער לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר הִיט אָפּ יֶעדְן טָאג, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג וָואס עֶר קֶען, יֶעדְן טָאג אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב, וָוארוּם דֶער טָאג

װעט שױן קײנמאל נישט צוריקקומען צו אים, און װי דער הײליגער רבי טײטשט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן רע"ב) דעם פסוק (תהלים צ"ה) "הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", אויב איר װילט הערן דעם קול פון דעם בורא כל עולמים זאלט איר װיסן אז איר האט נישט מער װי דער הײנטיגער טאג, און דאס דארף מען אַרײנלײגן טיף אין הארצן פון יעדן אײנעם, ובפרט פאר די בני הנעורים װאס זײ דאכט זיך אז מען האט נאך אסאך צײט, בשעת דער הײליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן ס"א) דאס די זיבעציג יאר פליעט דורך אזוי װי א פערטל שעה, אז װאויל איז דעם װאס איז שטענדיג פרײליך מיט זײנע נקודות טובות װאס ער האט: ציצית, תפילין, בארד מיט פיאות, וכו', וכו'; װארום שמחה דאס איז מרחיב דעם דעת פון מענטש, און אז אײנער האט ישוב הדעת האט ער שױן אלסדינג.

**זאלסט האבן א לעכטיגן טאג און א פרײליכן תמיד**

## רכה

בעזרת השם יתברך יום ראשון לסדר קרח י"ז סיון ה'תשע"א

**שלום וברכה אל ... נרו יאיר**

**איך האב דערהאלטן דײן לאנגען בריװ.**

זע זיך צו שטארקן, דו מוזט נישט ענטפערן יעדן אײנעם װאס ער איז דיך מבזה וכו', דער הײליגער רבי האט

אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') דָאס דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז אָפְּצוּשְׁוַוייגְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, וָוארוּם וֶוען אֵיינֶער בַּאלֵיידִיגְט דִיךְ וְכוּ' אָדֶער פַארְשֶׁעמְט דִיךְ וְכוּ' וֶוערְט מֶען רוֹיט וְכוּ', אוּן דָאס בְּלוּט גִיסְט זִיךְ אִין דִיךְ, אוּן אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ וְכוּ' אִיז דָאס מֶער וֶוערְט ווִי טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים; אִיבֶּערְדֶעם אִיז בֶּעסֶער אָפְּצוּשְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן דֶער וָואס עֶר אִיז דִיךְ מְבַזֶּה, אִיךְ וֵויים אַז עֶס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַיינְהַאלְטְן, וֶוען מֶען אִיז מְבַזֶּה מֶען זָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר אֵיין טָאג צוּ פַאסְטְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, ווִי מִיר זֶען וֶוען ס'אִיז דָא אַ תַּעֲנִית צִיבּוּר, מוּז מֶען פַאסְטְן אוּן ס'קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיז שְׁטֶעל זִיךְ פָאר צוּ פַאסְטְן טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים, קֶען מֶען אַרָאפְּגֵיין פוּן זִינֶען וְכוּ' וְכוּ', אוּן מִיט אֵיין בִּזָּיוֹן פַּטֶר'ט מֶען טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים; אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** פָאלְג מִיר, וֶועלְדִיג דִי זִינְד אוּן דִי חַטָּאִים וָואס מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעטוּן לֹא עָלֵינוּ, וָואלְט מֶען דָאךְ גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אָן אַ שִׁיעוּר תַּעֲנִיתִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ אַ בִּזָּיוֹן אוּן מֶען אִיז אוּנְז מְבַזֶּה וְכוּ', אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז וְכוּ', קוּמְט מֶען דָאךְ אָפּ פוּן אַלֶע תַּעֲנִיתִים וָואס מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁוַוייג אָפּ עֶנְטְפֶער נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ ס'טוּט וֵויי, דָאס אִיז דִי עִיקָר

תְּשׁוּבָה, אַז וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט פַאר דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי רֶעדְן אוּן בִּילְן וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (יְשַׁעְיָה נ"ו) "וְהַכְּלָבִים עַזֵּי נֶפֶשׁ", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ') אַז דָאס גֵייט אַרוּיף אוּיף דִי עַזּוּת פְּנִימֶער וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אַ אִיד'ס תְּפִלָּה וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם וֶוען דוּ גֵייסְט אוּיפְן גַאס אוּן אַ הוּנְט הֵייבְּט אָן צוּ בִּילְן אוּיף דִיר וְכוּ' - אִיז דָאס אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זִיךְ אוּיסְדְרֵייעֶן צוּם הוּנְט אוּן אִים צוּרִיקְבִּילְן...? מֶען וֶועט דָאךְ מֵיינֶען אַז דוּ בִּיסְט אַ חֲסַר דֵעָה וְכוּ', אַזוֹי אוּיכֶעט אַז מֶען הֶערְט אַ בִּזָיוֹן פוּן יֶענֶעם אִיז דָאס דָאךְ אַ הוּנְט וָואס בִּילְט וְכוּ', דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק אוּיסְדְרֵייעֶן אוּן צוּרִיקְבִּילְן צוּ אִים וְכוּ'; אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ מֵיין: עֶנְטְפֶער נִישְׁט אוּן שְׁוַוייג אָפּ.

**נֶעם** דֶעם מִשְׁנַיוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט דָאס דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַלֵיין וְכוּ', אוּיכֶעט גֶעוואוּין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וֶועט דִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶלְנְד זַיין, שְׁטֶענְדִיג וֶועסְטוּ הָאבְּן מִיט וֶועמֶען צוּ זַיין, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, מֶען דַארְף אִים נִישְׁט גֵיין זוּכְן עֶרְגֶעץ אִין אַ פֶעלְד, אָדֶער עֶרְגֶעץ אִין אַ וַואלְד, דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז נָאר אֱלֹקוּת, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מְבַטֵל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּ אִים,

אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ אַזַא בִּיטוּל אֶל הָאֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, בִּיז עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַ תַּעֲנוּג פוּן עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, וָואס דָאס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רכו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר קֹרַח י"ז סִיוָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**שְׁטַארְק** זִיךְ מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וָוארוּם גָאט בָּרוּךְ הוּא פִירְט דֶער וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לְךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא; דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז אֵיינֶער וֶועט דִיךְ צוּנֶעמֶען עֶפֶּעס פוּן דִיר, ס'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן וָואס אִיז זַיינְס, זַיינְס קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען, אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר נֶעמְט אִין זִיךְ אַריין דִי הַשְׁגָּחָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ג) אַז אַ אִיד גֶעבְּט צְדָקָה אִיז דָאס מַמְשִׁיךְ הַשְׁגָּחָה, אוּן עֶר אִיז מַאֲרִיךְ אַ לַאנְגְן מַאֲמַר אוֹיף דֶעם, אוּן

פַּשְׁטוּת אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גֶעבְּט צְדָקָה גְלֵייבְּט עֶר אַז עֶס וֶועט אִים נִישְׁט פֶעלְן, נָאר אַדְּרַבָּה עֶר וֶועט הָאבְּן אַסַאךְ מֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים יד) "עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר" דַּרְשֶׁנְ'עֵן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (שַׁבָּת קיט.) עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר; אַ מֶענְטְשׁ גֶעט מַעֲשֵׂר אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אִים רַייךְ. וֶוען אַ אִיד גֶעט צְדָקָה מַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹן אַז אִים פֶעלְט אוּן ס'וֶועט אִים פֶעלְן, נָאר עֶר גֶעט מִיט אַ בְּרֵייט הַאנְט, אַז אֵיינֶער קוּמְט צוּ אִים בֶּעטְן צְדָקָה וֵוייסְט עֶר גְלַייךְ אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים לִיבּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיֵּרָא ק"ד.) וֶועמֶען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט לִיבּ שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה אַן אָרִימַאן; בְּשַׁעֲתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִים לֵיהּ לְבַר נַשׁ, מְשַׁדֵּר לֵיהּ דוֹרוֹנָא, וּמַאן אִיהוּ, מִסְכֵּנָא.

**אִיבֶּערְדֶעם** וֶוען אֵיינֶער קְלַאפְּט אָן אִין טִיר אוּן בֶּעט צְדָקָה דַארְף מֶען טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיךְ לִיבּ אוּן עֶר הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט אַן אָרִימַאן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אִין אִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְּסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט מִדַּת הַצְּדָקָה, הֶעלְפְּן אַן אַנְדֶערְן אִיד, אִין צְדָקָה אִיז דָא אַסַאךְ בְּחִינוֹת.

**א.** גֶעבְּן צְדָקָה פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ הֶעלְפְּן דֶעם אַנְדֶערְן; קוּמְט אַן אָרִימַאן עֶר אִיז אִין אַ שְׁוֶוערֶע נוֹיט וְכוּ' וְכוּ', זָאל מֶען אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְּן וִויפִיל מֶען קֶען, וָוארוּם בַּיי צְדָקָה

אִיז יֶעדֶע זַאךְ טֵייעֶר, ווי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:) צְדָקָה, כָּל פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן; דָא זֶעט דָאס אוֹיס אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער אִין הִימְל אִיז דָאס זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ רַייסְט אַוֶועק פוּן זִיךְ דִי גֶעלְט אוּן גֶעבְּט פַּאר יֶענֶעם אִיז דָאס אִין הִימְל מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב.

**ב.** מְחַזֵּק זַיין אַ צוּבְּרָאכֶענֶעם אִיד דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִילִים מא) "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל", ווארוּם אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין שֵׂכֶל אִין דֶעם אָרֶעמַאן, וַוייל אַ אָרֶעמַאן נֶעבֶּעךְ הָאט פַאַרְלוֹירְן דֶעם שֵׂכֶל, עֶר גֵייט אַרוּם צוּבְּרָאכְן צוּהַאקְט וְכוּ' וְכוּ', ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מא.) אֵין עָנִי אֶלָא בְּדַעַת; וָואס הֵייסְט אַן אֶמֶת'ע אָרִימַאן? וֶוען עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ פַאַרְלוֹירְן דֶעם שֵׂכֶל, אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר מֵיינְט אַז פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, יֶעצְט וֶוען מֶען רֶעדְט אִים אוֹיס אוּן מֶען הֶעלְפְט אִים, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן דִי שֶׁענְסְטֶע צְדָקָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר: זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן, זֶע הֶעלְף אַרוֹיס שְׁטֶענְדִיג אַנְדֶערֶע אִידְן, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ זַיין אוֹיבֶּעט גֶעהָאלְפְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, זֵיי מְחַזֵּק זַיין, פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַן אַנְדֶערְן אִיד, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, מִיט

דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵק און מֶען שְׁטַארְקְט אַן אַנְדֶערֶע אִיד, בַּאקוּמְט מֶען אַלֵיין חִיזוּק, און מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אַלֵיין; אִיבֶּערְדֶעם פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, גֶעבּ זַייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַּארְלָאזְן.

**אִיךְ** וָואלְט דִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע עֵצָה נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס וְכוּ', זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ רֵיינֶעם נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אוֹיךְ וָואלְט גוּט גֶעוֶוען וֶוען דוּ גֶעוואוֹינְסְט זִיךְ צוּ יֶעדְן טָאג צוּ קוּקְן דִי סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, וָואס דָאס אִיז מְחַדֵד דֶעם מֹחַ, וָוארוּם אַ תְּשׁוּבָה פוּן דִי גְאוֹנִים זֵיי בְּרֶענְגְן צוּזַאם פַּארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי דִבְרֵי חַזַ"ל פוּן דָא און פוּן דָארְטְן, און דָאס אִיז מְחַדֵד און שְׁנִיצְט אוֹיס דֶעם מֹחַ מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג מְעַיֵין צוּ זַיין אִין סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגְן אַ בְּקִיאוּת אִין זַייעֶר אַסַאךְ חֶלְקֵי הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אַז ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט פַאר גוּטֶע זַאכְן.

**גֶעבּ** נָאר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ זִיצְן צְווִישְׁן לֵצִים, און דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא (אָבוֹת פֶּרֶק ג) שְׁנַיִם שֶׁיוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִבְרֵי תוֹרָה, הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים; אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זִיצְן צוּזַאמֶען און זֵיי רֶעדְן נִישְׁט קַיין דִבְרֵי תוֹרָה, הֵייסְט דָאס

שׁוּין אַ מוֹשַׁב לֵצִים; וָוארוּם אַז צְוֵויי אִידְן קוּמֶען זִיךְ צַאם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן דִבְרֵי חַזַ"ל, זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אִין אֱמוּנָה, בִּפְרַט אִין הַיינְטִיגֶע צַייטְן דַארְף מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, נִישְׁט פַארְלִירְן זִיךְ אוּן נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן בַּיי זִיךְ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

## רכז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר קֹרַח י"ז סִיוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ זַיין נִזְהָר מִיט תְּפִלַּת מַעֲרִיב, וָוארוּם קְרִיאַת שְׁמַע אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה בָּעֶרֶב וּבַבּוֹקֶר, אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן דִי חַזַ"ל מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע זָאךְ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, ווִי עֶס קוּמְט דִי נַאכְט זָאל מֶען שׁוּין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, כְּדֵי מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן מִצְוַת קְרִיאַת שְׁמַע. מַאךְ זִיךְ אַ חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, גְלַייךְ ווִי עֶס קוּמְט דִי זְמַן מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים זַיין לַתּוֹרָה, וּבִפְרַט בַּיינַאכְט נָאכְדֶעם וָואס דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן אַ

שְׁווערן טָאג אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ הֲלָכָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף לִימּוּד הֲלָכָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) אַז יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין דַיין לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רכח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר קֹרַח י"ז סִיוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הֶחָתָן הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוּן דוּ נֶעמְסְט זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַריין יֶעצְט פוּן דִי חֲתוּנָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקפ"ו) **אוֹיף** דֶעם וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת טז:) כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה; אַז דִי פְּשַׁט אִיז וְויאַזוֹי טַאנְצְט מֶען אִיבֶּער וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי כַּלָּה? דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה; וָוארוּם דֶעם טָאג פוּן חוּפָּה אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בִּכּוּרִים פֶּרֶק שְׁלִישִׁי) **אוֹיפְן פָּסוּק** (בְּרֵאשִׁית כח) "וַיִּקַּח אֶת מָחֲלַת בַּת יִשְׁמָעֵאל", חָתָן מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל

עֲוונוֹתָיו; אִיבֶּערְדֶעם יֶעצְט אַז דוּ גֵייסְט אַרַיין מָארְגְן צוּ דִי חוּפָּה, זָאלְסְטוּ מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ אַז דָאס אִיז דָאס, דוּ הֵייבְּסְט אָן צוּ זַיין אַ נַייעֶר אִיד וְכוּ'. עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זי"ע וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, אַז דֶער טָאג פוּן חוּפָּה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַ שָׁאד מֶען הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען מֶען פוֹעֵל'ן אַלֶעס וָואס מֶען וִויל.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, דֶעם טָאג פוּן חוּפָּה זָאלְסְטוּ אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דַיין גַאנְץ הַארְץ וָואס עֶס אִיז אוֹיף דִיר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע בָחוּרִישֶׁע יָארְן וְכוּ' וְכוּ', כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קוּמֶען צוּ דִי חוּפָּה אַ רֵיינֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ' וְכוּ'.

**אַ** חָתָן בְּיוֹם חוּפָּתוֹ דַארְף אוֹיסְנִיצְן דֶעם גַאנְצְן טָאג בִּקְדוּשָּׁה וְטַהֲרָה, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן בַּאֲרִיכוּת קְצָת אִין קוּנְטְרֵס "יוֹם הַנִּישׂוּאִין", זֶע מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט, פָּשׁוּט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית עֶרְלִיךְ, מִנְחָה עֶרְלִיךְ מִיט זָאגְן ווידוי, אוּן זָאלְסְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען, כְּדֵי וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם קַבָּלַת פָּנִים זָאלְסְטוּ שׁוֹין קוּמֶען מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים, מִיט אַן אַנְפִּין נְהוֹרִין וְכוּ' וְכוּ', נִישְׁט וִוי דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ אַז דֶער חָתָן בַּייִם קַבָּלַת פָּנִים זִיצְט פַארְכְמָארֶעט אוּן פַארְוֵויינְט וְכוּ',

אַזוֹי ווי מֵתוֹ מוּטָל לְפָנָיו וְכוּ', אוּן מְ'בְּרֶענְגְט נָאךְ צוּ אַ בַּדְחָן זָאל אִים מַאכְן וֵויינֶען וְכוּ', וֵויינֶען דַארְף מֶען וֵויינֶען אַ גַאנְצְן טָאג וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט צוּ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייליך אַז יֶעצְט וֶוערְסְטוּ אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, אוּן דוּ בּוֹיעֶסְט אַ לֶעבְּטִיגֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ וֶועל זַיין אוֹיף דַיין חֲתוּנָה, אוּן זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען דִי דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר גֶערֶעדְט בַּאֲרִיכוּת; אוּן אִיךְ הָאבּ גוּט אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן אִיךְ קֶען דִיר נָאר זָאגְן אֵיין זַאךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוֹדֶם צוּבְּרֶעכְן אֵיין מִדָּה, נָאכְדֶעם צוּבְּרֶעכְט מֶען אַ צְווֵייטֶע מִדָּה, נָאכְדֶעם צוּבְּרֶעכְט מֶען אַ דְרִיטֶע מִדָּה, בִּיז מֶען צוּבְּרֶעכְט אַלֶע מִדּוֹת בְּלַייבְּט נָאךְ בַּיים מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס וְכוּ', דָאס הֵייסְט דִי יֵשׁוּת אוּן גֵּיאוּת בְּלַייבְּט נָאךְ בַּיי אִים, וָואס דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אוֹיסְצוּרַייסְן פוּן זִיךְ.

**שְׁטֶעלְט** זִיךְ אַ פְרַאגֶע: מִיט וָואסֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה הֵייבְּט מֶען אָן צוּ בֶּעטְן? מִיר זֶענֶען פוּל מִיט מִדּוֹת רָעוֹת, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט מִיט וָואס אָנְצוּהֵייבְּן וְכוּ' וְכוּ'? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, דֶער עֶרְשְׁטֶער זַאךְ וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען זָאל זַיין פְרֵייליךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער זַאךְ צוּקוּמֶען צוּ

דֶעם; וָוארוּם אַלֶעס קֶען אַ מֶענְטְשׁ קוּמֶען צוּ דֶעם, נָאר נִישְׁט צוּ פְרֵיילִיכְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ קוֹדֶם אָנְהֵייבְּן צוּ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אוּן ווִיבַּאלְד אַז אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוֹיטָאמַאטִישׁ פַאלְט פוּן אִים אַוֶועק אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת וְכוּ', וְכוּ', אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת טְשֶׁעפֶּען זִיךְ צוּ צוּ אַ מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וֶוען עֶר אִיז מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, וֶוען עֶר אִיז פַאר'דַאֲגָה'ט וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי וַוייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת? ווַייל עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? ווַייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט אִין זִיךְ קַיין נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, עֶר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דָן לְכַף חוֹב; אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אַרַיין אִין דִיר אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן נָאר אוֹיף שִׂמְחָה, זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים, אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים וְכוּ' וְכוּ', ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ג) וֶוען אַ אִיד הָאט אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים אוּן שְׁמֵייכְלְט שְׁטֶענְדִיג, לַייכְט אִין אִים דִי פָּנִים פוּן צַדִּיק.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הֵייבּ אָן מִיט שִׂמְחָה, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גֶעבְּן אַ

לֶעבְּטִיג לֶעבְּן און אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן, און דו וֶועסְט צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת און אַלֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם דוּרְךְ שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט מֶען אַלְצְדִינְג, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) אַז דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה; אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין און זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעם וֶועט פַארְרָאכְטְן וֶוערְן עַל צַד הַכִּי טוֹב.

**נֶעם** זִיךְ אוֹיף זִיךְ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, און אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און צוּם ווינְצִיגְסְטְן אֵיין דַף גְמָרָא, און אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וּבִפְרַט דִי הֲלָכוֹת'ער פוּן טַהֲרַת הַמִּשְׁפָּחָה וָואס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הַארְבּ וְכוּ' וְכוּ'. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ לֶעבְּטִיגֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, און מֶען זָאל הֶערְן נָאר גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת בַּיי דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רכט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר קֹרַח כ"ב סִיוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזוֹיפִיל חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ', בִּיסְטוּ אַלֵיין שׁוּלְדִיג וְכוּ'. עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט

אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַן אָרִימַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל מִיט אַ נַייֶעם פֶּעלְץ וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעקוֹיפְט מִיט גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט; הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעזָאגְט, "פַאר אַזַא שֵׁיינֶעם פֶּעלְץ דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שַׁאפֶע, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט אוּן קוֹיפְן גָאר אַ שֵׁיינֶע שַׁאפֶע וואוּ אַרַיינְצוּלֵייגְן דֶעם פֶּעלְץ; אוּן פַאר אַ שֵׁיינֶע שַׁאפֶע פַּאסְט זִיךְ צוּ הָאבְּן גָאר אַ שֵׁיינֶע דִירָה, מוּזְטוּ זִיךְ יֶעצְט נֶעמֶען בָּארְגְן גֶעלְט אוּן אַרִיבֶּערְצִיעֶן זִיךְ צוּ גָאר אַ שֵׁיינֶע דִירָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ זִינְקֶען אִין חוֹבוֹת"; עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט מְרַמֵז זַיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קוֹיפְט מֶען נִישְׁט קַיין טֵייעֶרְן פֶּעלְץ.

וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ק') אַז דֶער בַּעַל דָבָר כַאפְּט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין קוֹיפְן נַייעֶ בְּגָדִים וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ל"ט י"ב) "וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ", אַז דֶער בַּעַל דָבָר כַאפְּט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט קְלֵיידֶער, "דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן נַייעֶ קְלֵיידֶער!", אֵיי אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט? בָּארְגְט עֶר, אוּן עֶר וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב פוּן דֶעם, אוּן דָאס שְׁטֶערְט אִים נָאכְדֶעם פוּן דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, וָוארוּם אַז אֵיינֶער אִיז אַ בַּעַל חוֹב קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן אִין דַאוֶוענֶען אוּן אִין לֶערְנֶען וְכוּ', אָבֶּער אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז מְקַיֵים "וַיָנַח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ וַיָנָס", עֶר לָאזְט אִיבֶּער דִי בְּגָדִים בַּיים שְׁנַיידֶער אוּן עֶר אַנְטְלוֹיפְט וְכוּ'; דָאס הֵייסְט כָּל זְמַן

איך הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט קוֹיפְן, און אַזוֹי הָאט עֶר מְנוּחָה.

**און** ווי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ב), דָאס אוֹיבּ עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעוַוארְט מִיט בִּטָחוֹן אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וָואלְט עֶר שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעמוּזְט אַרוּם פָארְן מַאכְן גֶעלְט; און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "עֶס אִיז בֶּעסֶער דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ ווי צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר יֶענֶעם"; דָאס הֵייסְט, אַז אֵיינֶער דַארְף הָאבְּן אַ בֶּגֶד און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיז בֶּעסֶער עֶר זָאל וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט, ווי אֵיידֶער עֶר זָאל קוֹיפְן אוֹיף בָּארְג בַּיים שְׁנַיידֶער און אִים בְּלַייבְּן שׁוּלְדִיג; און אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע זַאךְ: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל עֶפֶּעס קוֹיפְן נַייֶע מֶעבְּל וְכוּ', אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן וְכוּ', און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיז בֶּעסֶער זָאל עֶר זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ, דָאס הֵייסְט עֶר זָאל זִיךְ אַיינְהַאלְטְן און נִישְׁט קוֹיפְן יֶעצְט דִי זַאךְ בִּיז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט, וָוארוּם וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, ווי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ב), "וְעֶבֶד לֹוֶה לְאִישׁ מַלְוֶה"; אַז אֵיינֶער בָּארְגְט גֶעלְט וֶוערְט עֶר פָּשׁוּט אַן עֶבֶד פַארְן מַלְוֶה, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא פוּן אִים וְכוּ'.

**און** ווי מֶען זֶעט בְּחוּשׁ, דִי אַלֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לֶעבְּן מִיט פְּחָדִים: און דֶעם שׁוּל קֶען עֶר נִישְׁט גֵיין, וַוייל עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין בַּעַל חוֹב וְכוּ'; און דֶעם גַאס קֶען עֶר נִישְׁט

גֵיין ווייל עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין בַּעַל חוֹב וְכוּ'; אוּן דֶעם מְקַוֶּה קֶען עֶר נִישְׁט גֵיין ווייל עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין בַּעַל חוֹב וְכוּ'. עֶר וֶוערְט פָּשׁוּט אַן עֶבֶד פַאְרן מַלְוֶה. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן מ"ו) מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב; ווָארוּם מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן נָאר מִיט אַ רוּאִיגְן מֹחַ, אָבֶער אַ בַּעַל חוֹב אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּטוּמְלְט פוּן רוֹב אִינְטֶערְדְרִיקוּנְג ווָאס עֶר אִיז אִינְטֶעדְרִיקְט אִינְטֶער זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאסְטוּ גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּת ווָאס דוּ הָאסְט אַרֵיינְגֶעטַאנְצְט פַאר גְרוֹיס תַּאֲוָה צוּ הָאבְּן דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע וְכוּ' וְכוּ' אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, אוּן יֶעצְט דְרִיקְט דָאס דִיר זֵייעֶר.

**אַ** אִיד דַארְף הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת פַאר יֶעדֶע זַאךְ, אוּן צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען מֶען הָאט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אוּיס דָאס הַארְץ פַאְר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ צוּ אִים: "זָאל אִיךְ דָאס טוּן, אָדֶער נִישְׁט?", אָן יִשּׁוּב הַדַּעַת וֶוערְט מֶען אַ בַּעַל חוֹב, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן סִימָן ע"ז) מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת בְּלִי יִשּׁוּב הַדַּעַת נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב; אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת קוּמְט פוּן תַּאֲוַת נִיאוּף רַחְמָנָא לִיצְלָן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם נִיאוּף סִימָן ל"ו) עַל יְדֵי נִיאוּף בָּאִים לְגָלוּת תַּחַת יַד שָׂרִים לֵצִים, וְנַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב; אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ק"ב) אַז עֶס אִיז דָא

אַ חֵטְא וָואס דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג אַ בַּעַל חוֹב וְכוּ', און דֶער חֵטְא אִיז פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ', דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ בַּעַל חוֹב; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶען אַסַאךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת, וָוארוּם תְּפִלָּה נִיצְט אוֹיף אַלְסְדִינְג, אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין הַארְץ, און גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ זַיין קַיין בַּעַל חוֹב.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רל

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר קֹרַח כ"ב סִיוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דוּ טוּסְט אוֹיף, מִיט וָואס דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הַדְפָּסַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיף אִידִישׁ; דָאס מַאכְט אַ מוֹרָא'דִיגְן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ צְווִישְׁן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֵיינֶען לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, וואוּיל אִיז דִיר און דֶער זְכוּת זָאל דִיר בֵּיישְׁטֵיין שְׁטֶענְדִיג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט "צוּ מִיר הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט דֶערְלֵייגְט, פוּן וֶועמֶען אִיךְ נֶעם, דֶעם גֶעבּ אִיךְ"; און בְּוַודַאי וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען פוּן אִים צוּרִיק כָּהֵנָה וְכָהֵנָה; דֶער עִיקָר עֶס וֶועט הֶערְשְׁן בַּיי דִיר דֶעם

אֶמֶתְ'ן שָׁלוֹם בַּיִת. שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

לֶעצְטֶנְס פֶּעלְט זֵייעֶר אוֹיס דֶער קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִּיווּג", הַלְוַואי וָואלְסְטוּ דָאס גֶעקֶענְט אָפְּדְרִיקְן, וַוייל דָאס וֶוערְט דִי מֶערְסְטֶע גֶעזוּכְט צְווִישְׁן בָּחוּרִים, אוּן עֶס אִיז אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זְכוּת הָרַבִּים וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה דָאס אָפְּצוּדְרִיקְן, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט דֶער עִיקָר אוֹיף בָּחוּרִים, ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (אֵיכָה א') קָ'רָא עָ'לַי מ'וֹעֵד לִ'שְׁבֹּר בַּ'חוּרָי; וָואס דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז עֲמָלֵ"ק בִּלְעָ"ם, וָוארוּם זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף בָּחוּרִים אִין תַּאֲווֹת נִיאוּף, אוּן בַּיי זֵיי אִיז אַ יוֹם טוֹב צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַ בָּחוּר אִין זֵייעֶר נֶעץ.

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט אַז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְן בָּחוּרִים חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִּיווּג" אִיז פוּל מִיט עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אַ בָּחוּר אָדֶער אַ מֵיידְל זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זֵייעֶר גְרִינְג אַ שִׁידוּךְ, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ קֶענְסְט דָאס אִיבֶּערְדְרִיקְן וָואלְט גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זְכוּת הָרַבִּים.

גְלֵייבּ מִיר אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מְקַנֵא מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת לְדוֹרֵי דוֹרוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רלא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר קֹרַח כ"ב סִיוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיף דִי וֶועלְט מוּז מֶען הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת אוֹיף יֶעדְן פְּרַט אִין לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם יֶעדְן טָאג אַנְדֶערֶע צָרוֹת וְכוּ', שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'; דֶערִיבֶּער מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, דָאס וָואס מֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ וְכוּ', אוֹיבּ עֶר אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין חֲלִישׁוּת הַדַעַת, נָאר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַז ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט אִין אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וְכוּ', דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (הַקְדָמָה ד.) מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוּכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא, עַד לָא יֵיתוּן הָכָא. מַאן מִנְכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ' מַאן דְלָא מְצַפֶּה דָא בְּכָל יוֹמָא בְּהַהוּא עָלְמָא, לֵית לֵיהּ חוּלְקָא הָכָא; [וֶוער פוּן עֶנְק קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דָאס פִינְסְטֶער פַאר לֶעכְטִיגְקֵייט אוּן וֶוער עֶס קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דָאס בִּיטֶערְנִישְׁט פַאר זִיסְקֵייט אֵיידֶער עֶר קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט (דָאס הֵייסְט, כָּל זְמַן עֶר אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען עֶר אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּ גוּטְס), וֶוער פוּן אַייךְ וַוארְט יֶעדְן טָאג זוֹכֶה צוּ זַיין צוּם בַּאהַאלְטֶענֶעם לֶעכְט וָואס עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן בְּקָרוֹב; דֶער וָואס עֶר קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט].

פוּן דֶעם אַלֶעם זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אַלֶע פִינְסְטֶערְנִישְׁן וְכוּ', אוּן אַלֶע בִּיטֶערְנִישְׁן וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר דְרֵייט אִיבֶּער אַלֶעס לְטוֹבָה, זַיין מַדְרֵיגָה אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן מֶען בַּארִימְט זִיךְ מִיט אִים אוֹיבְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת; אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גַאנְץ גוּט וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ'; פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר, אוּן הֵייב זִיךְ אוֹיף וְכוּ', אוּן קוּם צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. זָאלְסְט נִזְהָר זַיין לֵייגְן יֶעדְן טָאג תְּפִילִין, אוּן זָאלְסְט דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אוּן זָאלְסְט גֶעבְּן צְדָקָה.

**און** דֶער עִיקָר אִיז זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און זָאלְסְט חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דַיין פַּארְגַאנְגֶענְהֵייט, און זָאלְסְט מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ אַן אֶמֶת'ן תְּשׁוּבָה אוֹיף לְהַבָּא, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, ווִי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א'), כָּל מִצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה בֵּין עֲשֵׂה בֵּין לֹא תַעֲשֶׂה, אִם עָבַר אָדָם עַל אַחַת מֵהֶן בֵּין בְּזָדוֹן בֵּין בִּשְׁגָגָה, כְּשֶׁיַּעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה וְיָשׁוּב מֵחֶטְאוֹ חַיָּיב לְהִתְוַדּוֹת לִפְנֵי הָאֵל בָּרוּךְ הוּא, שֶׁנֶּאֱמַר (בַּמִּדְבָּר ה') "אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ" וְגוֹ', "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ", זֶה וִידּוּי דְּבָרִים; וִידּוּי זֶה מִצְוַת עֲשֵׂה, כֵּיצַד מִתְוַדִּין? אוֹמֵר, 'אָנָּא הַשֵּׁם, חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כַּךְ וְכַךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה', וְזֶהוּ עִיקָרוֹ שֶׁל וִידּוּי; וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח.

**אִיךְ** הָאבּ אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער טִיף טִיף אִין דַיין הַארְץ וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, נָאר וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן וְכוּ', און פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, וָוארוּם תְּשׁוּבָה נִיצְט שְׁטֶענְדִיג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רלב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בָּלָק ו׳ תַּמּוּז ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

גֶעבְּטְן בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מֶען זֶעט בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ ווי דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אַרְבֶּעט אוֹיסְצוּרַייסְן דִי אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וְכוּ׳, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע אִידְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְן דִי אֱמוּנָה.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּעַל ״דִבְרֵי חַיִים״, אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע מָאל אִין טָאג דִי י״ג עִיקְרִים פוּן דֶער רַמְבַּ״ם מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן הִתְלַהֲבוּת, יֶעדְן אֲנִי מַאֲמִין הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת, אַלְץ כְּדֵי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה דַארְפְן מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶה אוּן מְקַיֵים דִי וֶועלְט, אוּן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען נָאר אִים בֶּעטְן, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֵייגְט דֶעם דְגוּשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ל״ג) ״בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דִי עִיקָר

אֱמוּנָה, און שְׁלֵימוּת הָאֱמוּנָה איז אַזוי ווי דִי פְרוֹיעֶן און דִי קִינְדֶער גְלֵייבְּן אָן חָכְמוֹת", דָאס הֵייסְט אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, און דִי עִיקָר עֲווֹנוֹת אִיז וֶוען מֶען אִיז וַוייט פוּן אֱמוּנָה, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, קוּמְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם; דָאס מִיט יֶעדְן חֵטְא און זִינְד וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט אִין אִים אַרַיינְגֶעקְרִיצְט כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה און רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה און לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּן אֱמוּנָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע צוּ רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אֱמוּנָה, און דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אֱמוּנָה, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" אַז דִי עִיקָר אֱמוּנָה אִיז וֶוען מֶען זָאגְט דָאס אַרוֹיס פוּן מוֹיל, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין צוּגֶעוואוֹינְט שְׁטֶענְדִיג נָאר רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן אוֹיף אַלֶע בְּחִינוֹת. און עֶס קֶען

זַיין פְּשַׁט אִין פָּסוּק וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קט"ז) "הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר", וֶוען קוּמְט מֶען צוּ קְלָארֶע אֱמוּנָה? וֶוען מֶען רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶעם, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נָאר רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה וֶועט דִיךְ אַלֶעם דוּרְכְגֵיין; שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רלג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בָּלָק ו' תַּמּוּז ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיף דֶעם עוֹלָם דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת גֶעדוּלְד, אָן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט דוּרְכְגֵיין דִי וֶועלְט; וָוארוּם עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹי פִּיל צָרוֹת מִיט יִסּוּרִים מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין סַבְלָנוּת גֶעדוּלְד, קֶען מֶען נִישְׁט דוּרְכְגֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) דָאס צוּ צוּקוּמֶען צוּ דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְד, אֶרֶךְ אַפַּיִם, נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס וְכוּ' וְכוּ', צוּ דֶעם קוּמְט מֶען צוּ דוּרְךְ אֱמוּנָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס

גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז אַלֶעס פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט גֶעדוּלְד אוּן עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער סַבְלָן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן אוּן צוּבְּרֶעכְן, אַז ווארִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי מִדָה פוּן סַבְלָנוּת.

**בִּפְרַט** אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן הָאבְּן סַבְלָנוּת מִיט זַיין וַוייבּ וְכוּ', נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן וְכוּ', נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען זַיין גֶערֶעכְט וְכוּ', מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען הָאבְּן גֶעדוּלְד מִיט זַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אִין אַ הוֹיז וָואס עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם רוּט דָארְטְן דִי שְׁכִינָה, אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה רוּהט אִיז דָארְטְן דָא דִי בְּרָכָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דִי מִדָה פוּן סַבְלָנוּת, אַז ווארִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוֹיפְט זִיךְ אַיין דִי מִדָה פוּן סַבְלָנוּת.

**אוּן** ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, דָאס וֶוער עֶס אִיז דֶער סַבְלָן דֶער אִיז דֶער מְנַצֵחַ, וָוארוּם סוֹף כָּל סוֹף וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין כַּעַס אוּן עֶר פַארְלִירְט דֶעם גֶעדוּלְד, דֶער וֶוערְט אָן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וּבִפְרָטֵי פְּרָטִית אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט דִי גֶעדוּלְד דֶעמָאלְטְס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי מַחְלוֹקֶת, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לַיידְן אַלֶע צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ', וַוייל סְ'הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ זַיין קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּבּ, בִּיז דָאס וַוייבּ אַנְטְלוֹיפְט וְכוּ', אָדֶער עֶר אַנְטְלוֹיפְט וְכוּ', אוּן וָואס

הָאט מֶען פוּן דֶעם? אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִדָה פוּן סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְד, נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, דֶעמָאלְטְס וֶועט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שִׁיקְן אִין דֶעם הוֹיז שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# רלד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בָּלָק ו׳ תַּמּוּז ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָרַב הַגָּאוֹן אִישׁ חַי רַב פְּעָלִים ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן אֵייעֶר לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

קוֹדֶם מוּז אִיךְ אַייךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכְן. מֶען טָאר קְרִיטִיקִירְן אֵייֶדער מֶען אִינְטֶרֶעסִירְט זִיךְ, וָואס? וֶוען? ווִי אַזוֹי? אֱמֶת אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ בְּנֵי הַנְעוּרִים יוּנְגֶערְהֵייט; אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי ווִי אִיר שְׁרַייבְּט וְכוּ׳, אוּן זֶעט אוֹיס אִיר הָאט אָנְגֶענוּמֶען סְתַּם לָשׁוֹן הָרַע וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע אַלְט גֶעוֶוען זֶעכְצְן יָאר, אוּן מֶען הָאט זֵיי שׁוֹין גוּט צוּגֶעגְרֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער, נָאר דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם יִמַח שְׁמוֹ וָואס אִיז אֵייעֶר אַ קָרוֹב מִשְׁפָּחָה הָאט מִיךְ גֶעמַסֶרְט אוּן כִּמְעַט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען תְּפִיסָה זֶעכְצְן יָאר בַּיי דִי מַלְכוּת הַמִינִים יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם.

**דָא** אִין נוּא יָארְק אִיז דֶער גֶעזֶעץ אַז בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר קֶען מֶען שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, מִיט דִי עֶלְטֶערְנ'ס רְשׁוּת, וֶוען אַלֶע וָואלְטְן דָאס גֶעטוּן וָואלְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם גַאנְצְן דוֹר ס'וָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים, וָוארוּם וֶוער ס'וֵייסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ הַיינְט אָפּ וְכוּ' וְכוּ' כָּל מִינֵי שְׁמוּץ וְכוּ' וְכוּ', וֵוייסְט אַז דָאס אִיז הַצָלַת נְפָשׁוֹת, מֶען דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן וָואס פְּרִיעֶרְט, אַזוֹי וֶועט מֶען מַצִיל זַיין סֵיי דִי זוּן אוּן סֵיי דִי טֶעכְטֶער; אִיז מְמֵילָא אֵייֶדער אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַזַא לַאנְגֶען בְּרִיוו אוֹיף אִידִישׁ מִיט מוּסָר וְכוּ' וְכוּ', וֶוערְט גֶעוָואר אוֹיב עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי אִיר שְׁרַייבְּט וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אַלְט זֶעכְצְן יָאר, אוּן גֵייט אוּן זֶעט ווִי זֵיי פִּירְן אוֹיף אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, צֶענְדְלִיגֶע אִינְגֶעלַייט הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט פְּרִי, אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, אוּן כִּמְעַט יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אֵייגְן הוֹיז, אוּן אַ קַאר, וְכוּ', אוּן ס'פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, אוּן הַלְוַואי וָואלְטְן אַלֶע רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט וָואס פְּרִיעֶרְט.

**אִיר** שְׁרַייבְּט אַזוֹי בְּרֵייט, פוּן וַואנֶעט אִיךְ נֶעם דָאס וְכוּ'? דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן א') "מִצְוָה מִן הַמוּבְחָר לְהִנָשֵׂא בֶּן שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנִים", אָבֶער הַיינְט פִּירְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, עַל כָּל פָּנִים וָואס פְּרִיעֶרְט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אִיז גֶעזוּנְטֶער, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זֵיי אָפּ פוּן פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּן אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת אוּן שְׁמוּץ וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ וְכוּ'.

**עֶס** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער צַדִיק רֶבִּי דָוִד פוּן דִינוֹב זי"ע בַּעַל מְחַבֵּר "צֶמַח דָוִד", דֶער זוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" זי"ע, אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען צֶען יָאר, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" הָאט זִיךְ מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען אִין חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער. אוֹיף זַיין שִׁידוּךְ וֶוערְט דֶערְצֵיילְט גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּפִּים צוּ זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע אוּן אוֹיפְן וֶועג אִיז גֶעפָארְן אַ וָואגְן מִיט פִיר פֶערְד, אוּן עֶס אִיז גֶעזֶעצְן דָארְטְן אַ גְרוֹיסֶער נָגִיד, אַ וֵויין סוֹחֵר, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' יְשַׁעְיָה הֶערְץ פוּן טוּרְקָא, אוּן פָארֶענְדִיג אַזוֹי אוּן אַזַא גְרוֹיסֶער מְכוּבְּדִיגֶער וָואגְן מִיט פִיר פֶערְד, הָאט עֶר דֶערְזֶען ווִי דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" זי"ע גֵייט צוּפִּים, הָאט עֶר אִים אַרוֹיפְגֶערוּפְן צוּם וָואגְן עֶר זָאל מִיט אִים מִיטְפָארְן, אִיז עֶר אַרוֹיף, פְרֶעגְנְדִיג "וואוּ פָארְט אִיר?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע, הָאט דֶער נָגִיד דֶער וֵויין סוֹחֵר גֶעזָאגְט אַז עֶר פָארְט אוֹיכֶעט. אוֹיפְן וֶועג פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" דֶעם נָגִיד דֶעם וֵויין סוֹחֵר "אֶפְשָׁר הָאט אִיר אַ טָאכְטֶער?", עֶנְטְפֶערְט דֶער וֵויין סוֹחֵר, "יָא, אִיךְ הָאבּ אַ יוּנְגֶער טָאכְטֶער וָואס אִיז אַלְט עֶלֶעף יָאר, זִי הֵייסְט רָאכִיל מִינְיָא", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" זי"ע, "אוּן אִיךְ הָאבּ אַ גָאר גֶערָאטֶענֶעם זוּן וָואס עֶר אִיז אַלְט צֶען יָאר, ווִילְט אִיר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט מִיר?" הָאט דֶער נָגִיד דֶער וֵויין סוֹחֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט,

"מִיר פָּארְן דָאךְ יֶעצְט צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע אוּן מִיר וֶועלְן אִים פְּרֶעגְן, אוֹיבּ עֶר וֶועט מַסְכִּים זַיין צוּם שִׁידוּךְ בִּין אִיךְ אוֹיךְ מַסְכִּים".

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין, ווִיפֶער זֵיי קוּמֶען בֵּיידֶע אַרַיין אִין צִימֶער ווִי דָארְטְן אִיז גֶעזֶעצְן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע, שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן עֶר זָאגְט "מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב! עֶס זָאל זַיין בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת". הָאבְּן זֵיי שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען בֵּיידֶע אַז דָאס אִיז אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער שִׁידוּךְ אִיז גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן. וֶוען דָאס מֵיידְל אִיז אַלְט גֶעוָוארְן דְרֵייצְן יָאר אוּן דֶער זוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" אִיז אַלְט גֶעוָוארְן צְוֶועלְף יָאר הָאבְּן זֵיי חֲתוּנָה גֶעהַאט. אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ יָאר נָאר מִיט אַ טַלִית אָן תְּפִילִין, וָוארוּם עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּר מִצְוָה. זֶעט מֶען פוּן דֶעם, ווִי אַמָאל הָאט מֶען אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי קְדוּשָׁה אוּן דִי טַהֲרָה פוּן דִי קִינְדֶער.

אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרַת חַיִים פוּן קָאסוֹב זי"ע הָאט אוֹיכֶעט חֲתוּנָה גֶעהַאט אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּר מִצְוָה; אוּן אַזוֹי זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן נָאךְ כַּמָה וְכַמָה צַדִיקִים. אִיז דֶען אַ וואוּנְדֶער אַז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן דְבֵיקוּת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? אַוַודַאי אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָיךְ הַיינְט, אָבֶּער וָואס יוּנְגֶער חֲתוּנָה הָאבְּן, דַארְף מֶען זֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** דָאס לָשׁוֹן הָרַע וָואס אִיר הָאט אָנְגֶעהֶערְט פוּן אֵייעֶר טְרֵיפֶה'נֶעם קָרוֹב וָואס עֶר אִיז אַ טָמֵא מְטוּמָא, עֶר אִיז דֶער שְׁטְרָאף פוּן יַבְנְאֵל, וָואס עֶר הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט אַ מִקְוֶה וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דֶעם קַיין מֵי גְשָׁמִים אִין דִי בּוֹרוֹת, וָואס דָאס הָאט אַ דִין וִוי אַן אַמְבַּטְיָה, אוּן עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַלֶעמֶען עוֹבֵר זַיין אוֹיף אִיסוּר כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט מַאכְן אַן עֵירוּב וְכוּ', וָואס מִיט דֶעם הָאט עֶר מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען טְרָאגְן אִין שַׁבָּת, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ טְרֵיפֶה'נֶעם שׁוֹחֵט וָואס הָאט מַאֲכִיל טְרֵיפוֹת וּנְבֵילוֹת גֶעוֶוען פַאר דִי גַאנְץ שְׁטֶעטְל וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ שְׁוֶוערֶע זִינְד וָואס עֶר הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אֶת הָרַבִּים;

פוּן אִים נֶעמְט אִיר לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף מִיר?

**אִיבֶּערְדֶעם** אֵיידֶער אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַזַא לַאנְגֶען בְּרִיוו מִיט מוּסָר זָאלְט אִיר זִיךְ בּוֹדֵק זַיין נָאכְאַמָאל דָאס וָוארְהֵייט אוּן אֱמֶת פוּן דִי סִיפּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיךְ** הָאף אִיר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ נִישְׁט; נָאר אִיר הָאט מִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַזַא לַאנְגֶען בְּרִיוו מִיט זִלְזוּלִים, מוּז אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן דֶעם אֱמֶת: עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען יוּנְגֶער וִוי זֶעכְצְן יָאר, אוּן עֶס אִיז סְתַם אוֹיסְגֶעטְרָאפְן. אוּן הַלְוַואי הַלְוַואי וָואלְטְן אַלֶע טַאטֶעס אוּן מַאמֶעס גֶעזָארְגְט פַאר זֵייעֶרֶע זוּן אוּן טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן

לְכָל הַפָּחוֹת בַּיי די זִיבֶּעצְן יָאר; וָוארוּם דָאס וָואס דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו') "בֶּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה לְחוּפָּה", וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פּוֹסְקִים אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף בִּתְחִילַּת שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, וְויפִיל מֶען וֶוערְט אַלְט זִיבֶּעצְן יָאר אִיז יֶעדֶער טָאג גֵייט שׁוֹין אַרַיין אִין די אַכְצֶנְטֶע יָאר.

**דֶערְפַאר** וואוֹיל אִיז די עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי מַאכְן חֲתוּנָה די זוּן אוּן די טֶעכְטֶער בַּיי די זִיבֶּעצְן יָאר, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט די קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן, אוּן די קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט טוּן קַיין שְׁמוּץ אִינְטֶער די עֶלְטֶערְנְ'ס רִיקְן.

**אִיךְ** וָואלְט אַייךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן אִיר זָאלְט אַבִּיסְל מֶער גֶעוָואר וֶוערְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ הַיינְט מִיט בְּנֵי הַנְעוּרִים, דֶעמָאלְט וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן אַזַא שְׁמוּצִיגְן פַּאשְׁקֶעוִויל וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער אֶמֶתְ'ן אַרַיין וָואלְט אִיךְ אַייךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט עֶנְטְפֶערְן וְכוּ', וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַייךְ? נָאר מִפְּנֵי כְּבוֹדְכֶם הָרָמָה עֶנְטְפֶער אִיךְ אַייךְ, אָבֶער וִויסְן זָאלְט אִיר וִויסְן אַז אֵייעֶר קָרוֹב אִיז אַ טָמֵא מְטוּמָא אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא אֶת הָרַבִּים, אוּן מִיר לַיידְן שׁוֹין פוּן אִים פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אִין יַבְנְאֵל, אוּן אַז אָךְ אוּן וֵויי אַזֶעלְכֶע רַע-בָּנִים.

**אוּן** לֹא בְּחִינָם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" גֶעזָאגְט מֶערֶערֶע מָאל, וָואס דַארְף

דִי מְדִינָה הָאבְּן רַבָּנִים? זֵיי גְלֵייבְּן דָאךְ אִין גָארְנִישְׁט, וָואס גֵייט זֵיי אִין לֶעבְּן צוּ הָאבְּן רַבָּנִים? נָאר וֶוער סְ'קֶען דִי סְפַּרְדִישֶׁע אִידְן וֵוייסְט אַז בַּיי זֵיי אִיז אַ רָב אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן וָואס דֶער רָב זָאגְט אִיז הֵיילִיג, אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן דִי רְשָׁעִים נִישְׁט גֶעקֶענְט מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַת, נָאר מִיט וָואס זֵיי זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן רַבָּנִים, דָאס הֵייסְט רַבָּנִים מִטַעַם הַמְדִינָה, אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְטֶערְגֶעוָוארְפְן אִינְטֶער זֵייעֶרֶע גֶעזֶעצְן, אוּן זֵיי זֶענֶען מַכְשִׁיל אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין טַהֲרַת הַמִשְׁפָּחָה, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אִין יַבְנְאֵל גֶעוֶוען, דִי מִקְוֶה אִיז בִּכְלַל גֶעוֶוען פָּסוּל, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מֵי גְשָׁמִים אִין דִי בּוֹרוֹת, סְ'אִיז גֶעוֶוען טְרוּקְן וִוי פֶּעפֶּער וְכוּ' וְכוּ'; וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ אִינְמִיטְן זוּמֶער אַז דִי בּוֹרוֹת זֶענֶען לֵיידִיג, אִיז אִין אַפָּאר שָׁעָה פוּל גֶעוָוארְן דִי בּוֹרוֹת מִיט סִינְק וַואסֶער וְכוּ' וְכוּ', אוּן אוֹיף דֶעם אִיז דָא עֵדוּת. פַארְשְׁטֵייט אִיר דָאךְ אַז דִי מִקְוֶה אִיז אַן אַמְבַּטְיָה, אוּן עֶר הָאט אַלֶעמֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען מִיט אִיסוּר כְּרִיתוּת, וָואס דַארְף מֶען נָאךְ, אוֹיסֶער אַנְדֶערֶע קַלוּתֶ'ער וְכוּ' וְכוּ', אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי רַבָּנִים מִטַעַם, אוּן נָאר אוֹיף אַזַא אוֹפְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, אַז אָךְ אוּן וֵויי דֶעם דוֹר וָואס זֵיי הָאבְּן אַזֶעלְכֶע קַלִים וְרֵקִים וּפוֹחֲזִים פַאר רַבָּנִים. אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (נָשֹא קכ"ה) אַז דִי עֶרֶב רַב וֶועלְן זַיין דִי רַבָּנִים אוּן דַיָינִים וָואס זֵיי נֶעמֶען שׁוֹחַד אוּן זֵיי זֶענֶען פַארְקוֹיפְט פַאר דִי סִטְרָא אַחְרָא וְכוּ' וְכוּ', עַיֵין שָׁם. אִיבֶּערְדֶעם דֶעם צְוֵוייטְן

מָאל וֶוען אִיר ווילְט מִיר שְׁרַייבְּן זָאלְט אִיר קוֹדֶם בּוֹדֵק זַיין פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פָּאר.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ**

# רלה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בָּלָק ו' תַּמּוּז ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵכִים הַיְקָרִים לִי מְאֹד ... נֵרָם יָאִיר וְיִזְרַח לָנֶצַח

אִיךְ וויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט מִיר צוּהֶערְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ צוּ זָאגְן.

מַחְלוֹקֶת קוּמְט פוּן גַיאוּת אוּן פוּן יֵשׁוּת, אוּן מֶען הָאט מוֹרָא מְ'וֶועט פוּן אִים צוּנֶעמֶען זַיין כָּבוֹד אָדֶער זַיין נָאמֶען וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מְבַטֵּל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן וויל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעם שְׁטֶערְט גָארְנִישְׁט וְכוּ', אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּבְרֶעכְן וְכוּ', אוּן אוֹיבּ סְ'אִיז דָא מַחְלוֹקֶת דָאס נֶעמְט זִיךְ נָאר וַוייל עֶר זוּכְט כָּבוֹד אוּן יֵשׁוּת, הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא טָאמֶער וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער קוּמֶען אוּן אִים יַרְשֶׁענֶען וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר: הֶערְט שׁוֹין אוֹיף דִי וִויכּוּחִים אוּן דִי מַחְלוֹקֶת וְכוּ' וְכוּ', וָואס סְ'אִיז דָא צְווִישְׁן עֶנְק וְכוּ' וְכוּ', אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן גַיאוּת אוּן יֵשׁוּת וְכוּ' וְכוּ'. אַ בּוֹים אִיז דֶער טֶבַע וַואקְסְט הוֹיךְ

הויך הויך, נִישְׁט אִין דֶער בְּרֵייט, נָאר אִין דֶער הויך. אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ בּוֹים אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט (דְּבָרִים כ׳) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים וַואקְסְט הויך הויך, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן הויך הויך צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נִישְׁט וֶועלְן גָארְנִישְׁט, נָאר נִכְלָל וֶוערְן אִין דֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, דֶעמָאלְטְס וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן, אָבֶער אוֹיב עֶר הֵייבְּט אָן צוּ וַואקְסְן אִין דִי בְּרֵייט וֶועט אִים אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי עֶנְג זַיין, וַוייל אִין דִי בְּרֵייט אִיז דָא נָאךְ בֵּיימֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ עֶנְךָ: הֶערְט אוֹיף דִי וִויכּוּחִים אוּן דִי מַחְלוֹקֶת וָואס עֶס נֶעמְט זִיךְ פוּן גֵיאוּת אוּן יֵשׁוּת. וַואקְסְט נִישְׁט אִין דֶער בְּרֵייט נָאר הויך הויך אַרוֹיפְקוּקְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן עֶנְךָ שָׁלוֹם.

**אִין** דִי שְׁטָאט טְשֶׁערִין הָאבְּן גֶעוואוֹינְט זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע עַשִׁירִים, אוּן וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ אַן עוֹשֶׁר אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל גַיאֶה, הָאבְּן זִיךְ אַלֶע עַשִׁירִים אַוֶועקְגֶעזֶעצְט אִין מִזְרָח וַואנְט, אָבֶער דֶער מִזְרָח וַואנְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי בְּרֵייט פַאר אַזוֹיפִיל עַשִׁירִים וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעצְן, זֶענֶען זֵיי גֶעזֶעצְן צוּשְׁטִיפְּט אוּן צוּדְרִיקְט אֵיינֶער נֶעבְּן אַנְדֶערְן, אוּן וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ עַשִׁירִים הָאבְּן זִיךְ פַּיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן מַחְמַת קִנְאָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זַ"ל אָנְגֶערוּפְן,

"מִיט דִי גוּפִים זִיצְט אִיר נָאנְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, אָבֶּער מִיט דִי הֶערְצֶער זֶענְט אִיר וַוייט אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן"; אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט מוּסָר אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן מַחְלוֹקֶת.

אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיכֶעט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן "צֶמַח צֶדֶק" זי"ע, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אַז וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית מִדְרָשׁ אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דִי בְּרֵייט טְשֶׁעפֶּעט מֶען אִים. רוּפְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע "וֶוער הֵייסְט אַייךְ לֵייגְן אִין בֵּית מִדְרָשׁ אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דִי בְּרֵייט אַלֶע זָאלְן טְרֶעטְן אוֹיף אַייךְ? זֶעצְט אַייךְ אִין אַ ווינְקֶעלֶע וֶועט אַייךְ קֵיינֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען!".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, וֶוען אַ אִיד וִויל נָאר רוּחְנִיוּת, אוּן דֶער גַאנְצֶער מֹחַ מַחְשָׁבָה גֵייט אִים וְויאַזוֹי קֶען מֶען נִכְלָל וֶוערְן אִין אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וַואקְסְן הוֹיךְ הוֹיךְ, דֶעמָאלְט קֶען אִים קַיין שׁוּם בְּרִיָה קַיין שְׁלֶעכְטְס טוּן, אָבֶּער וִויפְּער מֶען הָאט אִינְזִינֶען אַ צְוֵוייטְן דֶעמָאלְטְס אִיז שׁוֹין דָא מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן אוּן וִויכּוּחִים, אוּן מֶען הָאט מוֹרָא עֶר וֶועט מִיר צוּנֶעמֶען מַיין שְׁטֶעלֶע וְכוּ', מַיין יֵשׁוּת וְכוּ', עֶר וֶועט אוֹיכֶעט זַיין אַ יֵשׁ וְכוּ', וָואס דִי אַלֶע זַאכְן אִיז שְׁטוּתִים אוּן הַבָלִים, וָוארוּם קַיין מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען וֶועט קוּמֶען זַיין צַייט וָואס עֶר וֶועט דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין מִזֶה הָעוֹלָם. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר: הֶערְט אוֹיף

דִּי מַחְלוֹקֶת און דִּי קְרִיגֶעֲרֵייעֶן און דִּי וִיכּוּחִים, וָוארוּם עֶס וֶועט פוּן דֶעם גָארְנִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אַרַיינְלֵייגְן דִּי וֶוערְטֶער אִין עֶנְקֶער הַארְץ, וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף דִּי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן שַׁבָּת**

## רלו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר פִּנְחָס י' תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט דִּי בָּחוּרִים.

אַזוֹי ווִי לֶעצְטֶענְס הָאבְּן אַפָּאר לֵיידִיג גֵייעֶרְס וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים, (ווַייל זֵיי זֶענֶען צְוֵויי דוֹרוֹת אִין בְּרֶסְלֶב וְכוּ') דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד, וַוייל אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד דַארְף דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, און כְּדֵי צוּ ווִיסְן וָואס עֶר זָאגְט דַארְף מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, און נַאטוּרְלִיךְ מְקַיֵים זַיין וָואס עֶר בֶּעט פוּן אוּנְז. דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף

פְּרָאסְט אִידִישׁ, און זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ פַאר אִים, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלְבֶער חַסִידוּת.

**א** אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אִים, און דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אַלֶע דְרַיי תְּפִילוֹת, און מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן לֶערְנֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלֶב, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, און זַיין אִיבֶּערָאל (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ח), וָואס דָאס דַארְף זַיין דֶער שְׁטְרֶעבּוּנְג פוּן יֶעדְן בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רפ"ז) "וָואס הָאט אַ אִיד צוּ טוּן בָּזֶה הָעוֹלָם? נָאר דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען, און דַאוֶוענֶען; זָאנְס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן, הֲבֵל הֲבָלִים הַכֹּל הָבֶל", וָוארוּם דֶער תַּנָא הַקָדוֹשׁ רֶבִּי יוֹסִי בֶּן קִסְמָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו') לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיּוֹת, אֶלָא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד; און דָאס דַארְף זַיין דֶער צִיל פוּן יֶעדְן אִיד, וּבִפְרַט פוּן אַ יֶעדְן בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד, שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן אוֹיפְן תַּכְלִית הַנִצְחִי, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ד) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן דֶעם זִכָּרוֹן, און דֶער עִיקָר גֶעדֶענְקְן בְּעַלְמָא דְאָתֵי אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ'.

**עַל** כָּל פָּנִים, דִי פָּאר לֵיידִיג גֵייעֶרְס וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, הָאבְּן זִיךְ פַארְאֵייניגְט מִיט עֶפֶּעס אַ זִינְגֶער וָואס מֶען טְרַייבְּט אִים אַרוֹיס פוּן אִיבֶּערָאל וֶועגְן זַיין קַלוּת'דִיגֶער הַנְהָגָה וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּמַאן, וָואס דָארְטְן הָאט עֶר אַ שַׁבָּת פַארְבְּרֶענְגְט מִיט הוּלְטֵייעֶס וְכוּ', וָואס כְּלוֹמֶר'שְׁט הֵייסְט דָאס אַז עֶר אִיז אִים מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט זִינְגֶען זַיינֶע נִיגוּנִים אוּן נִישְׁט וַוארְפְן זִיךְ מִיט זַיינֶע גוֹי'אִישֶׁע תְּנוּעוֹת וְכוּ', וָוארוּם לֵיידֶער בָּחוּרִים וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ אַזֶעלְכֶע קַלוּת וְרֵיקוּת, וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק: אוֹיב דוּ ווילְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה מִיטְן מְקַרֵב זַיין בָּחוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאל דָאס זַיין נָאר דוּרְכְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, צוּגֶעוואוֹינֶען דִי בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דִי נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, דֶעם וֶוערְט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט זַיין נְשָׁמָה. אוּן ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה), אוּן אוֹיבֶּעט זָאל מֶען זָאגְן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, וָואס דָאס בַּאהִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; אוּן בְּמֶשֶׁךְ הַזְמַן וֶועט דִי מִשְׁנָיוֹת אוּן דִי גְמָרָא רֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, בִּיז מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, דָאס דַארְף מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגְן אוּן בָּחוּרִים וָואס זֵיי

זֶענֶען לֵייְדֶער אַװעקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט; אוּן עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה אַז נָאר דָאס אִיז מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה.

זְוִי אוֹיךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין מִיט נְגִינָה, זִינְגֶען מִיט זֵיי אַלֶע נִיגוּנִים. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רע"ג) דָאס דִי נִיגוּנִים הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אוֹיפְצוּהֵייבְּן דֶעם נְשָׁמָה, זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן בְּלָאטֶע. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ זִינְגֶען מִיט דִי בָּחוּרִים - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר הֵיילִיגֶע נִיגוּנִים, נִישְׁט נָאכְגֶעמַאכְטֶע נִיגוּנִים פוּן עֶקְלְדִיגֶע גוֹיִים וָואס וַוארְפְן זִיךְ מִיטְן גוּף אַזוֹי וִוי אַן אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְטֶער לוּלָב וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ מֵיין.

לֵייְדֶער לֵייְדֶער הַיינְט אִיז אִין בְּרֶסְלֶב דָא תוֹהוּ וָבוֹהוּ, יֶעדֶער פַארֶעךְ וְכוּ', יֶעדֶער עַם הָאָרֶץ וְכוּ', אֵיינֶער וָואס הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים רוּפְט זִיךְ שׁוֹין מַנְהִיג וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ פָּשׁוּטֶער לֵיצָנוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) "דִי מַנְהִגִים קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פִירְן, ווִי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַנְדֶערֶע?, אוּן מֶען דַארְף פוּן זֵיי זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוּן נִישְׁט גֶעבְּן פַאר זֵיי קַיין שׁוּם כֹּחַ, וָוארוּם זֵיי זֶענֶען מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר", וְכוּ' וְכוּ'. עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי אַז מֶען בְּרֶענְגְט הוּלְטַייעֶס מִיט זִינְגֶערְס צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, כְּלוֹמֶר'שְׁט מִיטְן אוֹיסְרֵייד אַז מֶען אִיז זֵיי מַחְזִיר לְמוּטָב וְכוּ' וְכוּ'.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רַבִּי אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן זַ"ל בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בִּיאוּר הַלִיקוּטִים" הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט מוּסָר זַיינֶע מְקוֹרָבִים "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ רֶבִּי'ן רֶבִּי מֵאִיר לֵייבּ בְּלֶעכֶער זַ"ל, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זַ"ל אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, פוּן יָאר תר"ו בִּיז זַיין הִסְתַּלְקוּת, זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, אֵיידֶער עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיפְגֵיין צוּם הֵילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ הַכָנָה דְרֵיי טֶעג, אוּן וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיף צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז עֶר גֶעוֶוען רוֹיט פַאר בּוּשָׁה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט וְכוּ' וְכוּ', מַמָשׁ ווִי אֵיינֶער שְׁטֵייט יֶעצְט פַאר זַיין רֶבִּי'ן, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פִירְן אַלֶעמָאל".

**אוֹיךְ** הָאט רַבִּי אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן זַ"ל דֶערְצֵיילְט, עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זַ"ל (וָואס ווִי בַּאוואוּסְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער פוּלֶער מֶענְטְשׁ), עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען שְׁוֶוער צוּ שְׁטֵיין, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ פַאטְשֵׁיילֶע (אַ טַאשְׁן טִיכְל) אוּן עֶר הָאט עֶס אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף דֶעם, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן פַארְדֶעקְט זַיין פָּנִים, אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְלִיסְן פוּן זַיין פְּנִים רִיטְשְׁקֶעס טְרֶערְן, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט, "אִיךְ אַלֵיין בִּין אִיךְ נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן אִים, דָאס אַזַא גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן צַדִיק זָאל זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גִיסְן

אַזוֹיפִיל טְרֶערְן ווִי דֶער אַרְגְסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה וְכוּ' וְכוּ', און הַיינְט בְּרֶענְגְט מֶען שׁוֹין מִיט בֶּענְקְלֶעךְ צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן".

**דָאס** הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט רַבִּי אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן זַ"ל פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶן אִין זֵיי אַ יִרְאַת הַכָּבוֹד וֶוען מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן; און הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ סְטַייל אַז מֶען בְּרֶענְגְט הוֹלְטֵייעֶס עֶקְלְהַאפְטִיגֶע זִינְגֶערְס וָואס עֶס פַּאסְט גָארְנִישְׁט פַאר חַסִידִישֶׁע אִידְן זָאלְן זִיךְ חַבְרְן מִיט אַזֶעלְכֶע זִינְגֶערְס, און מֶען מַאכְט מִיט זֵיי אַ גַאנְצְן וֶועזְן וְכוּ'.

**אַוַודַאי** קֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַארֶערְכְטְן דֶעם נִידְרִיגְסְטְן און גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת, וָוארוּם עֶר הָאט דָאךְ צוּגֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן, און זֵיי לִיגְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ' וְכוּ', אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת און גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה און זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס הֵייסְט "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", וֶועט עֶר זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און דִי בְּרֵייט זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אָבֶער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט אַ צוּבְּרָאכְנְקֵייט, און עֶר הָאט בֶּאֱמֶת חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' וְכוּ', און עֶר אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַז עֶר וֶועט דָאס שׁוֹין מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן, און עֶר זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס הֵייסְט "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", דֶעמָאלְטְס נִיצְט אִים אַוַודַאי תְּשׁוּבָה; און בְּוַודַאי

דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס כֹּחַ אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן עֶס אִיז נָאכְבִּישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי אִידִישֶׁע גֶעשִׁיכְטֶע אַז אַ צַדִיק זָאל שְׁטֶעלְן צְוֵויי עֵדוּת אוּן צוּזָאגְן, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים נָאכְן הִסְתַּלְקוּת אוּן וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַּאר זַיינְ'ס וֶועגְן, אוּן וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית; אוּן בִּפְרַט וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס קַיין גֶרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַּארְהַאנֶען, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען מֶען פַּארְרֶעכְטְן אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס אַ גַאנְץ יָאר קֶען עֶר זֵיי נִישְׁט אוֹיךְ נִישְׁט פַּארְרֶעכְטְן (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ו); אָבֶער דָאס אִיז אַלֶעס גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט אַ צוּבְּרָאכְנְקֵייט וְכוּ', אוּן ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער נִישְׁט קוּמֶען דָארְטְן הוּלְיֶען וְכוּ', ווִי אִין אַ בַּאר וְכוּ' רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן זִינְגֶען עֶקְלְדִיגֶע נִיגוּנִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זֵייעֶר: פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים נָאר הֵיימִישֶׁע חַסִידִישֶׁע נִיגוּנִים, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט צוּפַּאסְן הִתְעוֹרְרוּת'דִיגֶע וֶוערְטֶער פוּל מִיט אֱמוּנָה, מַה טוֹב וּמַה נָעִים, אָבֶער נִישְׁט נֶעמֶען עֶקְלְדִיגֶע גוֹיאִישֶׁע נִיגוּנִים פוּן גֶעמֵיינֶע בַּעֲלֵי מְנַגְּנִים, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ג') דָאס נִיגוּנִים פוּן רְשָׁעִים צִיעֶן אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פַּארְשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר, אוּן עֶס אִיז

אַ גְרוֹיסֶער בִּזָיוֹן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס זָאלְן מוֹחֶה זַיין אַקֶעגְן דִי חִינְגוֹת פוּן דִי זִינְגֶערְס אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיינֶער וָואס זָאל מוֹחֶה זַיין אוֹיף דִי מְשׁוּגָעִים אוּן מְטוּרָפִים 'נַ נַח' וְכוּ', נָאר אוֹיף מִיר קֶען מֶען רֶעדְן...; דָאס וַוייזְט וֶוער זֶענֶען דִי מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ. זֵיי קֶענֶען זִיךְ נֶעבֶּעךְ אַלֵיין נִישְׁט פִירְן וְכוּ'; וואוּ לֶערְנֶען זֵיי דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? אִיז אַ וואוּנְדֶער וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט מוֹחֶה הֵן אוֹיף דִי מְשׁוּגָעִים אוּן מְטוּרָפִים אוּן הֵן אוֹיף דִי הוּלְטֵייעֶס וָואס זֵיי מַאכְן דָארְטְן חִינְגוֹת וְכוּ' וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן זָאלְסְט מְקָרֵב זַיין וָואס מֶער בָּחוּרִים, וֶועט דָאס דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן נִיסִים אוֹיב דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רלז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר פִּנְחָס י' תַּמּוּז ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, דִי חַזַ"ל הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד מוּסָד (כְּתוּבּוֹת נט:) הַבַּטָלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם; אַז

אֵיינֶער בַּטְלְ'ט דִי צַייט וֶוערְט עֶר מְשׁוּגֶע פוּן לֵיידִיג גֵיין, וְלַיְדֵי זִימָה עֶר קוּמְט צוּ שְׁמוּץ, וָוארוּם אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מוּז מֶען גֵיין זוּכְן צוּ שְׁמוּץ, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, אַז אֵיינֶער פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם קֶען עֶר פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן נִישְׁט בַּטְלֶ'ען דִי צַייט, דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶער זַאךְ, ווִי סְ'אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם "אֵין אֲבֵידָה כַּאֲבֵידַת הַזְּמַן", עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט, ווִי מִיט אַוֶועק פַּטֶרְן דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

**זָאלְסְט** ווִיסְן, לֵיידִיג גֵיין, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַלֶע אוּמְגְלִיקְן, אָדֶער עֶר וֶוערְט מְשׁוּגֶע, אָדֶער עֶר פַאלְט אַרַיין אִין שְׁמוּץ, אָדֶער חָלִילָה וְחַס נָאךְ אַרְגֶערְס וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג, עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, יֶעדֶע סְקוּנְדֶע קֶען אַ מֶענְטְשׁ מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִיט דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דֶער וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטֵי פְּרָטִית, אוּן ווִיאַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם? אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן "הִתְבּוֹדְדוּת", דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אָפְּזֻנְדֶערְן אַ פְּלַאץ ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) **אוֹיבּ אַ**

אִיד הָאט אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶכֶת, אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אוּן הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוּן וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**וָוארוּם** מֶען זֶעט בְּגַשְׁמִיוּת, רְאוּבֵן מִיט שִׁמְעוֹן קֶענֶען זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן אוּן רֶעדְן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אַ שָׁעָה, צְוֵויי שָׁעָה, אוּן דְרֵיי שָׁעָה, אוּן פְּלוֹידֶערְן אוּן פְּלוֹישְׁן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, פַּארְוָואס? וַוייל רְאוּבֵן זֶעט שִׁמְעוֹן אוּן שִׁמְעוֹן זֶעט רְאוּבֵן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען אַ אִיד ווִיל רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאךְ אַפָּאר מִינוּט וֶוערְט עֶר מִיד, וֶוערְט עֶר שְׁלֶעפֶערִיג וְכוּ', הֵייבְּט אָן צוּ גֶענִיצְן וְכוּ', אוּן הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן וְכוּ'; פוּן וַואנֶעט נֶעמְט זִיךְ דָאס? וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט מְזוּכָךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין כְּפִירוּת וְכוּ', וָוארוּם אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים, אוּן מִמֵּילָא דַארְף עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים, אוּן דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

**אוּן** צוּ דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין צוּפִיל שֵׂכֶל, אַדְרַבָּה וָואס פָּשׁוּטֶער אִיז אַלְץ בֶּעסֶער, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ נָאר דוּרְךְ דִי בְּחִינָה פוּן פְּרָאסְטַאק, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּאפְלַייסְט אִין דֶעם זַייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט

בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעווּיסְט אִין דֶער יוּגְנְט, צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען, דוּרְךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט אִיךְ זִיךְ בַּאפְלַייסְט אַזוֹיפִיל, דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין אֵיין יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג וְכוּ'"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַלֶעם וָואס עֶר דַארְף נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס נָאר דָאס וֶועט אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּ אַן אֱמֶת'ן דְבֵיקוּת עֶר זָאל זַיין דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וּבִפְרַט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט זַיין אוּמֶעטִיג טְרוֹיעֶרִיג וְכוּ' וְכוּ'.

**אַוַדַאי** צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת, אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט אֱמוּנָה, אָבֶּער וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט דַארְף מֶען נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ זָאגְן פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת, אוּן עֶנְדִיגְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן אַנְדֶערְן, אוּן אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן, בִּיז עֶר זָאל דוּרְכְזָאגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין גְרוֹיסְן טִיפְן קָאפּ, זָאגְן קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת וֶוערְט עֶר מְזוּכָּךְ, בִּיז דָאס רֵיינִיגְט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; אוֹיבֶּעט גֶעט דָאס אַרַיין פַארְן מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגְן סִיפּוּק, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וֶוערְט אָנְגֶעצִינְדְן זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶס וֶוערְט אִים לִיכְטִיג בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת, אוּן לֵיידִיג גֵייט עֶר שׁוֹין נִישְׁט, וָוארוּם עֶר וִויל עֶנְדִיגְן אֵיינְמָאל נָאכְן אַנְדֶערְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ

תִּיקוּן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה) אַז מֶען זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דֶעם תִּיקוּן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אוֹיבֶעט פַּארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַנְשְׁטָאט אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסאךְ מִשְׁנָיוֹת, וֶועסְטוּ זֶען אַז דָאס וֶועט דִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגְן אַ חֵשֶׁק נָאכְדֶעם צוּ לֶערְנֶען אוֹיכֶעט גְמָרָא אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים וְכוּ' וְכוּ'.

זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי דִיךְ, אוּן זָאלְסְט ווִיסְן אוֹיבּ מֶען אִיז מְסוּדָר מִיט אַן אֱמֶת'ן סֵדֶר קֶען מֶען דֶערְגְרֵייכְן צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן, מֶען דַארְף נָאר זַיין מְסוּדָר, אָבֶּער נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג וְכוּ', לֵיידִיג גֵיין אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, וָוארוּם דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְשׁוּגֶע אוּן פַארְרִיקְט פוּן לֵיידִיג גֵיין וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין אוֹיף דִיר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין מֹחַ וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט בַּאֲרִיכוּת וְכוּ' וְכוּ'. זֶע זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, זָאלְסְט קֶענֶען זֶען דִי אוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט אִין דַיין נְשָׁמָה, אוֹיכֶעט זָאלְסְטוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה לְעַשִׁירוּת, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה אִין אַ סִידוּר וָואס דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.) הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִלּוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיוֹת בְּיָדוֹ וְכוּ' מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ;

וָוארוּם וֶוער ס'לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה עַל פִּי נוּסַח הָאֲרִי זַ״ל אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן דֶעם טָאג.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זַיין מִמָּרָא דְחוּשְׁבְּנָא, מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ: ס'גֵייט דִיךְ אַוֶועק דִי טָאג אוּן דִי נַאכְט, אַז דֶער עִיקָר אִיז זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג, אָדֶער דוּ אַרְבֶּעסְט, וָואס דָאס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן דִי נֶערְוְון יֶעדְן טָאג אַפָּאר שָׁעָה, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן אַרוּמְגֵיין נָע וָנָד וְכוּ', אִין עֲנִיוּת וְדַחְקוּת וְכוּ' וְכוּ', קֶענְסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן פַארְדִינֶען דַיין גֶעלְט, אוּן קֶענְסְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דִי מוֹחִין, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א' סִימָן ל״ה) דָאס מַשָּׂא וּמַתָּן בֶּאֱמוּנָה אִיז אַ בְּחִינָה פוּן שֵׁינָה, מֶען רוּהט זִיךְ אָפּ דִי נֶערְוְון, וָוארוּם נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְסוּגָל צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן צוּ זַיין דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַ גַאנְצְן טָאג, דָאס אִיז דָאךְ אַ מַדְרֵיגָה פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶן דִי הֵיילִיגֶע צַייט אוּן דִי טֵייעֶרֶע צַייט, וָוארוּם אוּנְזֶער לֶעבְּן אִיז תָּלוּי אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָט אִיז מֶען דָא אוּן אָט רוּפְט מֶען שׁוֹין צוּרִיק, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא אֲבֵידָה ווִי אֲבֵידַת הַזְּמַן; דָאס הֵייסְט יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען נָאךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען, אָבֶּער צַייט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק

בַּאקוּמֶען, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין און פון הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ גֶעוואוינְהֵייט: לֵיידִיג זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין. עֶפֶּעס זָאלְסְטוּ טוּן. אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּן, קֶער אוֹיס דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; וַואשׁ אוֹיף דִי פְלָאר פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוָה; הֶעלְף אַרוֹיס אִין שְׁטוּב, וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוָה.

דֶער עִיקָר אִיז זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ און שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים, אַ שְׁמֵייכְל זָאל מֶען זֶען אוֹיף דִיר, און זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן און אַזוֹי גֵיין וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט פוּן אוּנְז, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ און מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְוֹות מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיט׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; און מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, און אוֹיף דֶעם גֶעט מֶען שְׂכַר נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, וָוארוּם דִי חַזַ״ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין לט:) שְׂכַר מִצְוָה בְּהַאי עַלְמָא לֵיכָּא; מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט קַיין שְׂכַר פַאר אַ מִצְוָה, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט אַ מִצְוָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל צִיצִית, תְּפִילִין, מְזוּזָה, שַׁבָּת, וְכוּ׳, וְכוּ׳, דִי שְׂכַר פוּן דֶעם אִיז עַד אֵין סוֹף און דָאס בַּאקוּמְט מֶען נָאר אוֹיף יֶענֶער

וֶועלְט, וֶוען אִיז מֶען זוֹכֶה צוּם בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס אִיז נָאר וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן אוֹיף שִׂמְחַת הַמִצְוָה בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט דִי שְׂכַר, אוּן דֶער פָּשׁוּטֶער שְׂכַר אִיז, אַז עֶר אִיז אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת צוּ קֵיינֶעם, עֶר פְרֵייְדְט זִיךְ מִיט דִי צִיצִית וָואס עֶר טְרָאגְט, עֶר פְרֵייְדְט זִיךְ מִיט דִי תְּפִילִין וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעטוּן יֶעדְן טָאג, עֶר פְרֵייְדְט זִיךְ מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', דֶער עִיקֶר אִיז נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג, נָאר זַיין פְרֵייְלִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים.

**אֲפִילוּ** דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעפַאלְן וואוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְלָאזְן אֵיין מִינוּט, זָאלְסְט זַיין פְרֵייְלִיךְ,

אוּן פְרֵייְלִיךְ מַאכְן אַן אַנְדֶערְן אִיד, וָואס דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי הֶעכְסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע מִצְווֹת, בִּפְרַט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ז) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין קַטְנוּת הַמוֹחִין אִיז דִי עֵצָה צוּ קוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמוֹחִין עֶר זָאל מְחַזֵק זַיין אַן אַנְדֶערְן, אוּן מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט מְחַזֵק זַיין אַן אַנְדֶערְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען צוּ אַזַא דְבֵיקוּת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶועלְן גָארְנִישְׁט נָאר אִים אַלֵיין, אוּן זָאלְסְט קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַן אֱמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְט, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, אוּן אַסַאךְ פְּרָקִים שׁוּלְחָן

עָרוּךְ אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אִין זַיין הַארְץ וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רלה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר פִּנְחָס י' תַּמּוּז ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זַייעֶר זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְשַׂמֵחַ זַיין מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דוּ הָאסְט, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן, ווִי נִישְׁט הָאט יֶעדֶער אִיד אַסַאךְ מִצְווֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; אֲפִילוּ דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גָאר לֵיידִיג הָאבְּן מִצְווֹת ווִי אַ מִילְגְרוֹים. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מְקוּבָּלִים אַז אַ מִילְגְרוֹים הָאט אִין זִיךְ זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרֵייצְן קֶערְנְדְלֶעךְ אַקֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרֵייצְן מִצְווֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי שְׁלַח) כָּל הַכּוֹפֵר בַּעֲבוֹדָה זָרָה מוֹדֶה בְּכָל הַתּוֹרָה; מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רַייסְט אַרוֹיס פוּן זִיךְ דִי אַלֶע כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, דִי אַלֶע מִינוּת אוּן דֵעוֹת

נִפְסָדוֹת, אִיז גְלַייךְ ווי עֶר וָואלְט מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹות.

**קוּמְט** אוּיס אַז אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פַּארְפִירְן פוּן דֵעוֹת כּוֹזְבוֹת מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת פוּן כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשׂוּ לִי אֶת הַחַיִל הַזֶה וְכוּ', פוּן נֶעמֶען זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע מְלוּכָה אָן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', וָואס דָאס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה גְמוּרָה וְכוּ', אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵׁם נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דֵעוֹת פוּן כְּפִירוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיז אַזוי ווי עֶר וָואלְט מְקַיֵים גֶעוֶוען אַלֶע מִצְוֹות.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ גֵייסְט אִין דֶעם אוּיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג פוּן אֱמוּנָה, אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אַן אֵייגֶענֶע מְלוּכָה אִין דִי הֶענְט, מִיט דֶעם אַלֵיין קֶענְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶה זַיין, אַז ווִי נִישְׁט, אָבֶּער אֱמוּנָה הָאסְטוּ אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דֶעם וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ בִּיסְט דָאךְ נִישְׁט דֶער אַרְגְסְטֶער, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט גֶעטוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן וְכוּ', אָבֶּער הָאסְט אִין זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מִצְוֹות. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק: וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן אִין יֵאוּשׁ וְכוּ' וְכוּ', נָאר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וֶועסְטוּ

זֶען אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען דוּרְכְגֵיין אַלְסְדִינְג גְרִינְגֶערְהֵייט, נָאר וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן.

**וָאלְסְט** וויסְן וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי אֱמוּנָה אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) דָאס פַּאר מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין פוּל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן דֵעוֹת נִפְסָדוֹת, וָואס לֵיידֶער לֵיידֶער זֶעהֶען מִיר בְּחוּשׁ ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דֵעוֹת פוּן מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, דֵעוֹת נִפְסָדוֹת וְכוּ', וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים מֶען זָאל אוֹיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דֶעם וְכוּ' וְכוּ', מִיט דֶעם אַלֵיין דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן לג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן מִיט קַיין דֵעוֹת נִפְסָדוֹת אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת.

**אֱמֶת** דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט וָואס דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) "קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָאר נִישְׁט פַארְהַאנְדִין"; אַ אִיד דַארְף וויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ יֵאוּשׁ, פוּן אַלֶעם קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין,

דֶער עִיקָר אִיז זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אַוֶועקְגַיין פוּן דֵעוֹת נִפְסָדוֹת, וָואס אַלֶע זֶענֶען אִין דֶעם לֵיידֶער פַארְבַּאפְּט גֶעוָוארְן, מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אַז אַלְצְדִינְג אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן מִיט מַחְשָׁבוֹת גֶעדַאנְקֶען פוּן כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, כְּאִילוּ ס'אִיז דָא אַ מַלְכוּת אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מַלְכוּת הָרִשְׁעָה מַלְכוּת דְסִטְרָא אַחְרָא, מִיט דֶעם אַלֵיין קֶענְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שַׁייְכוּת צוּ דֶעם, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן, אוּן גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ אֱמֶתְ'ן גוּטְן פְרֵיינְט, וָואס דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער מַדְרֵיגָה.

**אִיךְ** וֵוייס גַאנְץ גוּט וָואס אוֹיף דִיר גֵייט אִיבֶּער, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן בַּאֲרִיכוּת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אַז דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין, בִּפְרָט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעוֶועזְן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן הָאסְט גֶעזָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינְ'ס וֶועגְן, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", וֶועט עֶר זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דִי בְּרֵייט, אוּן עֶר וֶועט אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן בַּיי דִי פֵּיאוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶען נָאר צוּ דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט צוּפַאלְן, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעטוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, הָאסְטוּ נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אַלְצְדִינְג צוּ פַארֶערְכְטְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְתַקֵן; מִיט דֶעם וָואס דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נֶעבֶּעךְ גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס וְכוּ', אִיז דָאךְ אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אֱמוּנָה, וָוארוּם דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים גְלֵייבְּן נִישְׁט אִין שָׂכָר וָעוֹנֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', זֵיי לֵייקֶענֶען אִין אַלְצְדִינְג רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן דוּ בִּיסְט צוּבְרָאכְן וְכוּ', אוּן דוּ הָאסְט אַ לֵב נִשְׁבָּר וָואס דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן דוּ גְלֵייבְּסְט אִין דֶעם אַז דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארֶערְכְטְן, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיט אַן אֱמֶת, אוּן דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה - זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') - אַז דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה אִיז, חֲרָטָה עַל הֶעָבָר אוּן קַבָּלָה עַל לְהַבָּא, אוּן דֶער עִיקֶר אִיז ווִידוּי דְבָרִים זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, אוּן עֶר זָאגְט "כָּל הַמַרְבֶּה לְהִתְוַדוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח", וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חָלִילָה וְחַס דֶעמָאלְטְס וֶוערְט אַריינְגֶעקְרִיצְט דָאס שְׁלֶעכְטְס דִי עֲווֹנוֹת זַיינֶע אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן דָאס אִיז אִים זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, פוּן דֶעם וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ טְרוֹיעֶרִיג וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער וֶוען עֶר רֶעדְט אַרוֹיס מִיטְן מוֹיל זַיינֶע זִינְד אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר

זָאגְט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן אוּן עֶר בֶּעט מְחִילָה סְלִיחָה וְכַפָּרָה, אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִים מוֹחֵל, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) "אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מִיַד שֶׁמִתְוַודִים מִיַד אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם"; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאגְט, ווִיבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה בִּין אִיךְ אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זִינְד.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט גֶעפַּאלְן בַּיי דִיר, גֶעוואוּין זִיךְ צוּ - צוּ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, קוּק נִישְׁט וָואס אַן אַנְדֶערֶער זָאגְט, אוּן הֶער נִישְׁט וָואס אַן אַנְדֶערֶער רֶעדְט דִיךְ אָפּ פוּן דֶעם, זָאלְסְט נָאר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים, וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם מִיט אֱמוּנָה אִיז מֶען דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ב) אַז דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים אוּן דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן דֵעוֹת נִפְסָדוֹת, זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז קַיין לֶעבְּן נִישְׁט, שְׁטֶענְדִיג חַקְרָן זֵיי וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי אַרַיין אַן אֱמֶת׳ן טְרוֹיעֶר, וָוארוּם אַ אִיד וָואס עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילֶעךְ, ווִי נִישְׁט וֵוייסְט עֶר אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס דָאס הֵייסְט מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה, אוּן עֶר קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאהַאלְטְן בַּיי אִים, מַה שֶׁאֵין כֵּן אֵיינֶער אִיז

וַוייט פון דִי אֱמוּנָה, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר הָאט דֵעות נִפְסָדוֹת כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, דֶעם אִיז זֵייעֶר עֶנְג, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, נָאר דֶער וָואס עֶר זֶעט און פַארְשְׁטֵייט וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אויף דִי מִינִים און אַפִּיקוֹרְסִים, זֵיי זֶעעֶן דָאךְ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, כָּאטְשׁ פון אִינְדְרוֹיסְן מֵיינְט מֶען זֵיי זֶעעֶן גְלִיקְלִיךְ און לֶעבְּן אַ גוּטְן טָאג וְכוּ' וְכוּ', אַז אָךְ און וויי וָואס אויף זֵיי גֵייט דוּרְךְ, וָוארוּם אָן אֱמוּנָה אִיז דֶער לֶעבְּן קַיין לֶעבְּן נִישְׁט, אָן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט, מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז, מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג דֶערְבִּיטֶערְט, און מֶען אִיז פוּל מִיט סְפֵיקוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

# רלט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר פִּנְחָס י"א תַּמּוּז ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר גְלַייךְ אַז דוּ זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין נָאךְ צְדָקָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ד) דָאס צְדָקָה אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן בִּבְרִיתוֹ וְכוּ' וְכוּ' זָאל עֶר גֶעבְּן

אַסאַךְ צְדָקָה, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען אַרוּמְגֵיין נָאךְ צְדָקָה, וָואס דָאס אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים דָאס אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ צְדָקָה אִין דִי פִיר עֶקְן פוּן דִי שְׁטָאט וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן דִי ד' מִיתוֹת בֵּית דִין, סְקִילָה שְׂרֵיפָה הֶרֶג וָחֶנֶק, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין נָאךְ צְדָקָה וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט אַלֶעס נִתְכַּפֵּר וֶוערְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דָנִיאֵל ד) "וַחֲטָאָךְ בִּצְדָקָה פְּרוֹק".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל מִיטְן חַבֵר זַיינֶע רֶבִּי נַפְתָּלִי זַ"ל זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ צְדָקָה פַאר הַכְנָסַת כַּלָה, אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק מִיט דִי מִצְוָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רמ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר פִּנְחָס י"א תַּמּוּז ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**וָואס** דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן רֵייבֶּערְן וְכוּ', אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דָאס אִיז דִי אַלֶף בֵּית פוּן בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת, אַז

מֶען דַארְף פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז עֶר הָאט מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן, אוּן נִישְׁט צוּ טְרוּנְקֶען, אוּן דִי צְוֵויי יְסוֹדוֹת אִיז אִין בְּרֶסְלְבֶער חַסִידוּת אַן עִיקָר שֶׁבְּכָל הָעִיקְרִים, נִישְׁט רֵייכֶערְן, אוּן נִישְׁט טְרוּנְקֶען, אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ טַאבַּאק שְׁמֶעקְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען. אוּן וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, "דַאנְקֶען גָאט אַז מַיין נָאז אִיז רֵיין פוּן טַאבַּאק, אוּן מַיין מוֹיל אִיז רֵיין פוּן צִיגַארֶעטְלֶעךְ אוּן פוּן טְרוּנְקֶען" וְכוּ' וְכוּ', אִיז וִוי קֶענְסְטוּ מִיר פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה?

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן כַּמָה גְדוֹלִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי סְ'נֶעמְט צֶען מִינוּט אוּן פוּפְצְן מִינוּט רֵייכֶערְן אַ צִיגַארֶעטְל, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט, "אוֹיב מֶען קֶען לְכַתְּחִילָה מְבַטֵל זַיין צֶען פוּפְצְן מִינוּט מִיט אַ צִיגַארֶעטְל, וָואס אִין דִי צַייט הָאט מֶען גֶעקֶענְט לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת אַן עָמוּד גְמָרָא, אִיז דָאס שׁוֹין אַ קְלִיפָּה!", אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְּסְטוּ וִויסְן אַז דֶער עִיקָר בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָה, אוּן וָואס עֶס אִיז נָאר מוֹנֵעַ פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָה אוּן פוּן אִידִישְׁקֵייט דַארְף מֶען דָאס אַוֶועקְוַוארְפְן.

בִּפְרַט דַארְפְּסְטוּ וִויסְן דָאס רֵייכֶערְן צִיגַארֶעטְלֶעךְ אִיז אַ תַּאֲוָה וִוי אַלֶע תַּאֲוֹת, אוּן דָאס אִיז אַ הֶפְקֵירוּת, אַלֶע מוּפְקָרִים רֵייכֶערְן, אוּן וֶוער סְ'וִויל זַיין אִין חִינוּךְ דֶער טָאר נִישְׁט רֵייכֶערְן, אוּן וֶוער סְ'רֵייכֶערְט אוּן עֶר אִיז אִין

חִינוּךְ אִיז עֶר קַיין מְחַנֵךְ נִישְׁט, ווייל עֶר בְּרֶעֶנְגְט אַרַיין אַ קַאלְטְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מִיט נִיגוּנִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָאדִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ג') אַז אַ נְגִינָה פוּן אַ מְנַגֵן רָשָׁע שְׁלֶעפְּט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. וָואס הֵייסְט "אַ נְגִינָה פוּן אַ מְנַגֵן רָשָׁע"? אַז מֶען נֶעמְט נִיגוּנִים פוּן גוֹיִם, אוּן מֶען מַאכְט פוּן דֶעם כְּלוֹמֶר'שְׁט נִיגוּנִים פוּן קְדוּשָׁה, דָאס אִיז אַ וֶועג פוּן אָפְּקִילְן אִידִישְׁקֵייט.

אוּן דָאס הָאט לֵיידֶער לֶעצְטֶענְס זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט צְווִישְׁן פְרוּמֶען עוֹלָם דוּרְךְ אַפָּאר אִינְגֶעלַייט קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים, וָואס ווִי בַּאוואוּסְט זַיי זֶענֶען נוֹאָפִים אוֹיכֶעט, אוּן זַיי זֶענֶען גֶעוָוארְן דִי זִינְגֶערְס, אוּן זַיי ווֶעלְן לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער ווִי אַזוֹי צוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, אוּן זִיךְ ווַארְפְן זִיךְ מִיטְן גוּף עֶקְלְהַאפְטִיג אַזוֹי ווִי דִי שְׁחוֹרִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס ווִיל מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע פַארְבְּרֶעכְן, אוּן הַלְוַאי וָואלְט מֶען דָאס אוֹיסְגֶערָאטְן אִינְגַאנְצְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

לֵיידֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאל זַיי אוֹיסְשְׁלִיסְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז אַ פַארְבְּרֶעכְן וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶעם קַיין תִּיקוּן, דָאס קִילְט אָפּ דִי יוּנְגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן דִי בָּחוּר'לֶעךְ בִּיז רַחֲמָנָא לִיצְלַן דִי נִיגוּנִים שְׁלֶעפְּן אַרָאפּ דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים פוּן אִידִישְׁקֵייט. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ װעסְט פַארְשְׁטֵיין, אוּן דוּ װֶעסְט מִיר נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דֶעם וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רמא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר פִּנְחָס י״א תַּמּוּז ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיװ.

**דוּ** דַארְפְסְט װיסְן אַז חִינוּךְ דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיי דִי אִידִישֶׁע פָאלְק, װָארוּם מִיר אַלֶע לֶעבְּן נָאר כְּפִי מְסוֹרַת אֲבוֹתֵינוּ וַאֲבוֹת אֲבוֹתֵינוּ וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְנְ׳ס עֶלְטֶערְן וְכוּ׳.

**לֵיידֶער** לֵיידֶער הָאבְּן לֶעצְטֶענְס זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי הֵיימִישֶׁע עוֹלָם דֵעוֹת נִפְסָדוֹת וָואס עֶס נֶעמְט זִיךְ פוּן דִי גוֹיִים וְכוּ׳, נֵייעֶ מֶעטָאדְן וְכוּ׳ וויאַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער וְכוּ׳, אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער בְּרָאךְ אַז מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ גוֹיִים עֲרֵלִים טְמֵאִים וְכוּ׳ פְּסִיכָאלָאגְן פֶּעדַאגָאגְן וְכוּ׳, וָואס זֵיי זָאלְן אוּנְז לֶערְנֶען וויאַזוֹי מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער עַל פִּי דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה וְכוּ׳, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין גֶעלֶעכְטֶער? וָואס קֶען שׁוֹין אַ גוֹי עָרֵל טָמֵא וויסְן וָואס הֵייסְט חִינוּךְ? לָאמִיר נָאר זֶען וויאַזוֹי דִי גוֹיִים זֶענֶען מְחַנֵךְ

זײַערע קִינְדֶער? און דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אַז מֶען מִישְׁט אוֹיס פִּינְסְטֶער מִיט לֶעכְט, גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטְס וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיר אִידְן דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען פוּן דִי גוֹיִים, מִיר הָאבְּן אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָואס דָארְטְן אִיז אַרוּמְגֶערֶעדְט בַּאֲרִיכוּת וויאַזוֹי אַ מְלַמֵד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִית, און וויאַזוֹי עֶר דַארְף לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, און וויפִיל קִינְדֶער דַארְפְן זַיין אִין קְלַאס וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** וָואלְט אִיךְ דִיר גֶערָאטְן זָאלְסְט קוֹדֶם אִיבֶּערְלֶערְנֶען גוּט גוּט הִלְכוֹת מְלַמְדִים, טוּר, בֵּית יוֹסֵף, און שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און זָאלְסְט דָאס קֶענֶען קְלָאר, און דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ עֶרְשְׁט אָנְהֵייבְּן רוּפְן זִיךְ מְלַמֵד.

**אַ** מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעדוּלְד, אַ מְלַמֵד דַארְף עֶסְן און טְרוּנְקֶען און שְׁלָאפְן, כְּדֵי עֶר זָאל זַיין אוֹיסְגֶערוּט און עֶר זָאל הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, וָוארוּם דֶער יְסוֹד אִין חִינוּךְ אִיז אַז דֶער מְלַמֵד זָאל זַיין אוֹיסְגֶערוּט, און עֶר זָאל הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אִינְגֶעלֶע, און אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אִים דֶער עִיקָר אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און נָאכְדֶעם זָאל עֶר אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אִים דִי טֶעגְלִיכֶע הֲלָכוֹת וָואס דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי אַ אִינְגֶעלֶע טָאר זִיךְ נִישְׁט לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיז עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט נֶעגְל וַואסֶער, אַ שִׁיסְל מִיט אַ טֶעפְּל וַואסֶער נֶעבְּן בֶּעט, און עֶר זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה אִין אַ סִידוּר, און עֶר זָאל קִישְׁן דִי מְזוּזָה און בֶּעטְן דֶעם

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז זַיין נְשָׁמָה זָאל אַרוֹיפְגֵיין אוֹיסְגֶערוֹטֶערְהֵייט, אוּן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי אוֹיסְגֶערוּטֶערְהֵייט, וְוִיפֶער מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זָאל מֶען גְלַייךְ אָפְּגִיסְן זִיךְ דִי הֶענְט, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין ד' אַמוֹת אוּמְאָפְּגֶעגָאסְן זִיךְ דִי הֶענְט, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער בְּרָכוֹת, וָואס דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע זָאל מַאכְן אַ בְּרָכָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר עֶסְט, אוּן אַ נָאךְ בְּרָכָה, וּבִפְרַט בֶּענְטְשְׁן, אוּן אוֹיב דוּ וֶועסְט דָאס אַרַיינְפְלַאנְצְן אִין קִינְדֶער, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט זֵיי אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

זִינְגֶען דַארְף מֶען מִיט זֵיי זִינְגֶען נָאר נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אוּן הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים, נִישְׁט גוֹי'אִישֶׁע נִיגוּנִים וָואס מֶען הָאט אִין דֶעם אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִידִישֶׁע וֶוערְטֶער, דָאס אִיז אַן עֶקְל, דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן פְּרָאסְטֶע מְגוּשָׁמֶע גְרָאבְּיַאנֶען, עֶקְלְהַאפְטִיגֶע אִינְגֶעלַייט, וָואס זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ', פוּן זֵיי דַארְפְן מִיר נֶעמֶען נִיגוּנִים? אוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס אִיז הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת דַארְפְן דָאס אִין זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן? דָאס דַארְף זַיין בַּיי אוּנְז מִיאוּס בְּתַכְלִית הַמִיאוּס, שִׁיקוּץ בְּתַכְלִית הַשִׁיקוּץ, מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ נָאר הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים.

דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִיז אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶערְלֶעךְ אַלֶף בֵּית מִיט דִי אַלְטֶע מֶעטָאדְן אַזוֹי וִוי מֶען הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט

אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְנ׳ס עֶלְטֶערְן, נִישְׁט מִיט קַיין נַייעֶ מֶעטָאדְן ״אָ״, ״בָּ״, וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאר ״קָמֶץ אַלֶף אָ״, ״קָמֶץ בֵּית בָּ״, וָואס אִין דֶעם לִיגְט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, סְ׳אִיז נִישְׁט סְתָּם אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ קִינְד. מַה שֶׁאֵין כֵּן דִי גוֹי׳אִישֶׁע מֶעטָאדְן ״אָ״, ״בָּ״, לִיגְט אִין דֶעם טְרֵיפָה׳נֶע דֵעוֹת נִפְסָדוֹת וְכוּ׳.

**אַ** קִינְד דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען עֶר זָאל הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ דַאוָונֶען, עֶר זָאל וֶועלְן דַאוָונֶען, עֶר זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם סִידוּר, וּמִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳ס תּוֹרָה, דָאס דַארְף זַיין בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בְּרֶתֶת וּבְזִיעָה, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַז דָאס אִינְגֶעלֶע וֶוערְט נָאךְ גְרֶעסֶער דַארְף מֶען מִיט אִים לֶערְנֶען רַשִׁ״י, אוּן אַרַיינְגֶעבְּן דִי חַבִיבוּת פוּן יֶעדֶע הֵיילִיגֶע רַשִׁ״י, וִוי עֶר בְּרֶענְגְט אַלֵיין ״וַאֲנִי לֹא בָאתִי אֶלָּא לְפָרֵשׁ פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא״.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶערוּפְן דֶעם בְּרִיסְקֶער רָב זי״ע עֶר זָאל פַארְהֶערְן אַ קְלַאס, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ אִינְגֶל פְּשַׁט אִין אַ פָּסוּק, הָאט דֶער אִינְגֶעלֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער רַשְׁבַּ״ם זָאגְט אַזוֹי וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאט דֶער בְּרִיסְקֶער רָב זַ״ל גֶעגֶעבְּן אַ בֵּייזְן קוּק אוֹיפְן מְלַמֵד, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְן מְלַמֵד, וִוי קוּמְט דָאס אַז עֶר לֶערְנְט מִיט אִינְגֶעלֶעךְ אַנְדֶערֶע מְפָרְשִׁים, פַאר מֶען לֶערְנְט פֵּירוּשׁ רַשִׁ״י וָואס דָאס

אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל? עֶר הָאט אִים זַייעֶר אוֹיסְגֶע'מוּסָר'ט.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מְלַמֵד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין רַשִׁ"י עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע מְפָרְשִׁים הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶע'מוּסָר'ט. עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה וָואסֶערֶע בּוּשָׁה אוּן אַ חֶרְפָּה אִיז, אַז אַ מְלַמֵד לֶערְנְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער בִּכְלַל רַשִׁ"י, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכ"ג) אַז רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אִיז דִי בְּרוּדֶער פוּן דִי תּוֹרָה, וָוארוּם גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל לֶערְנְט רַשִׁ"י.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז זַייעֶר וִויכְטִיג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן זִינְגֶען דֶעם אַלְטְן חֵדֶר נִיגוּן, נִישְׁט נֵייעֶ גוֹי'אִישֶׁע עֶקְלְהַאפְטִיגֶע נִיגוּנִים וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ בִּזָיוֹן, וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ (מִשְׁלֵי יא) "נֶזֶם זָהָב בְּאַף חֲזִיר", וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט אַ אִינְגֶעלֶע מִשְׁנַיוֹת, דַארְף מֶען מִיט אִים לֶערְנֶען לַאנְגְזַאם, אוּן מַסְבִּיר זַיין יֶעדֶע מִשְׁנֶה, אוּן וָואס יֶעדֶע תַּנָא זָאגְט. אוּן הַיינְט אִיז דָאס זַייעֶר זַייעֶר גְרִינְג, וַוייל מֶען הָאט הַיינְט גֶעדְרִיקְט מִשְׁנַיוֹת מִיט בִּילְדֶער, וָואס דָאס קִינְד קֶען זֶען לֶעבֶּעדִיג פַאר זִיךְ יֶעדֶע מִשְׁנֶה, הֵן אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת, הֵן אִין הִלְכוֹת סוּכָּה, מַמָשׁ לְהַפְלִיא פִּלְאֵי פְּלָאוֹת, עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר יֶעדְן אִינְגֶעלֶע יֶעדֶע מִשְׁנֶה. אוּן מֶען דַארְף דָאס מִיט זֵיי חַזֶרְן קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ בִּיז זֵיי זָאלְן דָאס קֶענֶען אוֹיסְנְוֵוייניג,

מֶען דַארְף נִישְׁט יָאגְן אוּן לוֹיפְן, נָאר יֶעדֶע מִשְׁנֶה חַזֶרְן חַזֶרְן אוּן חַזֶרְן מִיטְן טַייטְשׁ זֵיי זָאלְן דָאס קֶענֶען. אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ לֶערְנֶען אָדֶער פֶּרֶק אֵלּוּ מְצִיאוֹת, אָדֶער פֶּרֶק הַמֵּנִיחַ, אָדֶער פֶּרֶק הַכּוֹנֵס, וָואס דָאס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט נֶעמֶען נַייעֶ וֶועגְן, אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ יֶעדֶע שְׁטִיקֶעלֶע גְּמָרָא אוּן מֶען חַזֶרְט אִיבֶּער. אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט.

**דֶעם** סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעמַאכְט פַאר בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן אַ שְׁוַואכֶע הַבָנָה, אוּן אַ שְׁוֶוערֶע תְּפִיסָה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ דֶרֶךְ צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן צוּ זָאגְן אַסַאךְ גְּמָרָא, אוּן מִיט דֶער צַייט וֶוערְט אִים גֶעעֶפְנְט דֶער מֹחַ וְכוּ', אוּן זַיין הַבָנָה אוּן זַיין שֵׂכֶל וֶוערְן פַארְבְּרֵייטֶערְט וְכוּ', אוּן עֶר קֶען אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט.

**אָבֶער** קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, פָּשׁוּט דַאוְוענֶען אִין סִידוּר, אוּן פַּארְטַייטְשְׁן יֶעדֶעס וָוארְט, דָאס קִינְד זָאל וִויסְן וָואס עֶר דַאוְוענְט, מִכָּל שֶׁכֵּן חוּמָשׁ זָאל עֶר חַזֶרְן מִיט אַ בְּרֶען, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן יֶעדֶע רַשִׁ"י זָאל מֶען מַסְבִּיר זַיין (נַאטוּרְלִיךְ דִי רַשִׁ"י וָואס רֶעדְט פוּן דִקְדוּק לָאזְט מֶען אוֹיס) נָאר דָאס

פֵּירוּשׁ הַפָּשׁוּט דַארְף גֵיין אַלְץ אוֹיפְן וֶועג פוּן רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ, נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן נֵייעֶ פֵּירוּשִׁים, דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דֶער אִידִישֶׁער וֶועג, אוּן וֶוער עֶס פַארְנַאכְלֶעסִיגְט דֶעם לִימוּד חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיט קְלֵיינֶע אִינְגֶעלֶעךְ טָאר נִישְׁט זַיין קֵיין מְלַמֵד, אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קִינְדֶערְלֶעךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אוּן דִי הֶעכֶערֶע קְלַאסְן מִשְׁנָיוֹת אוּן פַּארְטַייטְשְׁן יֶעדֶע מִשְׁנָה אוּן חַזֶרְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז זֵיי וֶועלְן קֶענֶען דָאס אוֹיסְנְוֵוינִיג, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן דִי הֶעכֶערֶע קְלַאס וָואס מֶען לֶערְנְט שׁוֹין פֶּרֶק הַמֵנִיחַ אָדֶער פֶּרֶק הַכּוֹנֵס אָדֶער פֶּרֶק אֵלוּ מְצִיאוֹת וְכוּ', דַארְף מֶען אַוַודַאי אַוַודַאי אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי הַבָנַת הַתּוֹרָה, דִי גֶעשְׁמַאק פוּן תּוֹרָה, אוּן אוֹיב אַ יְשִׁיבָה אַ תַּלְמִיד תּוֹרָה לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג דַארְף דָאס פַארְמַאכְט וֶוערְן, טָאר נִישְׁט זַיין אַזַא תַּלְמִיד תּוֹרָה, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן דִי קִינְדֶער אִין אַזַא תַּלְמוּד תּוֹרָה.

גְלֵייב מִיר אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אִין דֶעם, ס'אִיז פָּשׁוּט שֵׂכֶל, אוּן מֶען זֶעט דָאס דִי אַלֶע אִינְגֶעלֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען כִּיתָּה א', כִּיתָּה ב', כִּיתָּה ג', כִּיתָּה ד', וְכוּ', מִיט אַזֶעלְכֶע הַקְדָמוֹת זֶענֶען גֶעוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אָבֶער דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס וָואס מֶען הָאט גֶענוּמֶען קַאלִיקֶעס פַאר מְלַמְדִים, אָדֶער מֶען הָאט צַאמְגֶענוּמֶען דְרֵיי פִיר קְלַאסְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן דֶער מְלַמֵד אִיז אַרוֹיס אוּן גֶעטְרוּנְקֶען קַאוֶוע וְכוּ' אָדֶער עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט וְכוּ', אִיז עֶר בִּכְלַל וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (שׁוּלְחָן עָרוּךְ

יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ"ה סְעִיף ט"ז, בָּבָא בַּתְרָא כא:) "מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁמַּנִּיחַ הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא, אוֹ שֶׁעוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶם, אוֹ שֶׁמִּתְרַשֵּׁל בְּתַלְמוּדוֹ, הֲרֵי זֶה בִּכְלַל אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת הַוָיָ"ה רְמִיָּה".

**עַל** אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ בָּחוּר זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין פב.) "לֹא יִלְמַד אָדָם רַוָּוק סוֹפְרִים" [עַיֵּין רַשִׁ"י: לֹא יִלְמַד רַוָּוק סוֹפְרִים: רַוָּוק, פָּנוּי בְּלֹא אִשָּׁה. סוֹפְרִים: מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת. כְּלוֹמַר, לֹא יַרְגִּיל רַוָּוק עַצְמוֹ לִהְיוֹת מִן הַסּוֹפְרִים וְכוּ'], בִּפְרַט הַיינְטִיגְן פְּרָאסְטְן דוֹר, דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אֲפִילוּ אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן בָּחוּר, כָּל זְמַן עֶר אִיז אַ בָּחוּר טָאר עֶר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, דָאס אִיז מִדִּינָא דִגְמָרָא, וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן נֶעמֶען קַאלְיֶעדִיגֶע בָּחוּרִים וְכוּ', אוּן זֵיי זָאלְן זַיין דִי מְלַמְּדִים, זֵיי זָאלְן זַיין דִי שׁוֹמְרִים אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דָאס אִיז אַ עַוְולָה שֶׁאֵין כָּמוֹהוּ.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי מְנַהֲלִים פוּן דַיין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן זֵיי וֶועלְן דָאס נִישְׁט פַארְבֶּעסֶערְן, מֶעג מֶען פַארְמַאכְן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה.

**נָאכְאַמָאל** ווִיל אִיךְ דִיר אִיבֶּערְחַזֶּרְן, אַז אַ מְלַמֵּד מוּז הָאבְּן גֶעדוּלְד, וָוארוּם אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער זָאל עֶר עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין סַאנִיטֶעישְׁן (דֶיע וָואס זֵיי קְלוֹיבְּן אוֹיף דִי מִיסְט) דֶיע הָאבְּן

נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, אוּן זֵיי וַוארְפְן דִי גַארְבִּיטְשׁ קֶענְס (דִי מִיסְט בְּלֶעכְן) מִיט רְצִיחָה אִין טְרָאק. אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד, אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, טָאר נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קִינְדֶער, טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער, טָאר נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן קִינְדֶער. אוּן אוֹיבּ עֶר טוּט דָאס אִיז עֶר אַ רוֹצֵחַ גָמוּר. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט דָאס אַרַיינְלֵייגְן גוּט גוּט אִין דַיין הַארְץ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

## רמב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מַטּוֹת ט"ו תַּמּוּז (הִילוּלָא שֶׁל הָאוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ) ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַתַּלְמִידִים הַיְקָרִים הַלּוֹמְדִים בִּישִׁיבַת "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה" הַוַיָ"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר דָאס אִיר זֶענְט אַרוֹיס גֶעפָארְן אוֹיפְן גַאנְצְן זוּמֶער חוּץ לְיִשּׁוּב, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן אוּן שְׁלֶעכְטְס, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מה.) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמִי שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; אִין שְׁטָאט אִיז דָאס שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין, ווייל וִוי נִישְׁט גֵייט מֶען אוֹיפְן גַאס אוּן מֶען קֶען נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הַארְבּ, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פָּרָשָׁה י' סִימָן ו') מַה

רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִשְׁאוֹל מִיִּשְׂרָאֵל הַלֵּב וְהָעֵינַיִם שֶׁיִּהְיוּ אַחְרָיו, לְפִי שֶׁהָעֲבֵירָה תְּלוּיָה בָּהֶם, עֵינַיִם רוֹאוֹת וְכוּ' וְהַלֵּב מְהַרְהֵר אַחְרֶיהָ וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אִיז זֵייעֶר גוּט וָואס אִיר זֶענְט חוּץ לְיִשּׁוּב, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָארְטְן דַארְף מֶען אוֹיכֶעט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטֶעטְל וָואס מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג מֶער נִכְשָׁל וֶוערְן וְכוּ'.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן עֶר קֶען דֶעם גַאנְצְן זוּמְמֶער זִיצְן אִינְטֶער אַ בּוֹים אוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיט תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דֶער עִיקָר חַזֶרְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן, אוּן עֶס נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וִוי עֶר אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ'שְׁ'נָ'ה', אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל, דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנָיוֹת וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דָארְטְן, אוּן אוֹיכֶעט דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אִין דֶעם, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַייט נִישְׁט קַיין בַּטְלָנִים, נִיצְט אוֹיס דִי טַייעֶרֶע צַייט אוּן זֶעט יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, אוֹיךְ זָאלְט אִיר חַזֶרְן אַסַאךְ דַפִּין גְּמָרָא כְּסִדְרָן, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תַּעֲנוּג פוּן דֶעם.

**וְעַל** כּוּלָם זֶע צוּ דַאוֶועֶנֶען עֶרְלִיךְ דִי דְרַייִ תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב שְׁטַייטְלֶעךְ מִילָה בְּמִילָה, אוּן דֶער עִיקֶר כַּוָונָה פוּן דַאוֶועֶנֶען אִיז מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, מֶען זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס מֶען רֶעדְט, אוֹיךְ זָאלְט אִיר זַייעֶר נִזְהָר זַיין מִיט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ עֲשִׁירוּת, אוּן אוֹיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה עַל פִּי דֶעם נוּסַח פוּן אֲרִיזַ"ל, וָואס דֶער וָואס עֶר זָאגְט דֶעם נוּסַח וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן אַלֶעם בֵּייז, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת.

**אִיךְ** בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, זֶעט זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ קְרִיגְן אָדֶער מִתְוַוכֵּחַ זַיין, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זִינְד, בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב שָׁלוֹם אוּן אַחְדוּת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עוּקְצִין פֶּרֶק ג') לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחְזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם; וּבִפְרַט חֲבֵרִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען צוּזַאמֶען אִין יְשִׁיבָה, דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר צוּזַאמֶען, אוּן אֵיינֶער זָאל אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם צְוֵוייטְן.

**דֶער** עִיקֶר פוּן אַלֶע עִיקָרִים, זָאלְט עֶטְץ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זִינְגֶען דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אָבֶער אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִינְגֶען נָאר נִיגוּנִים פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נִישְׁט נִיגוּנִים פוּן פְּרָאסְטֶע גֶעמֵיינֶע זִינְגֶער'ס וָואס זֶענֶען כְּלוֹמֶר'שְׁט פַארְשְׁטֶעלְט ווִי חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ מַזְהִיר גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

חֵלֶק א׳ סִימָן ג׳) אַז נִיגוּנִים פוּן רְשָׁעִים צִיעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ אַרָאפּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זִינְגֶען גוֹיאִישֶׁע נִיגוּנִים, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט וַוארְפְן זִיךְ מִיטְן גוּף וִוי אַ אוֹיסְגֶעשָׁאקֶעלְטֶער לוּלָב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי גוֹיִים, וָוארוּם אַזַא הַנְהָגָה אִיז זֵייעֶר עֶקְלְדִיג.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעט זֵייעֶר אַכְטוּנְג, זִינְגֶען זָאלְט אִיר זִינְגֶען וָואס מֶער, אוּן טַאנְצְן זָאלְט עֶטְץ טַאנְצְן לֶעבֶּעדִיג אוּן לוּסְטִיג, אָבֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי גֶעמֵיינֶע זִינְגֶערְס וָואס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיט רֶעכְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, וַוייל מִיט דֶעם קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל אַיינְזִינְקְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**אוֹיךְ** גֶעט זֵייעֶר אַכְטוּנְג וָואס אִיר עֶסְט, עֶס זָאל הָאבְּן אַ הֵיימִישֶׁער הֶכְשֵׁר, וָוארוּם הַיינְט קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אֲפִילוּ דִי נַאשֶׁערֵיי וָואס הָאט נִישְׁט קַיין הֶכְשֵׁר דַארְף מֶען וִויסְן עֶס אִיז אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין דֶעם גְלִיצֶערִין וְכוּ׳, וָואס דָאס וֶוערְט גֶעמַאכְט פוּן חַיוֹת טְמֵאוֹת וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף וָואס מֶען עֶסְט אוּן וָואס מֶען טְרִינְקְט אַז עֶס זָאל הָאבְּן אַ הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר, אוּן עֶס אִיז הַיינְט דָא.

**אִיךְ** בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן דֶער עִיקָר אִיז אַרְבֶּעטְן

אויף נְקוּדוֹת הַשִּׂמְחָה, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, און אַפִילוּ דִי תְּפִילוֹת וָואס אִיר זֶענְט מִתְפַּלֵל פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין מִיט שִׂמְחָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה סִימָן פ"א) תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה הִיא עֲרֵיבָה וּמְתוּקָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ; אויךְ (שָׁם סִימָן ע') עַל יְדֵי שִׂמְחָה תָּבֹא תְּפִילָּתְךָ בְּהֵיכַל מֶלֶךְ; וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז מִתְפַּלֵל בְּשִׂמְחָה וֶוערְט גֶעעֶפְנְט אַלֶע טוֹיעֶרְן פַאר אִים, און זַיין תְּפִלָּה וֶוערְט נִתְקַבֵּל אִין הִימְל, אִיבֶּערְדֶעם זָאל אַלֶע אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת און הִתְבּוֹדְדוּת זַיין מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

גֶעטְם זַייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט קְרִיכְן טִיף אִין וַואלְד וָואס מֶען קֶען חָלִילָה וְחַס פַארְלוֹירְן וֶוערְן וְכוּ', גֶעדֶענְקְט דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפוּנְט זִיךְ אִיבֶּערָאל, און מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ד) דָאס תְּפִלָּה אִיז דֶער טוֹיעֶר אַריינְצוּגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

פִּירְט זִיךְ אויף זַייעֶר עֶרְלִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן אוֹיבּ אֵיינֶער בַּאלֵיידִיגְט עֶנְק, און אִיר זָאלְט גוּט גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פו.) וְאָהַבְתָּ אֶת הַוַיָ"ה אֱלֹהֶיךָ שֶׁיְּהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ שֶׁיְּהֵא קוֹרֵא וְשׁוֹנֶה וּמְשַׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וִיהֵא מַשָּׂאוֹ וּמַתָּנוֹ בְּנַחַת עִם הַבְּרִיּוֹת, מַה הַבְּרִיּוֹת אוֹמְרוֹת עָלָיו? אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה, אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה, פְּלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה רְאוּ כַּמָּה נָאִים דְּרָכָיו

כַּמָה מְתוּקָנִים מַעֲשָׂיו, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (יְשַׁעְיָה מ"ט ג') "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אַתָּה יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", אֲבָל מִי שֶׁקּוֹרֵא וְשׁוֹנֶה וּמְשַׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וְאֵין מַשָּׂאוֹ וּמַתָּנוֹ בֶּאֱמוּנָה וְאֵין דִבּוּרוֹ בְּנַחַת עִם הַבְּרִיּוֹת, מַה הַבְּרִיּוֹת אוֹמְרוֹת עָלָיו? אוֹי לוֹ לִפְלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה אוֹי לוֹ לְאָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה אוֹי לוֹ לְרַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה, פְּלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה רְאוּ כַּמָּה מְקוּלְקָלִין מַעֲשָׂיו וְכַמָּה מְכוֹעָרִין דְרָכָיו וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**עֶטְץ** דַארְפְטְס זֶען מְקַדֵּשׁ זַיין דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וַוייל מֶען רֶעדְט אַזוֹי פִיל שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אוּנְז וְכוּ', דַארְף מֶען וַוייזְן פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דָאס עֶטְץ זֶענְטְס עֶרְלִיכֶע בַּעַל דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיגֶע בָּחוּרִים.

**אַז** וואויל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר וֶועט מְקַיֵּים זַיין דָאס אַלֶעס, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט בְּקָרוֹב טוּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

**אִיר זָאלְט אַלֶע הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכֶע תָּמִיד**

## רמג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מַטּוֹת ט"ו תַּמּוּז (הִילוּלָא שֶׁל הָאוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ) ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דוּ טוּהסְט אוֹיף מִיט דִי הַדְפָּסָה וָואס דוּ דְרִיקְסְט דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוו מִיט דִי

קוּנְטְרֵסִים וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ נָאר אִידִישׁ, אוּן אַלֶע סְפָרִים וָואס דוּ דְּרִיקְסְט אָפּ אוֹיף אִידִישׁ וֶוערְן צוּכַאפְּט אָן אַ גוּזְמָא, אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיכֶעט דְּרִיקְן דֶעם קוּנְטְרֵס אוֹיף אִידִישׁ "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּיי צַדִּיקִים" כְּדֵי מִיר זָאלְן דָאס קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וָוארוּם זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מְנִיעוֹת פוּן דִי פְרוֹיעֶן צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער קוּנְטְרֵס אִיז מַסְבִּיר פַאר דִי פְרוֹיעֶן דָאס חֲשִׁיבוּת אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן צוּ לָאזְן דִי מֶענֶער פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זֵייעֶר, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דַיין אוֹיפְטוּ וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעטוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי וַוייט אַז אִין יַבְנְאֵל הַאנְדְלֶען זֵיי שׁוֹין אַיין אַ אֵייגֶענֶע דְּרִיקֶערֵיי, אַלְץ פוּן קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעטוּן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען אוֹיכֶעט קִנְאָה, אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין בַּאשְׁטֶעלְט אַלֶע מַאשִׁינֶען וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְּסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן וָואס דוּ בִּיסְט אַ זוֹכֶה וּמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, נָאר וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**דֶער** לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט וְכוּ', דָאס אִיז נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וֶוען עֶר הָאט אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת וְכוּ', אוּן אַז סְ'וֶוערְט נִישְׁט ווִי עֶר

הָאט גֶעוָואלְט וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִשְׁבָּר וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער וויל גָארְנִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע רָצוֹן נָאר ווִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וויל, דֶעמָאלְט גֵייט אִים אַלֶעס כְּסֵדֶר, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ב) וֶוען גֵייט פַאר אַ מֶענְטְשׁ שֶׁלֹא כְּסֵדֶר? וֶוען עֶר ווִיל אַ רָצוֹן וָואס אִיז נֶגֶד רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר אִיז מְבַטֵל זַיין רָצוֹן צוּם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט גֵייט אִים כְּסֵדֶר מִיט יֶעדֶע זַאךְ.

**עֶס** אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים, "ווִילְסְט ווִי סְ'אִיז, וֶועט זַיין ווִי דוּ ווִילְסְט" אִין דֶעם דִיבּוּר לִיגְט זֵייעֶר אַ טִיפֶע הַשָּׂגָה וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וויל גָארְנִישְׁט נָאר וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וויל, דֶעמָאלְט גֵייט אִים אַלֶעס ווִי עֶר וויל, אוּן דֶער אֱמֶת'ן אַריין אִיז דָאס אַ מִשְׁנָה מְפוֹרֶשֶׁת, (אָבוֹת פֶּרֶק ב') עֲשֵׂה רְצוֹנוֹ כִּרְצוֹנְךָ, כְּדֵי שֶׁיַעֲשֶׂה רְצוֹנְךָ כִּרְצוֹנוֹ. בַּטֵל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ, כְּדֵי שֶׁיְבַטֵל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנְךָ; אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר נֶעמְט דָאס אַריין גוּט אִין הַארְצְן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר וֶועט זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רמד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מַטּוֹת ט"ו תַּמּוּז (הִילוּלָא שֶׁל הָאוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ) ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיווּ.**

**דוּ** דַארְפְסְט זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, וָוארוּם דֶער חֵטְא וָואס הֵייסְט חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ' וְכוּ' דָאס אִיז מְטַמְטֵם דֶעם דַעַת מִיטְן מֹחַ מִיטְן שֵׂכֶל, אוּן מֶען וֶוערְט מְשׁוּגֶע אִינְגַאנְצְן, דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעטְרִיקֶענְט, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ז) **אַז אַ מֶענְטְשׁ** אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וֶוערְט זַיין מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרִיקֶענְט, אוּן זֵיי וֶוערְן מְשׁוּגֶע, אוּן רוֹב מְשׁוּגָעִים אִיז נָאר מֵחֲמַת פְּגַם הַבְּרִית.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אוּן נִישְׁט זִינְדִיגְן מֶער, דַארְפְסְט אוֹיף זִיךְ רַחֲמָנוּת הָאבְּן, ווייל דֶער מְשׁוּגַעַת וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאכְדֶעם צוּ שְׁוֶוערֶע אוּמְגְלִיקְן, אַז דוּ ווילְסְט זוֹכֶה זַיין פַארְרֶעכְטְן, הֶער אוֹיף, זַיי נִישְׁט אִין כַּעַס, אוּן זָאלְסְט זַיין אַ בַּעַל חֶסֶד, זָאלְסְט טוּן חֶסֶד פַאר אִידְן, אוּן דֶער עִיקָר חֶסֶד זָאלְסְטוּ טוּן אִין שְׁטוּבּ פַאר דַיין ווייבּ, זָאלְסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, ווייל אַזוֹי זָאגְן דִי חַזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:) **אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ;** אַ פְּרוֹי דַארְף דֶער מַאן מְשַׂמֵּחַ זַיין, לָאז נִישְׁט אוֹיס דֶעם גַאנְצְן

כַּעַס אוֹיף אִיר, אַז דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם שְׁלֶעכְטְן בִּיטֶערְן חֵטְא דַארְפְסְטוּ נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, אוּן דַארְפְסְט נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן דַיין כַּעַס אוֹיף דַיין וַוייבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמ"ט) אוֹיף דֶעם חֵטְא שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לח ז) "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי הַוָי"ה" פַארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט 'רָשָׁע בְּעֵינֵי הַוָי"ה'? נָאר וַוייל וֶוער סְ'זִינְדִיגְט מִיט דֶעם חֵטְא, אִיז רַע, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג שְׁלֶעכְט, בֵּייז, עֶר אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר טוּט נָאר שְׁלֶעכְטְס פַאר אַ צְוֵוייטְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא, בִּיז דוּ בִּיסְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, דַארְפְסְטוּ זֶען צוּ טוּן נָאר חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים, וֶועסְטוּ זֶען דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

זַיי מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ פוּן יֶעצְט אָן וֶועסְטוּ זַיין נָאר אַ גוּטֶער מַאן אוּן אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, וֶועסְט טוּן נָאר חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים, אַלֶעס קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) **אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְתַקֵן**; מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) **אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל**; סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מְיַיאֵשׁ זַיין זִיךְ, מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה טוּן, תְּשׁוּבָה אִיז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, כָאטְשֶׁע דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אִיז מַחְמִיר אוֹיף דֶעם חֵטְא זֵייעֶר, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"א) קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט

דֶעם זוהַר, אִיךְ זָאג אַז אויף יֶעדְן חֵטְא נִיצְט תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אויף דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא, מֶען דַארְף נָאר דֶער עִיקֶר פוּן הַיינְט אָן מֶער נִישְׁט טוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מִיט רַחֲמִים רַבִּים, אוֹיבּ דוּ ווילְסְט אַז דַיין שִׁידוּךְ זָאל אָנְהַאלְטְן, דַיין זִיווּג זָאל זִיךְ הַאלְטְן, זָאלְסְטוּ זֶען אויפְהֶערְן צוּ טוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן, זָאלְסְט אויפְהֶערְן צוּ קוּקְן אויף שְׁמוּץ, זָאלְסְט מְבַעֵר זַיין פוּן דִיר דִי שְׁמוּץ, אַלֶע חֲמִימוּת פוּן יֵצֶר הָרַע קוּמְט נָאר רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַז מֶען קוּקְט אויף שְׁמוּץ, אַזוֹי זָאגְן דִי חַזַ"ל (סַנְהֶדְרִין מ"ה) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אויף דִי אוֹיגְן נִישְׁט קוּקְן מֶער אויף שְׁמוּץ, אַוֶועקְוָוארְפְן פוּן דִיר דִי אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִית, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶע אוּמְגְלִיקְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אויף דִי וֶועלְט אוּן אויף יֶענֶע וֶועלְט.

**זֶעה** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אויף דִיר אוּן הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ אִינְגְעלֶע, אוּן דַארְפְסְט מְקַיֵים זַיין יֶעצְט אַזַא הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה, אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם מִצְוָה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אֵלִיָהוּ הַנָבִיא וֶועט אַוַודַאי דָארְטְן זַיין, וֶועט מֶען דִיר מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲווֹנוֹת, וָוארוּם וֶוער ס'גֵייט בַּיי אַ בְּרִית אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, וּבִפְרַט אַ טַאטֶע מִיט אַ מַאמֶע וָואס זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן זֵייעֶר קִינְד לִבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, אִיז מֶען זֵיי מוֹחֵל אִין דֶעם טָאג פַאר אַלֶע עֲווֹנוֹת.

**זֶעה** זָאלְסְט מְהַרְהֵר זַיין בִּתְשׁוּבָה, אוּן זָאלְסְט מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, זָאלְסְט זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְקְרִיגְן, אוּן זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ, וָוארוּם דֶער סוֹף אוֹיבּ מֶען גֶעט נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף זִיךְ מְ'זִינְדִיגְט ווייטֶער אוּן וַוייטֶער רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ מוֹרָא'דִיגֶע אוּמְגְלִיקְן, הָאבּ אוֹיף זִיךְ רַחְמָנוּת וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רמה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מַטּוֹת ט"ו תַּמּוּז (הִילוּלָא שֶׁל הָאוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ) ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אֲפִילוּ סְ'אִיז אוֹיף דִיר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, דַארְפְסְטוּ זֶען מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר מַאכְן אַ הַתְחָלָה יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע שָׁעָה, יֶעדֶע רֶגַע, זִיךְ בַּאנֵייעֶן, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר בַּאנֵייט זִיךְ יֶעדְן טָאג, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ אֱמֶת'ע תְּשׁוּבָה, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר פַארְגֶעס וָואס אִיז

גֶעוֶוען און הֵייבּ אָן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׂמְחָה אַ גְרוֹיסֶע חִסָרוֹן וְכוּ' וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אוֹי אִיךְ פַארְגֶעס וְכוּ', אוֹי אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בַּיי מִיר אִיז שִׂכְחָה אַ מַעְלָה, וָוארוּם גְלַייךְ עֶס גֵייט אַוֶועק פַארְגֶעס אִיךְ אַלְסְדִינְג און אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן נֵיי, דֶער עִיקֶר אִיז מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט, שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז יֶעצְט גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת כב.) גֵר שֶׁנִתְגַיֵיר כְּקָטָן שֶׁנוֹלַד דָמֵי; און דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ גוֹי וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַ אִיד, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז יֶעצְט פוּן נֵיי הֵייבְּט עֶר אָן, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן און נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן, נָאר אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן פָאֶרעְנְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן פוּן יֶעצְט אָן וְכוּ' וְכוּ'.

פוּן יֶעצְט אָן דַארְף אִיךְ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, פוּן יֶעצְט אָן דַארְף אִיךְ נִזְהָר זַיין דַאוֶוענֶען דִי אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, פוּן יֶעצְט אָן דַארְף אִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, כְּדֵי אִיךְ זָאל עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם

הַצִּבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; פוּן יֶעצְט אָן דַארְף אִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, וֶוער ס'גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט עֶר אָפּ דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע פְלֶעקְן וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אוֹיף אִיר, וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וָואלְט עֶר אִין דֶעם עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה פַארְן מֶענְטְשׁ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן זַיינֶע לַייט, צְווִישְׁן זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה).

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, יֶעדְן טָאג זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, אוּן ס'בְּרֶענְגְט אִיר צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל וְכוּ' וְכוּ', זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן פוּן בְּרָכוֹת כְּסִדְרָן פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי מַסֶכְתָּא זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דִי צְוֵוייטֶע מַסֶכְתָּא, אוּן אַזוֹי בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, לְכָל הַפָּחוֹת אַ דַף אַ טָאג, אוּן זָאלְסְט זִיךְ דָאס פַארְטַייטְשְׁן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט אַ שְׁוֶוערֶע הַבָנָה פַאל נִישְׁט

אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, זָאלְסְט קוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) עֶר בְּרֶענְגְט דָארְטְן אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכְן סֵדֶר הַלִימוּד ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע הֲבָנָה אוּן אַ פַּארְשְׁטָאפְּטֶע קָאפּ, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן עֶס וֶועט אַלֶעס פַּארְרָאכְטְן וֶוערְן.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זַיי** אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן טוּה חֶסֶד מִיט יֶעדֶעם אֵיינֶעם, זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט, זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס.

**דַארְפְסְט** ווִיסְן אַז וָואס עֶס אִיז דִיר בַּאשֶׁערְט וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר, סְ'וֶועט נִישְׁט נִיצְן גָארְנִישְׁט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קֶען זִיךְ אַקֶעגְן שְׁטֶעלְן אַקֶעגְן דִיר, אָבֶּער וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר, אִיבֶּערְדֶעם הֶער אוֹיף צוּ נָאכְלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת, וָואס דָאס זֶענֶען דִי חַטָאִים דַיינֶע וְכוּ' וְכוּ' (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י"א מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִתְחַלְפוּ).

**עֶס** וָואלְט זַייעֶר גוּט גֶעוֶוען וֶוען דוּ זָאלְסְט אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד דַארְף מֶען קוֹדֶם קֶענֶען גוּט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים יָשָׁר וְהָפוּךְ וְכוּ' וְכוּ', זָאנְס נַארְט מֶען זִיךְ אוּן מֶען נַארְט יֶענֶעם,

בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רמו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר מַטּוֹת י"ז תַּמּוּז ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) דָאס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל, וָוארוּם יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט חָלִילָה וְחַס וֶוערְט פַארְבְּלֶענְט נָאכְדֶעם מִיט אַלֶע מִינֵי דִמְיוֹנוֹת פַאנְטַאזְיֶעס, וָואס דָאס אִיז אַ בִּיטֶער קְרֶענְק, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק י"ד הֲלָכָה ג') אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ז) "וְהֵסִיר הֲוָיָ"ה מִמְּךָ כָּל חוֹלִי" זוּ רַעְיוֹן, דְּאָמַר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר (שָׁם כ"ח) "וְנָתַן עוֹל בַּרְזֶל עַל צַוָּארֶךָ" זֶה רַעְיוֹן; דָאס הֵייסְט, וָואס אִיז דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער עוֹל אוֹיפְן מֶענְטְשׁ? זַיינֶע אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן פַאנְטַאזְיֶעס וָואס עֶס נֶעמֶען אִים אַרוּם. וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלַן, וּבִפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית, פַאלְט עֶר אַרַיין אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע דִמְיוֹנוֹת, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ פַאנְטֶעזִירְן אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וְכוּ', עֶר אִיז מֶער פוּן

אַלֶעמֶען וְכוּ', עֶר הָאט גֶעלְט וְכוּ', עֶר אִיז אִיבֶּער אַלֶעמֶען וְכוּ', אוּן וִויפֶעל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ גַּאֲוָה אוּן גְרוֹיסְקֵייט שְׁפִּירְט עֶר אַז מֶען הֵייבְּט אִים אָן צוּ רוֹדֶפְן אוּן יָאגְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר הָאט מוֹרָא פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ', כָאטְשֶׁע פוּן אִינְדְרוֹיסְן וַוייזְט עֶר דֶעם אָנְשְׁטֶעל אַז עֶר אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר אִיז מֶער פוּן אַלֶעם, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִיז עֶר בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן וִוי אַ צוּבְּרָאכֶענֶער שַׁארְבְּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל, וָואס הֵייסְט שֵׂכֶל? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף קוּקֶען אוֹיפְן שֵׂכֶל וָואס עֶס אִיז דָא אִין יֶעדֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט חַיּוּת אֱלֹקוּת וָואס אִיז דָא אִין יֶעדְן פְּרַט פוּן דִי בְּרִיאָה, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס ווִיל עֶר שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר נִכְלָל וֶוערְן אִין אִים, אוּן עֶס פַאלְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע דִמְיוֹנוֹת פוּן גְרוֹיסְקֵייט אוּן יֵשׁוּת, הַאלְטְן זִיךְ מֶער וִוי יֶענֶעם וְכוּ', וָוארוּם וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מֶער נִכְלָל אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס הֵייסְט עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס וָואס עֶס פִירְט זִיךְ בָּזֶה הָעוֹלָם אִיז אַלֶעס פוּן אִים, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; דֶעמָאלְטְס אִיז זַיין

גַאנְץ לֶעבְּן אַן אַנְדער סָארְט לֶעבְּן, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִין הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, דָאס הֵייסְט דֶעם אֱמֶתְ'ן שֵׂכֶל, אָבֶּער כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער לֶעבְּט אִין דִמְיוֹנוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע מִינֵי דִמְיוֹנוֹת אוּן פַאנְטַאזְיֶעס, וּבִפְרַט דֶעם דִמְיוֹן פוּן גַדְלוּת, פוּן הֶערְשְׁן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְדַבֵּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט אִיז זַיין קוּק אוֹיף דֶער וֶועלְט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט קוּק, עֶר זוּכְט נָאר צוּ זִיךְ בַּאהֶעפְטְן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן צוּ מְקַיֵים זַיין זַיינֶע מִצְווֹת בְּשִׂמְחָה, אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז דֶעם אֱמֶתְ'ן שֵׂכֶל.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָנֶ'ען זַ"ל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ש') אַלֶעס וָואס דוּ זֶעהסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אַלֶעס וָואס עֶס גֶעפִוּנְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז אַלֶעס וֶועגְן דִי בְּחִירָה אוּן דִי נִסָיוֹן, צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס דַארְף מֶען גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן וָואס הֵייסְט הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?

**מֶען** זֶעט דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס הָאט צוּטוּן מִיט אִידִישְׁקֵייט, זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מַלְכוּת דְסִטְרָא אַחְרָא, אַ מַלְכוּת וָואס ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגְט אַקֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף דֶעם דָאס אִיז הַשְׁגָּחָה? ווִי לֵיידֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם דִמְיוֹן אַז

דָאס מַלְכוּת דְסִטְרָא אַחְרָא בַּאַווייזְט נִסִים וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז הַשְׁגָחָה פְּרָטִית וְכוּ׳, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער דִמְיוֹן אוּן טָעוּת פוּן דֶעם? פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין גָארְנִישְׁט דוּרְךְ זֵיי קֶענֶן וֶוערְן נִסִים? נָאר וָואס דֶען? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, בִּפְרַט אִין גִלוּי עֲרָיוֹת דֶערמָאלְטְס וֶוערְט אִים פַארְטַמְטְ דֶער מֹחַ, אוּן דִי קְלִיפּוֹת נֶעמֶען אִים אַרוּם, אוּן עֶר לֶעבְּט אִין דִמְיוֹנוֹת אוּן פַאנְטַאזְיֶעס וְכוּ׳, בִּיז עֶר מֵיינְט אַז דָאס מַלְכוּת דְסִטְרָא אַחְרָא הָאט אַ שַׁיְיכוּת אִין דִי קְדוּשָׁה, בִּיז מֶענְטְשְׁן שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז זֵיי בַּאַווייזְן נִסִים אוּן מוֹפְתִים, אוּן עֶס אִיז הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, וָואס דָאס אַלֵיין אִיז דִי דִמְיוֹנוֹת וָואס עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן פוּן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרוֹיסְגֵיין, אוּן ווִיסְן דֶעם אֱמֶת, אַז פּוֹשְׁעִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין גָארְנִישְׁט, אוּן מַאכְן גֶעשְׁפֶּעט פוּן יֶעדְן דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה וְכוּ׳, זֵיי אַלֵיין זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי דִמְיוֹנוֹת וָואס טוּעֶן פַּיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן זֵיי הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת נִישְׁט צוּ דִי קְדוּשָׁה, זֵיי זֶענֶען נָאר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן וֶועגְן דִי בְּחִירָה וְנִסָיוֹן זֶען ווִי אַ אִיד וֶועט זִיךְ צִיעֶן, אָדֶער צוּם מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה וָואס דָאס אִיז אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת, אַ לוּיטֶערֶע אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶוה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן מְקַיֵים זַיין זַיינֶע מִצְווֹת, אוּן לֶערְנֶען זַיין תּוֹרָה, אָדֶער חָלִילָה וְחַס זִיךְ צוּ צִיעֶן צוּ דִי פּוֹשְׁעִים, וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִירָה אוּן דֶער נִסָיוֹן.

אוּן לֵיידֶער לֶעבְּן מִיר הַיינְט אִין אַ וֶועלְט וָואס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס דֶער נָבִיא הָאט גֶעזָאגְט (יְשַׁעְיָה ה׳) "הוֹי הָאוֹמְרִים לְרַע טוֹב וּלְטוֹב רַע שָׂמִים חוֹשֶׁךְ לְאוֹר וְאוֹר לְחוֹשֶׁךְ שָׂמִים מַר לְמָתוֹק וּמָתוֹק לְמַר" וָוארוּם אוֹיבּ עֶס קֶען זַיין אַ אִיד וָואס לֵייגְט תְּפִילִין אוּן הִיט שַׁבָּת אוּן מַאכְט אַ מְצִיאוּת פוּן דֶעם מַלְכוּת הָרִשְׁעָה מַלְכוּת הַמִינִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיז בַּיי אִים אִיבֶּערְגֶעבִּיטְן גֶעוָוארְן גוּטְס צוּ שְׁלֶעכְטְס, לֶעכְט צוּ פִינְסְטֶער, זִיס צוּ בִּיטֶער.

אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ לוֹיטֶערְן מֹחַ, אוּן אַ לוֹיטֶערְן שֵׂכֶל, אוּן ווִיסְן וָואס דֶער אֱמֶת אִיז, אוּן אֱמֶת זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן נא) אִיז נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (יִרְמְיָה י׳) "וְהַוָי"ה אֱלֹקִים אֱמֶת הוּא אֱלֹקִים חַיִים וּמֶלֶךְ עוֹלָם".

גְלֵייבּ מִיר עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין בְּרִית וְכוּ׳ הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף גִלוּי עֲרָיוֹת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אִיז זַיין מֹחַ פַארְטַמְטְ מִיט אַלֶע שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה טוּן אוּן הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אוּן נִישְׁט צִיעֶן זִיךְ צוּ דֵעוֹת כּוֹזְבוֹת, מֶען דַארְף ווִיסְן דֶעם אֱמֶת אַז נָאר דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה מִיט דִי מִצְוֹות אִיז אֱמֶת, אוּן זָאנְס אִיז אַלֶעס שֶׁקֶר, אוּן דָאס הָאט דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט, מֶען דַארְף אַרויסְגֵיין פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת, אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט קֵיין שׁוּם פּוֹשְׁעִים מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**עֶס** אִיז אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסָּיוֹן אִין הַיינְטִיגֶע צַייטְן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אַז פַּאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן דִי מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶס וֶועט זֵייעֶר שְׁוֶוער זַיין זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין רֵיינֶע אֱמוּנָה, וָוארוּם עֶס וֶועט זַיין אַזוֹיפִיל דֵעוֹת כּוֹזְבוֹת וָואס אַלֶע וֶועלְן אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דֶעם, נָאר אַ קְלֵיין הֵייפֶעלֶע אִידְן וֶועלְן זִיךְ קְלַאמֶערְן צוּ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּם אַלְטְן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם דֶרֶךְ וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אוּן אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ, אָבֶער אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן אוּן גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן, וָוארוּם אֱמוּנָה אִיז שְׁוֶוער צוּ דֶערְגְרֵייכְן אָן תְּפִלָּה.

**וְוִי** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע בֶּעט אִין זַיין תְּפִלָּה "וְתִקְבַּע אֱמוּנָתְךָ בְּלִבֵּנוּ תָּמִיד בְּלִי הֶפְסֵק, וּתְהֵא אֱמוּנָתְךָ קְשׁוּרָה בְּלִבֵּנוּ, כְּיָתֵד שֶׁלֹּא תִמּוֹט, וְתַעֲבִיר

מֵעָלֵינוּ כָּל הַמְסָכִים הַמַבְדִילִים בֵּינֵינוּ לְבֵינֶךָ" אַז וואויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר בֶּעט יֶעדְן טָאג עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דִי דִמְיוֹנוֹת אוּן דִי פַאנְטַאזְיֶעס פוּן דִי פּוֹשְׁעִים אוּן דִי רְשָׁעִים, אוּן עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן אִין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט דִיךְ שְׁרַייבְּן נָאךְ צֶוענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער נָאר אִיךְ מוּז עֶנְדִיגְן מַחֲמַת רוֹב טְרָדוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט.

הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם

## רמז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר מַטּוֹת י"ז תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, דוּ וֵוייסְט דָאס אִיךְ בִּין שׁוֹין עוֹסֵק אִין דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ הַיינְט צוּ טָאג זִיבְּן אוּן פוּפְצִיג יָאר, וָואס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן אִין בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן וְכוּ' וְכוּ', ווִי וֶועגְן אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדוּמֶה אִיז מֶען גְרֵייט יֶענֶעם צוּ שֶׁחְטְן, וֶועגְן גֶעלְט קֶען מֶען יֶענֶעם אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין פח:) מִשֶׁרָבוּ תַּלְמִידֵי שַׁמַאי וְהִלֵּל שֶׁלֹּא שִׁמְשׁוּ כָּל צָרְכָן רָבוּ מַחְלוֹקֶת בְּיִשְׂרָאֵל וְנַעֲשֵׂית תּוֹרָה כִּשְׁתֵּי

תּוֹרוֹת; מֶען קֶען זַיין אַ תַּלְמִיד פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים שַׁמַאי וְהִלֵל, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט מְשַׁמֵשׁ גֶעוֶוען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס מַחְלוֹקֶת, אוּן יֶעדֶער מַאכְט שַׁבָּת פַאר זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט דָאס עֶר לֶעבְּט אִין אַ גְרוֹיסְן דִמְיוֹן, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם גֶעטְלִיכְקֵייט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער גָאט בָּרוּךְ הוּא, אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען רֶעדְן, אוּן בֶּעטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן נָאר פוּן אִים דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אִין גְרוֹיסֶע דִמְיוֹנוֹת, וָוארוּם עֶר ווִיל זַיין אַ מְצִיאוּת אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר פַארְגֶעסְט דָאס יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע קֶען מֶען אִים צוּרִיק רוּפְן אוֹיבְן וְכוּ', אוּן וָואסֶערֶע פָּנִים וֶועט עֶר הָאבְן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ פַארְנוּמֶען צוּ יֵשׁוּת אוּן גֵיאוּת אוּן כָּבוֹד?

**דֶעער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ד) אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הִיטְן דֶעם זִכָּרוֹן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט, אוּן מִיר זֶענֶען גְרֵייט יֶעדֶע מִינוּט אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס עֶר טְרַאכְט דָאס, הָאט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, נִישְׁט קַיין הִתְנַשְּׂאוּת, עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר ווִיל מְקָרֵב זַיין אַלֶע אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט פַאר

זִיךְ, זַיין גַאנְץ שְׁטְרֶעבּוּנְג אִיז נָאר וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין אַלֶע אִידְנ'ס הֶערְצֶער זֵיי זָאלְן אוֹיבֶּעט טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז דֶער אֱמֶתְ'ר אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל, עֶר פַאר זִיךְ ווִיל גָארנִישְׁט, עֶר ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מְקַרֵב זַיין יֶעדְן אִיד צוּ אִים, אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם דֶעם עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה, אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע זַאךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע טוֹבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיין בִּיסְל טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ דִיר, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גָארנִישְׁט נָאר זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן רֶעדְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, אוּן צְוֵויי דְרֵיי אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט אַז זֵיי ווִילְן אִיבֶּערְנֶעמֶען וְכוּ', אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דוּ הָאסְט זֵיי מְרַחֵק גֶעוֶוען וְכוּ' וְכוּ', עֶס טוּט זֵיי זֵייעֶר וֵויי פַארְוָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נָאכְמֶער טוּט מִיר וֵויי, פַארְוָואס דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם? וָוארוּם אִיךְ וֵוייס וָואס הֵייסְט מַחְלוֹקֶת וְכוּ', אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעשְׁפִּירְט אוֹיף מַיין הוֹיט, וָואס פְּשׁוּטֶע יוּנְגַאטְשֶׁעס בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶער קָאפּ לִיגְט נָאר אִין גֶעלְט אוּן כָּבוֹד אִין פִּרְסוּם וְכוּ' וְכוּ', פַארְגִינֶען נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן וְכוּ', דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן גֵיאוּת אוּן יֵשׁוּת וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט אוֹיפְן אֱמֶתְ'ן תַּכְלִית אַז אָט וֶועט עֶר מוּזְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים

גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן נָאר וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען צוּ רוֹדֶפְן אַ צְוֵוייטְן אָדֶער צוּ מְרַחֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל אוּנְז בְּרֶענְגְן וְכוּ׳, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן פוּן יֶעדֶע זַאךְ זָאל עֶר נָאר זֶען רוּחְנִיוּת אֱלֹקוּת, זַיין גוּף זָאל עֶר מְצַיֵּיר זַיין ווִי ס׳לִיגְט שׁוֹין פוּן לַאנְג אִין קֵבֶר וְכוּ׳, אוּן זַיין נְשָׁמָה שְׁוֶועבְּט נָאר אַרוּם אִין גֶעטְלִיכְקֵייט, וָואס דָאס אַלֵיין אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע"ב) אַז דֶער צַדִיק הָאֱמֶת שַׁיינְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ אֱמֶתְ׳ן שִׁפְלוּת, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקֶר גְרוֹיסְקֵייט וָואס מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם אוֹיף דֶעם עוֹלָם, אוּן דָאס אִיז דֶער אֱמֶתְ׳ר תְּחִיָה, ווִי ס׳שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה כ"ו) "הָקִיצוּ וְרַנְנוּ שׁוֹכְנֵי עָפָר" דַרְשְׁנֶען אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (סוֹטָה ח׳) מִי שֶׁנַעֲשֶׂה שָׁכֵן לֶעָפָר בְּחַיָיו.

שְׁטֶעל זִיךְ פָאר, וֶוער הַיינְט וָואס לֶעבְּט גֵייט אַרוּם מִיט אַ מַחְשָׁבָה אַז זַיין גוּף לִיגְט שׁוֹין פוּן לַאנְג אִין קֵבֶר? מֶען רֶעדְט נָאר פוּן טוֹיט שְׁרֶעקְט מֶען זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער, אוּן מֶען זָאגְט אוֹי רֶעד נִישְׁט פוּן דֶעם, שְׁרֶעקְסְט מִיר אִיבֶּער וְכוּ׳, דוּ מַאכְסְט מִיר מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג וְכוּ׳, אוּן

אַ אֱמֶתְ׳ר עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז בַּיי זִיךְ אַזוֹי גָארְנִישְׁט אַז עֶר שְׁפִּירְט מַמֶשׁ ווי זַיין גוּף לִיגְט שׁוֹין פוּן לַאנְג אִין קֶבֶר וְכוּ׳ וְכוּ׳, און דִי נְשָׁמָה שְׁוֶועבְּט אַרוּם נָאר אִין רוּחְנִיוּת אֱלֹקוּת, גְלֵייבּ מִיר אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, און נִישְׁט קַיין הִתְנַשְׂאוּת, און ווִיל נָאר אַריינְבְּרֶענְגְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, עֶר זָאל אוֹיבֶּעט שְׁפִּירְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, פֶּערְזֶענְלִיךְ, זֶעה דָאס בִּיסְל אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶר גַאנְץ חִיוּת אִיז זִיךְ הַאלְטְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, און זֵיי שֶׁעפְּן פוּן דָארְטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן וְכוּ׳, זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַזַא אִינְגֶערְמַאן ווי ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס אִיז דִיר בֶּאֱמֶת גֶעטְרַיי, און וֶועגְן אַ לָשׁוֹן הָרָע אָדֶער אַ זַייטִיגֶע נְגִיעָה וָואס אֵיינֶער אָדֶער צְוֵויי רֶעדְן אָן אוֹיף אִים, פַארְוָואס דַארְף מֶען אִים מְרַחֵק זַיין?

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן ס׳טוּט מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר וֵויי אַזַא זַאךְ, אֱמֶת עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט אוּם פַארְגִינֶערְ׳ס, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג גְלַייךְ פוּן אָנְפַאנְג, און זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי הַצְלָחָה פוּן דִי יְשִׁיבָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ יָא גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען,

און זיי האַלטן זיך ווייטער צוזאַמען, פאַרוואס דאַרף מען זיי מרחק זיין? איך האָף אַז דו וועסט פאַרשטיין וואס איך מיין, און זאָלסט דאס פאַרברענען, עס איז אַ שאָד האַקן קעפּ וכו', און פאַרטרייבן, דאס זעט מען אין אַנדערע פּלעצער פון ברסלב, היינט איז דער גרויס, און מאָרגן קלאַפּט מען אים אַראָפּ און מען טרייבט אים אַוועק, און איבערמאָרגן ווערט ער אַליין פאַרטריבן וכו' וכו', און מאַכט שבת פאַר זיך וכו' וכו', און מען איז פאַרנומען נאָר מיט שטותים און הבלים.

**פרעג** איינעם פון די אַלע גרופּעס אויב זיי זענען מעביר סדרה יעדע וואך? אויב זיי האָבן שוין איין מאָל געענדיגט ששה סדרי משנה אין זייער לעבן? אויב זיי האָבן שוין איין מאָל גיענדיגט ש"ס אין זייער לעבן?

**איך** האָף אַז דו וועסט מיר פאַרשטיין, איך מיין גאָרנישט, נאָר וואס מער בחורים און אינגעלייט אַריינשיינען אין זיי דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, און וואס מער זיי זאָלן רעדן צום בורא כל עולמים, און פון דעם בורא כל עולמים, אַז מען האָט דאס אינזינען זיכט מען שוין נישט קליין קעפּלדיגע מחלוקת'לעך.

**טראַכט** גוט אַריין וואס איך האָב דיר געשריבן דאָ, און זעה זיי מקרב צו זיין, ווארום עס איז אַ שאָד זיי צו פאַרלירן, ס'איז נישט אַזעלכע אינגעלייט וואס זיי ווילן דיך צוברעכן, דאס איז אינגעלייט וואס זיי ווילן דיר

הֶעלְפְן, נָאר אֵיינֶער צְוֵויי הֶעצְט דִיךְ אוֹיף, אוּן פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס דִי פִּירוּדִים אוּן מַחְלוֹקֶת וָואס אִיךְ הָאבּ פַּיינְט בְּתַכְלִית הַשִּׂנְאָה, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין פוּן לַאנְג אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן זֵיי וְכוּ', אוּן אִיךְ וויל זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְקוּקְן, וָוארוּם בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, נָאר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, דָאס אִיז בַּיי מִיר דֶער עִיקָר, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט דָאס קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן.

**שְׁטֶעל** זִיךְ פָאר אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעצְט אַ בְּרִיוו פוּן יֶענֶע וֶועלְט, ווִי אַזוֹי וָואלְסְטוּ דָאס גֶעלֵיינְט?

**עֶס** אִיז אַזַא שָׁאד אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע קִיבּוּצִים, אוּן אוֹיךְ אַ יְשִׁיבָה וָואס מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיךְ אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס מֶען רֶעדְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאל יֶעצְט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶועגְן אַפָּאר קְלֵיין-קֶעפֶּלְדִיגֶע קִינְדֶערִישֶׁע אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אוֹיף אַזַא אוֹפֶן וֶועט דֶער חֵדֶר נִישְׁט הָאבְּן אַ קִיוּם וְכוּ', עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן, נָאר אִיךְ מוּז יֶעצְט עֶנְדִיגְן וֶועגְן דִי טֶרְדוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רמח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מַטּוֹת י"ח תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעךְ אַ קְרַאנְק קִינְד דַארְף מֶען אִים זֵייעֶר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס צַעַר אוּן דִי פַּיין וָואס דִי עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם קִינְד הָאבְּן, אוּן ס'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע קְלָלָה ווִי צוּ הָאבְּן קְרַאנְקֶע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען דִי עֶלְטֶערְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת, פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נֶערְוֶועז אוּן דֶערְבִּיטֶערְט, קַיין אִיד זָאל נִישְׁט גֶעפְּרוּאוְוט וֶוערְן מִיט אַזַא נִסָּיוֹן.

**מֶען** זָאגְט נָאךְ פוּן דֶעם חַזוֹן אִישׁ זַ"ל דָאס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן אַ קְרַאנְק קִינְד דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר זֵיי, דָאס הֵייסְט עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן "מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם", אוּן אוֹיךְ פַאר אַ יוּנְגֶען תַּלְמִיד חָכָם אִיז אוֹיךְ אַ מִצְוָה זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַאר קַיין אִיד גֶעזָאגְט, אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט אַ קְרַאנְק קִינְד, דַארְף מֶען זִיךְ פַאר אִים אוֹיפְשְׁטֶעלְן, וָוארוּם דֶער אִיז בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, אוּן דָאס לֶעבְּן זַיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן אִיז

זיך נִישְׁט מִתְרַעֵם אַקֶעגְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט אַז מֶען זָאל זיך אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאג פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן זֵיי נִישְׁט קְרִיטִיקִירְן.

**עֶלְטֶערְן** וָואס זֵיי הָאבְּן אַ קְרַאנְק קִינְד מוּזְן הָאבְּן גֶעדוּלְד, אוּן שְׁטַארְקְן דִי נֶערְוְון וְכוּ', נִישְׁט פַארְלִירְן זיך וְכוּ', וָוארוּם דָאס קִינְד אִיז נֶעבֶּעך נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶר אִיז לֵיידֶער קְרַאנְק, אִיז וָואס אִיז שַׁייך צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים? עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וָואס לֹא עָלֵינוּ הָאט אֵיין פִּיס, אוּן מֶען הֵייסְט אִים לוֹיפְן וְכוּ', קֶען עֶר לוֹיפְן? דָאס זֶעלְבֶּע, ווִי קֶען מֶען נֵייטְן אַ קְרַאנְק קִינְד עֶר זָאל זַיין ווִי אַלֶע? אִיבֶּערְדֶעם מוּז מֶען הָאבְּן גֶעדוּלְד אוּן נֶערְוְון שְׁטַארְק ווִי אַייזְן, נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, אוּן זיך טְרֵייסְטְן, וֶוער וֵוייסְט וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל פוּן מִיר הָאבְּן? אוּן וֶוער וֵוייסְט וָואס אִיך דַארְף פַארְרֶעכְטְן מִיט דֶעם אָפְּקוּמֶענִישׁ?

**אַז** וואוֹיל אִיז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען דַן דֶעם צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, אוּן וואוֹיל אִיז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדוּלְד אוֹיף דִי וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רמט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מַטּוֹת י"ח תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וְוייסְן דַארְפְסְטוּ ווייסְן דָאס אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִיק דַארְף מֶען פוּן אִים לֶערְנֶען ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן בְּזֶה הָעוֹלָם, און נֶעמֶען פוּן אִים אַ דֶרֶךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער נִישְׁט נָאכְמַאכְן, וָוארוּם נָאכְמַאכְן אִיז מֶען אַזוֹי ווי אַ מַאלְפֶּע (אַ מָאנְקִי) אַ קוֹף, ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יָדַיִם פֶּרֶק א') וְהַקּוֹף נוֹטֵל לַיָדַיִם; אַ מַאלְפֶּע מַאכְט נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען אוֹיבֶּעט אָפְּגִיסְן דֶעם מֶענְטְשְׁ'נְס הֶענְט, וָוארוּם וָואס עֶר זֶעט מַאכְט עֶר נָאךְ, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר ווי רֶבִּי יוֹסִי זָאגְט, וַוייל מֶען דַארְף הָאבְּן כֹּחַ גַבְרָא אָבֶּער נִישְׁט נָאכְמַאכְן; דִי זֶעלְבֶּע אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִיק אִיז דֶער עִיקָר לֶערְנֶען פוּן אִים יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶּער נִישְׁט נָאכְמַאכְן; וָואס עֶר טוּט וְכוּ' טוּעֶן אַלֶע חֲסִידִים וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַ חָסִיד שׁוֹטֶה וְכוּ'.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס אִין בְּרִיסְק הָאבְּן זֵיי גְרוֹיסֶע חוּמְרוֹת אוֹיף זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן, און דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי וֶועלְוָועלֶע בְּרִיסְקֶער זַ"ל הָאט רוֹב זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אֲפִילוּ פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, וָוארוּם עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים נָאכְמַאכְן, עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע חוּמְרוֹת, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דָאס זָאל

זַיין אַ הֲלָכָה אָדער אַ מִנְהָג וָואס מֶען דַארְף אִים נָאכְמַאכְן, פְלֶעגְט עֶר אַלֶעם פַארְהוילְן, נָאר וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אויפְגֶעכַאפְּט און אויכֶעט זִיךְ גֶעפִירְט אַזוי, און עֶר הָאט גֶעהַאט צַעַר פוּן דֶעם; צוּם בַּיישְׁפִּיל, יוֹם כִּיפּוּר בַּיים זָאגְן עַל חֵטְא וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּגֶעבויגְן, הָאבְּן אַלֶע אִים נָאכְגֶעמַאכְט, הָאט דָאס אִים וויי גֶעטוּן וָואס מֶען מַאכְט אִים נָאךְ, הָאט עֶר אַמָאל גֶעזָאגְט, עֶר לַיידְט שׁוין צְוָואנְצִיג יָאר פוּן דִי מַחְלָה וָואס הֵייסְט אַסְטְמַא, און וֶוען עֶר בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ אָטֶעמֶען, דֶערְפַאר בֵּייגְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, אִיז וָואס אִיז שַׁיָיךְ אִים נָאכְצוּמַאכְן? און מֶען זָאגְט נָאךְ נָאךְ אַז דָאס אִיז אַ בְּרִיסְקֶער חוּמְרָא...

עֶם הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין טָאכְטֶער דָאס אַמָאל הָאט זִי אויסְגֶעקֶערְט זַיין שְׁטוּב, און אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם בֶּעזִים אִין סְפָרִים שְׁטוּב, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶערוּפְן דֶעם טָאכְטֶער און אִיר גֶעזָאגְט, "נֶעם שׁוין אַרוֹים דֶעם בֶּעזִים, וַוייל מֶען וֶועט נָאךְ בַּאלְד זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ בְּרִיסְקֶער מִנְהָג, אַז אִין סְפָרִים שְׁטוּב דַארְף זַיין אַ בֶּעזִים...".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צַדִיק זַיינֶע תְּנוּעוֹת, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ" (פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים) וְלָזֶה כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה תְּנוּעוֹת חֲבֵרוֹ אֵינָהּ מְקוּבֶּלֶת לְשׁוּם אָדָם מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ שֶׁלוֹ, וְלֹא הָיָה נִשְׁמָתוֹ בְּאֵבֶר הַהִיא כְּשֶׁעָשָׂה הַתְּנוּעָה וְהִיא בְּלֹא

קְדוּשָׁה, וְהוּא רַחֲמָנָא לִיצְלָן כְּעֲבוֹדָה זָרָה, שֶׁעוֹשֶׂה תְּנוּעָה שֶׁאֵינוֹ חֵלֶק אֱלֹקוּת, כִּי אִם מֵחֲמַת שֶׁאָהַב הַתְּנוּעָה שֶׁרָאָה מֵחֲבֵירוֹ וְתִמְצָא חֵן בְּעֵינָיו וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם.

**אִיךְ** הָאף דו וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין און זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קַיין שׁוֹטֶה נָאכְמַאכְן יֶענֶעם.

**רַבִּי** נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל פְלֶעגְט קוּמֶען עֶרֶב שַׁבָּת אִין קְלוֹיז אִין אוּמַאן, און הָאט צוּגֶעגְרֵייט דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוֹיף שַׁבָּת, און נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן דְבֵיקוּת און אַ זִיסְקֵייט, און עֶר הָאט גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלְן נִיגוּן צוּ דֶעם, און עֶס פְלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט און גֶעזֶעצְט זִיךְ אִין אַ ווִינְקְל און אִינְטֶערְגֶעזִינְגֶען דֶעם זֶעלְבְּן נִיגוּן און אִים נָאכְגֶעמַאכְט אַלֶע תְּנוּעוֹת, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט דָאס רַבִּי נַחְמָנֶ'עִן זֵייעֶר דֶענֶערְווִירְט, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט און גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם מִיט אַ קְפֵּידָה, "זָאג ווִי ס'שַׁיינְט דִיךְ, מַאךְ מִיר נִישְׁט נָאךְ; אַ מַאלְפֶּע מַאכְט נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ!".

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז אַ חָסִיד דַארְף נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַלֶע תְּנוּעוֹת פוּן זַיין רֶבִּי'ן, וֶוען עֶר טוּט דָאס אִיז עֶר אַ שׁוֹטֶה.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רנ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מַטּוֹת י"ח תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז מְקוּיָים גֶעוָוארְן (יְשַׁעְיָה ס"ה) "וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה, עוֹד הֵם מְדַבְּרִים וַאֲנִי אֶשְׁמָע", בִּיז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ בְּרִיוו הָאסְטוּ מִיר שׁוֹין גֶ'עֶנְטְפֶערְט.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה), אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל וְכוּ', וָוארוּם דֶער דִמְיוֹן אַרְבֶּעט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְק. אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, 'הַיינְט דַארְף מֶען גֶעבְּן דֶעם יֵצֶר הָרַע אַ נַייעֶם נָאמֶען, "כֹּחַ הַמְדַמֶּה"'.

**אִיז** רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל מַסְבִּיר, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה נב.) שִׁבְעָה שֵׁמוֹת יֵשׁ לוֹ לְיֵצֶר הָרַע. אִין יֶעדֶער דוֹר הָאט דֶער יֵצֶר הָרַע אַן אַנְדֶערֶע נָאמֶען, וָוארוּם אִין יֶעדְן דוֹר אִיז גֶעוֶוען נַייעֶ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי הָאבְּן מְגַלֶה גֶעוֶוען גֶעטְלִיכְקֵייט, הָאט גֶעמוּזְט קוּמֶען אַ נַייעֶ יֵצֶר הָרַע מִיט אַ נַייעֶ נָאמֶען זֵיי מְבַטֵל צוּ זַיין, אָבֶּער הַיינְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אַזַא לֶעבְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְּן אַלֶע נִידְרִיגֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע אוּן צוּבְּרָאכֶענֶע

נְשָׁמוֹת, בִּיז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין דֶערְוַוייטֶערְטֶע נְשָׁמָה וָואס עֶר קֶען נִישְׁט אוּמְקֶערְן זִיךְ דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים, וֶועגְן דֶעם אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אַ נֵייעֶ יֵצֶר הָרַע וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן כֹּחַ הַמְדַמֶּה, ווי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע טְשֶׁעפֶּעט-צוּ צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד אַ כֹּחַ הַמְדַמֶּה וְכוּ' וְכוּ'.

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין לֶעצְטֶע וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז דוּ דַארְפְסְט נִסְתַּלֵק וֶוערְן, הָאט זִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט דֶערשְׁרָאקְן נָאר עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים (בַּמִּדְבָּר כז) "יִפְקוֹד הַוָי"ה אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יוֹצִיאֵם וַאֲשֶׁר יְבִיאֵם, וְלֹא תִהְיֶה עֲדַת הַוָי"ה כַּצֹּאן אֲשֶׁר אֵין לָהֶם רוֹעֶה", זָאגְט רַשִׁ"י, 'אֱלֹהֵי הָרוּחוֹת', לָמָּה נֶאֱמַר? אָמַר לְפָנָיו, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גָּלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ דַּעְתּוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וְאֵינָן דּוֹמִין זֶה לָזֶה, מַנֵּה עֲלֵיהֶם מַנְהִיג שֶׁיְּהֵא סוֹבֵל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי דַעְתּוֹ.

אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל דַארְף פַארְשְׁטֵיין יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער וְכוּ', אֲפִילוּ זַיין קָאפּ אִיז פַארְדְרֵייט וְכוּ', וָוארוּם אַזוֹי אִיז דָאס, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְגְלַייכְן אַלֶע מוֹחוֹת, יֶעדֶער אִיד טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּן אַ צְוֵוייטְן, ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.) שֶׁאֵין דַּעְתָּם דּוֹמֶה זֶה לָזֶה וְאֵין פַּרְצוּפֵיהֶן דּוֹמִים זֶה לָזֶה; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ וְכוּ', אוּן וויל עֶפֶּעס

אַנְדֶערְשׁ וְכוּ׳, און זוכְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וְכוּ׳, און טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אָן מִיט אַן אַנְדֶערְן זַאךְ וְכוּ׳, פונְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף דֶער אֶמֶת׳ר מַנְהִיג ווִיסְן ווִי אוּמְצוּגֵיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אַ מַנְהִיג.

**מֶען** דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, ווִי דִי חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת לא.) עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דְרַיי גוֹיִם צוּ שַׁמַּאי זִיךְ מְגַייֵר צוּ זַיין, און יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט זַיין מְשׁוּגַעַת וְכוּ׳, הָאט זֵיי שַׁמַּאי אַוֶועקְגֶעטְרִיבְּן, ווִידֶערוּם זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ הִלֵּל׳ן הָאט עֶר גֶעהַאט גֶעדוּלְד צוּ זֵיי און הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ זֵייעֶרֶע מְשׁוּגַעַתְן און הָאט זֵיי מְגַייֵר גֶעוֶוען, בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעטְרָאפְן און הָאבְּן גֶעזָאגְט קַפְּדָנוּתוֹ שֶׁל שַׁמַּאי בִּקְשָׁה לְטוֹרְדֵנוּ מִן הָעוֹלָם, עַנְוְותָנוּתוֹ שֶׁל הִלֵּל קֵרְבָנוּ תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה; זֶעט מֶען ווִי מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

**און** עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הָאֲרִיזַ״ל, דָאס פוּן צְוֵויי גֵרִים וָואס הִלֵּל הָאט מְגַייֵר גֶעוֶוען אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צְוֵויי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים, אֵיינֶער הָאט גֶעהֵייסְן בֶּן בַּג בַּג, און אֵיינֶער הָאט גֶעהֵייסְן בֶּן הֵא הֵא, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד אוֹיף דִי וֶועלְט.

**גֶעב** אַ קוּק ווִי דוּ הָאסְט גֶעדוּלְד צוּ דִי בָּחוּרִים וְכוּ׳, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע יְרִידָה און נְפִילָה וְכוּ׳, און יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערְן פַארְקְרִימְטְן מֹחַ וְכוּ׳,

און פונְדֶעסְטְוֶועגְן קֶענְסְטוּ אין זיי אַריינְשַׁיינֶען אַז זיי זָאלְן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא, און דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דָאס צְוויי בָּחוּרִים הָאבְּן שׁוין גֶעעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע גוּזְמָא, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי דָאס בַּאוויזְן, אַ דַאנְק דַיין גֶעדוּלְד וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט צוּ זֵיי.

**עַל** אַחַת כַּמָה וְכַמָה זָאלְסְטוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דַיינֶע חֲבֵרִים טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, וָואס דֶעם אֱמֶתְ'ן זֶענֶען זֵיי נִישְׁט קַיין קָאזַאק און נִישְׁט קַיין נִגְזָל, זֵיי זֶענֶען אויכֶעט צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי דַארְפְּן מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן צוּ טוּן מִיט זֵיי (בְּלַעַ"ז אַטֶענְטְשְׁן דַארְפְּן זֵיי הָאבְּן) אִיז פַארְוָואס זָאל מֶען זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן?

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן קָאצְק זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אויף דֶעם מַאֲמַר חַזַ"ל (כְּתוּבּוֹת סז:) "דֵי מַחְסוֹרוֹ", אַתָּה מְצוּוֶה עָלָיו לְפַרְנְסוֹ וְאִי אַתָּה מְצוּוֶה עָלָיו לְעַשְׁרוֹ, "אֲשֶׁר יֶחְסַר לוֹ", אֲפִילוּ סוּס לִרְכּוֹב עָלָיו וְעֶבֶד לָרוּץ לְפָנָיו; הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט, מֵילֶא גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִיז אַ מִצְוָה פוּן צְדָקָה; גֶעבְּן אַ פֶערְד עֶר זָאל קֶענֶען רַייטְן אויף דֶעם, וַוייל נֶעבֶּעךְ עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין; אָבֶּער הָאט עֶר אויסְגֶעלָאזְט, דוּ שׁוֹטֶה בַּעַל גֵאֶה, וָואס דַארְפְסְטוּ הָאבְּן אַן עֶבֶד זָאל לויפְן פַאר דִיר? נָאר עֶר הָאט גֶ'עֶנְטְפֶערְט, פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז אַ נַאר דַארְף מֶען נָאכְגֶעבְּן זַיין שְׁטוּת אויכֶעט, און דָאס אִיז אויכֶעט אַ מִצְוָה.

**בָּזֶה** הָעוֹלָם מוּז מֶען זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן בִּפְרַט אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, מוּז עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן פַארְשְׁטֵיין יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט אִים ווִי זַיין פַארְקְרִימְטְן מֹחַ, אַבִּי אִין אִים אוֹיבֶּעט אַרַיינְשַׁיינֶען גֶעטְלִיכְקֵייט, אַז עֶר זָאל אוֹיבֶּעט בָּטוּל ווֶערְן אֶל הָאֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן עֶר זָאל אוֹיבֶּעט קֶענֶען רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן אִיךְ הָאבּ הַיינְט דֶערְהַאלְטְן דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַחַל" אוֹיף אִידִישׁ, סֵיי אִין אַ גְרוֹיסְן פָּארְמַאט אוּן סֵיי אִין אַ קְלֵיינֶעם פָּארְמַאט, עֶס אִיז וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער ווָאס עֶמְיץ הָאטְס גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן מִיטְן אֵייגֶענֶעם דְרִיקֶערַיי, עֶס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, עֶס הָאט מִיר שׁוֹין דֶערְצֵיילְט דֶער גָאר חָשׁוּבֶער מֵפִיץ ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, דָאס עֶס ווֶערְט צוּכַאפְּט בַּיי אִים אַלֶע אִידִישֶׁע "אֲשֶׁר בַּנַחַל" אוּן מֶענְטְשְׁן דַאנְקֶען אִים זֵייעֶר אָפּ, אוּן בֶּעטְן אִים שׁוֹין נָאךְ חֲלָקִים.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם ווָאס עֶר הָאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם דְרִיקְן, ווָארוּם לֵיידֶער גֵייעֶן אַרוּם הַיינְט מֶענְטְשְׁן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּשָׁאסְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְלוֹירְן פַּרְנָסוֹת וְכוּ', בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן שִׁידוּכִים וְכוּ', אִינְגֶעלַייט דַארְפְן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן מֶען זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, אוּן אִינְטֶערְסִירְן זִיךְ אִין זֵייעֶר בַּאדֶערְפֶענִישׁ וְכוּ', אוּן אִין דִי בְּרִיוו פוּן שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת

"אֲשֶׁר בַּנַּחַל" איז דָא אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם, וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קֶען דָאס מֵפִיץ זַיין, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרוֹת, אָדֶער אָפְּקוֹיפְן אַסַאךְ סְפָרִים אוּן גֶעבְּן פַאר די מְפִיצִים זֵיי זָאלְן דָאס מֵפִיץ זַיין.

**אַשְׁרֵי** מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהָפִיץ בְּכָל יוֹם אֶת סִפְרֵי רַבֵּינוּ זַ"ל, אֲשֶׁר אֵין עוֹד מַעֲלָה יוֹתֵר גְדוֹלָה מִזּוּ בְּתִיקּוּן הַבְּרִית, וּכְמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּינוּ זַ"ל (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף סִימָן מ"א) תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה; וּמִי יָכוֹל לְהִתְפָּאֵר שֶׁהוּא נָקִי מֵחֵטְא הַזֶּה? כִּי מוּבָא בְּסֵפֶר "רֵאשִׁית חָכְמָה" (שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק ג' סִימָן י') וּמֵהַדְּבָרִים שֶׁצָּרִיךְ הַשָּׁב לְתַקֵּן, הוּא לְתַקֵּן אוֹת בְּרִית הַפָּגוּם בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּינוּ נִיצּוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ, עַיֵּין שָׁם.

**וְאִם** שֶׁכָּתַב אֶת זֶה לִפְנֵי אַרְבַּע מֵאוֹת וְאַרְבָּעִים שָׁנָה, כִּי הוּא הָיָה תַּלְמִיד הָרְמַ"ק זַ"ל שֶׁהָיָה בְּדוֹרוֹ שֶׁל הָאֲרִיזַ"ל, וּכְבַר אָז כָּתַב "שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּינוּ נִיצּוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ", מַה נֹּאמַר אֲנַחְנוּ בַּדּוֹר הַזֶּה שֶׁהַכֹּל פָּתוּחַ, וְהַכֹּל פָּרוּץ, וּבְנֵי הַנְּעוּרִים נִכְשָׁלִים בְּגָדוֹל בְּחֵטְא הַמְגוּנֶּה וְהַמָּרוֹר הַזֶּה? וְרַק אֵלּוּ הַסְּפָרִים הַקּוּנְטְרֵסִים וְהַחוֹבְרוֹת שֶׁהֵם תַּמְצִית דִּבְרֵי רַבֵּינוּ זַ"ל וּמוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל מַצִּיל אֶת הָאָדָם מֵאַבְדוֹן וּמֵהִתְאַבְּדוּת וּמַחֲזִירִים אוֹתוֹ בִּתְשׁוּבָה, כַּאֲשֶׁר יָעִידוּ כָּל הַמְּפִיצִים.

**גְלֵייבּ** מִיר דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא שֵׁיינֶעם אַפַּארַאט, אַ יְשִׁיבָה, מִיט אַ תַּלְמִיד תּוֹרָה, מִיט אַ דְרִיקֶערַיי, אוֹיבּ עֶס וֶועט הֶערְשְׁן

אַחְדוּת און אַהֲבָה וֶועט עֶטְץ הָאבְּן אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע הַצְלָחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, "אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואסֶערֶע מַדְרֵיגוֹת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגְן אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען!" וְכוּ', אָבֶּער לֵיידֶער הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט, און יֶעדֶע דוֹר אִיז גֶעוֶוען מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, און אֵיינֶער הָאט גֶערוֹדְפְט דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ' וְכוּ', דַארְפְן מִיר כָאטְשׁ זֶען דָאס אִין אוּנְזֶערֶע ד' אַמוֹת זָאל הֶערְשְׁן נָאר דָאס שָׁלוֹם און לִיבְּשַׁאפְט, וֶועט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַיין צְוִוישְׁן אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט אֵיידֶער עֶר הָאט פַארְלָאזְט דָאס שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב פָארְן קַיין אוּמַאן נִסְתַּלֵק וֶוערְן, "אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען וֶועט אִיר מִיר מַמְשִׁיךְ זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ", אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְן מִיר טוּן אַלֶעס וָואס מֶעגְלִיךְ הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען.

און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ') דָאס שָׁלוֹם מֵיינְט וֶוען צְוֵויי קֶעגְנֶערְס הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל פֵייעֶר און וַואסֶער וֶוען עֶס אִיז צוּזַאמֶען פוּן דֶעם וֶוערְט 'שָׁמַיִם', וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה יב.) מַאי שָׁמַיִם? בְּמַתְנִיתָא תָּנָא, אֵשׁ וּמַיִם, מְלַמֵד שֶׁהֱבִיאָן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּטְרָפָן זֶה בָּזֶה וְעָשָׂה מֵהֶן רָקִיעַ; און פַּשְׁטוּת פְּשַׁט אִיז, וֶוער סְ'קֶען צַאמְנֶעמֶען פֵייעֶר און וַואסֶער וָואס אֵיינֶער לֶעשְׁט אוֹיס דֶעם אַנְדֶערְן אָדֶער אֵיינֶער פַארְבְּרֶענְט דָאס אַנְדֶערְן, דֶער אִיז אַ הִימְל מֶענְטְשׁ, און אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען

קֶען צַאמְנֶעמֶען חֶסֶד מִיט גְבוּרָה, דָאס הֵייסְט דַעַת. וָוארוּם וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן דָאס זֶעלְבֶּע, אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ קַיין שָׁלוֹם, נָאר וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְקֶעגְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי צוּזַאם, דָאס הֵייסְט דֶעם אֱמֶתְ'ן שָׁלוֹם.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט דִי וֶוערְטֶער אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רנא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מַטּוֹת י"ח תַּמּוּז ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ יֶעצְט דֶערְהַאלְטְן דֶעם סֵפֶר שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" חֵלֶק א' אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעדְרִיקְט אִין אוּנְזֶער דְרִיקֶערַיי, אֵיינְס אַ גְרוֹיסְן, אוּן אֵיינְס אַ קְלֵיינֶע. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? אַזַא לֶעבְט אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען, דָאס וֶועט מְחַיֶּה זַיין טוֹיזֶענְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער אִידְן, אַז וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן אַזַא זַאךְ, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזֶען דָאס אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ דְרִיקֶערַיי וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען

דְרִיקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס אוֹר, וָוארוּם דֶעמָאלְט הָאבְּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע מַשְׂכִּילִים גֶעמַסֶרְ'ט פַאר דֶעם רָשָׁע דֶער צַאר נִיקָאלַיי יְמַח שְׁמוֹ וֶועגְן דִי חַסִידִישֶׁע סְפָרִים, אוּן וֶועגְן דִי סִפְרֵי הַזוֹהַר וְכוּ', אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַן אִיסוּר דָאס צוּ דְרִיקְן, אוּן מֶען הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט דְרִיקְן אִין רוּסְלַאנְד, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַ קְלֵיין דְרִיקֶעְרַיי, אוּן עֶר אַלֵיין מִיט זַיין זוּן ר' שַׁכְנָא זַ"ל אוּן מִיט נָאךְ אַ בָּחוּר, הָאבְּן אַלֵיין גֶעדְרִיקְט אַלֶע דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעמַסֶרְ'ט. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ דְרִיקֶעְרַיי אוּן אַלֵיינְס צוּ דְרִיקְן, אוּן אַלֵיין פַארְפְלֵייצְן דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, מִיט פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח, מֶעגְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוֹיף דַיין גֶעוַואלְדִיגְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, וָואס רַבִּים וּשְׁלֵמִים הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

**לְדַעֲתִּי** הָאסְטוּ נָאךְ אַזאַ כְּרַךְ לִיגְן בַּיי דִיר, פִילֶע בְּרִיוו, הַלְוַואי זָאל דָאס אוֹיךְ אָפְּגֶעדְרִיקְט וֶוערְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רנב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מַטּוֹת י"ח תַּמּוּז ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן בַּאֲרִיכוּת וְכוּ' וְכוּ', גְלֵייבּ מִיר ס'הֵייבְּט נִישְׁט אָן צוּקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם נְקוּדָה וְכוּ' וְכוּ', ווייסְן זָאלְסְטוּ וויסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען מְקָרֵב זַיין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אֲפִילוּ גוֹיִים קֶען עֶר אוֹיכֶעט בְּרֶענְגֶען סָמוּךְ לְדַת יִשְׂרָאֵל (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רנ"א), אוּן מֶען זֶעט דָאס בְּחוּשׁ, דִי אַלֶע מַפִיצִים וָואס זֵיי גֵייעֶן מֵפִיץ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דִי אַלֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, אָדֶער אוֹיף פְרַאנְצוֹיזִישׁ, אָדֶער אוֹיף שְׁפַּאנִישׁ וְכוּ' וְכוּ', גוֹיִים כַאפְּן זִיךְ צוּ צוּ דֶעם, אוּן זֵיי זָאגְן 'דָאס אִיז וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים'.

**אִיבֶּערְדֶעם** פַארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְן פֵּירוּדִים בִּכְלָלִיּוּת צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, וּבִפְרָטִיּוּת בַּיי דִי תַּלְמִידִים פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיכַל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ט) אַז דֶער צַדִיק בּוֹיעֶט אַ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְקָרֵב רְחוֹקִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס רַע פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר אִיז מְקָרֵב זָאלְן אִים נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן וְכוּ' וְכוּ',

וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאקֶערְט אוֹיף יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה, וּבִפְרַט אוֹיף דִי תַּלְמִידִים פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" זַיי הָאט עֶר פַיינְט בְּתַכְלִית הַשִּׂנְאָה, וָוארוּם זַיי זֶענֶען עוֹסֵק מֵפִיץ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דַעַת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן פוּן זַיי הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ זַאךְ וָואס אִיז מְבַעֵר אוּן מְבַטֵל דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִי לִימוּד מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, פוּן דֶעם הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא.

**אוּן** עֶס אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט אַז דִי תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" לֶערְנֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן בִּפְרַט זֶענֶען זַיי מַתְמִיד אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, אוּן אוֹיךְ זֶענֶען זַיי מֵפִיץ דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר, אִיז אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זַיי אַזוֹי פַיינְט, אוּן מַאכְט שְׁטֶענְדִיג מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן זַיי?

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, נָאכְדֶעם וָואס דוּ אַלֵיין בִּיסְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי זִיבְּן וַואסֶערְן וֶוען מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דַיינֶע קִינְדֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה וְכוּ', מֶען שְׁרַייט דִיךְ נָאךְ אוֹיף דִי גַאסְן וְכוּ', מֶען הָאט דִיךְ גֶערוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה'ס אוּן מִשְׁפָּטִים וְכוּ', מֶען הָאט גֶערוּפְן פָּאלִיצֵיי אוֹיף דִיר וְכוּ', מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן הָאבְּן דֶעמָאנְסְטְרִירְט פַאר דַיין הוֹיז וְכוּ', נָאךְ אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס דוּ בִּיסְט אַלֶץ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ' אוּן דוּ גֵייסְט דוּרְךְ וְכוּ', פַארְשְׁטֵייסְטוּ נִישְׁט קְלָאר וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר? אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וויל אוּנְז צוּבְּרֶעכְן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט מַחְלוֹקֶת אוּן פִּירוּדִים צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידִים פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ".

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידִים פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ". גְלֵייבּ מִיר, קֵיינֶער ווִיל דִיךְ נִישְׁט אִינְטֶערְגְרָאבְּן, וּבִפְרַט דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט ווִי ... נֵרוֹ יָאִיר וְכוּ' וְכוּ', עֶר ווִיל נָאר הֶעלְפְן, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט גָארְנִישְׁט, נָאר אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דָאס בֵּית הַמִדְרָשׁ, אִיבֶּערְדֶעם טוּ מִיר צוּלִיבּ, אוּן גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט מְרַחֵק צוּ זַיין אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, ווָארוּם עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שָׁאד זֵיי צוּ פַארְלִירְן, ווָארוּם אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן גֵיין וְכוּ', הַיינְט זֵיי, אוּן מָארְגְן אַנְדֶערֶע, בִּיז עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן, אוּן דָאס אִיז בַּיי מִיר בָּרוּר כַּשֶׁמֶשׁ, ווָארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווַארְט אוֹיף דֶעם אַז עֶס זָאל בָּטוּל וֶוערְן דֶער "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", נָאר גְלֵייבּ מִיר עֶר וֶועט דָאס נִישְׁט דֶערְלֶעבְּן צוּ זֶען, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל שְׁרַייבְּט אִין זַיינֶע בְּרִיוו 'יֹאבְדוּ הֵם וְאֶלֶף כַּיוֹצֵא בָּהֶם, וְדִיבּוּר אֶחָד מִדְבָרָיו זַ"ל לֹא יִתְבַּטְלוּ', גְלֵייבּ מִיר עֶס פֶעלְט נִישְׁט קַיין שְׁקָצִים עַזוּת פְּנִימֶער פוּן אִינֶעווֵיינִיג וְכוּ', ווָאס זֵיי ווַארְטְן צוּ זֶען דָאס "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" זָאל בָּטוּל וֶוערְן, אָבֶּער אִיךְ זָאג דִיר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט דֶערְלֶעבְּן דָאס צוּ זֶען, ווָארוּם אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער עַקְשָׁן, אוּן אִיךְ גֵיי אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס פִּיס טְרִיט, ווָאס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רכ"ט) "נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ", אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דִי נְקוּדָה פוּן אַהֲבָה וְאַחְדוּת

צְווישְׁן אַלֶע תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", וֶועסְטוּ זֶען וָואסֶערֶע הַצְלָחָה מִיר וֶועלְן הָאבְּן, גֶעדֶענְק גוּט אַז קֵיינֶער ווִיל דִיר נִישְׁט אוֹיסְכַאפְּן וְכוּ', סְ'אִיז נָאר דִמְיוֹנוֹת פוּן צְוֵויי דְרֵיי אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הֶעצְן דִיר אוֹיף, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר וֵויי, וָוארוּם אִיךְ וֵויים דִי שׁוֹרֶשׁ פוּן דִי טוּמְאָה פוּן מַחְלוֹקֶת, וָואס רַבִּים חֲלָלִים כְּבַר הִפִּילָה.

**נֶעם** אַרַיין אִין דִיר דִי וֶוערְטֶער, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רנג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר מַטּוֹת י"ח תַּמּוּז ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') פַּארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וַוייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן פַּארְוָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְּרֵיילִיךְ, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז פְּרֵיילִיךְ הָאט עֶר יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן עֶר קֶען פִירְן זַיין מַחְשָׁבָה וִויאַזוֹי עֶר ווִיל, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז עוֹלָם הַחֵירוּת, אוּן מִיט וָואס קֶען מֶען זִיךְ פְּרֵייעֶן? מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, וָואס דָאס אִיז

אַזאַ שִׂמְחָה וָואס קַיין שׁוּם קְלִיפָּה פוּן סִטְרָא אַחְרָא קֶען נִישְׁט מְבַטֵל זַיין, וָוארוּם דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן מִזֶרַע יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ מוֹרָא׳דִיג פְרֵייעֶן.

**וָואס** וָואלְט מֶען גֶעטוּן וֶוען מֶען וָואלְט חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אַ גוֹי צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ טֶערְק, אָדֶער אַ פְרַאנְצוֹיז, אָדֶער אַ רוּסִישֶׁער, וְכוּ׳, וְכוּ׳, עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶענִיצְט, אוּן יֶעצְט זֶענֶען מִיר בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מִזֶרַע יִשְׂרָאֵל, אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה פוּן דֶעם?

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ קֶען קוּמֶען דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ וְכוּ׳ אַרַיינְלֵייגְן אִין אִים דָאס ׳דוּ טוֹיגְסְט נִישְׁט׳ וְכוּ׳, אָבֶּער אוֹיף דִי נְקוּדַת הַיַהֲדוּת דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד וָואס עֶס אִיז דָא אִין אוּנְז ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״ אוֹיף דֶעם קֶען דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם גָארְנִישְׁט טוּן, אוּן וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם קֶען דָאס אִים בְּרֶענְגֶן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

**וִוי** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ״ד) דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט צְווִישְׁן דִי קְלִיפּוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן אָבֶּער עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶר אִיז מְקַיֵים דִי מִצְווֹת בְּשִׂמְחָה, דָאס בְּרֶענְגְט אִים עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן גַשְׁמִיוּת עוֹלָם עֲשִׂיָה, אוּן עֶר זָאל אַרוֹיפְגֵיין צוּ דִי עוֹלָמוֹת יְצִירָה בְּרִיאָה בִּיז עוֹלָם אֲצִילוּת, אוּן אַרוֹיפְגֵיין

הֶעכֶער און הֶעכֶער, און מַשִּׂיג זַיין דָאס גֶעטְלִיכְקַייט, בְּסוֹד מָטֵי וְלֹא מָטֵי.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין און שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ, און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר הָאט, צִיצִית, תְּפִילִין, מְזוּזָה, וְכוּ', וְכוּ', דָאס וֶועט אִים אַרוֹיפְבְּרֶענְגְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט פוּן דֶעם זֵייעֶר מוֹרָא, לֵייגְט עֶר אַרַיין אִין אַ גֶעפַּאלֶענֶעם וְכוּ' גְרוֹיס יֵאוּשׁ וְכוּ', און רֶעדְט אִים אַיין אַז 'דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה', אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט נְקוּדַת הַיַהֲדוּת, מִיטְן פִינְטֶעלֶע אִיד וָואס עֶס אִיז דָא אִין דִיר, "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי".

**עֶם** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדִיל פוּן רִימָאנוֹב זי"ע הָאט אִין דֶער יוּגְנְט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא מִיטְן רִי"ף, צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דִי נְשָׁמָה פוּן דֶעם רִי"ף - רֶבִּי יִצְחָק אַלְפַסִי, און עֶר הָאט אִים גֶערָאטְן עֶר זָאל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע, און דָארְטְן וֶועט עֶר הָאבְּן זַיין שְׁלֵימוּת הַתִּיקוּן.

**זְוִיֶדערוּם** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל זֶענֶען גֶעפָארְן אַ וָואגְן מִיט תַּלְמִידִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע, און זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפָארְן אַ וַואלְד, און פְּלִיצְלוּנְג זֶעהְן זֵיי אַ אִינְגֶערְמַאן שְׁטֵייט דָארְטְן און טַאנְצְט און אִיז זֵייעֶר

פְרֵיילִיךְ, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן, און הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, וָואס טוּהסְטוּ דָא? און וָואס אִיז דִי שִׂמְחָה וָואס דוּ פְרֵייסְט דִיךְ אַזוֹי? הָאט עֶר זֵיי גֶעעַנְטְפֶערְט "עֶס אִיז שׁוֹין דֶער דְרִיטֶער טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגֶעסְן וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, און דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל מִיךְ צוּבְּרֶעכְן אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן מַיין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אִיךְ וֶועל טַאנְצְן און זִיךְ פְרֵייעֶן דָאס דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיךְ הָאבּ אַפֶּעטִיט וְכוּ' און קֶען עֶסְן וְכוּ', און לֵיידֶער אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן בְּשֶׁפַע נָאר זֵיי קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן וָוארוּם זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר קְרַאנְק און הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַפֶּעטִיט צוּ עֶסְן וְכוּ', און דַאנְקֶען גָאט אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט" און מִיט דֶעם אִיז עֶר זִיךְ מְחַיֶה.

**הָאבְּן** דִי תַּלְמִידִים גְלַייךְ בַּאשְׁלָאסְן און זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, דוּ בַּאלַאנְגְסְט צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע, און זֵיי הָאבְּן אִים אַרוֹיפְגֶענוּמֶען אוֹיף זֵייעֶר וָואגְן, און זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק, וָואס הָאט אִים זֵייעֶר זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען, און הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה וַוארְט אִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר זֵייעֶר לַאנְג וְכוּ' וְכוּ', און הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז אִין זַיין צַייט הָאבְּן דִי אִידְן גֶעהַאט פַּרְנָסָה, וָוארוּם עֶר הָאט צְוֵויי און צְוָואנְצִיג יָאר גֶעזָאגְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוֹיף פַּרְשַׁת הַמָן, און מִיט דֶעם הָאט עֶר מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען

פַּרְנָסָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי קְלֵיינֶע דֶערְפֶער ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן וֶוען סְ'אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען קַיין גוֹיאִישֶׁע קוֹנִים הָאבְּן זִיךְ מַלְאָכִים פַארְשְׁטֶעלְט ווִי גוֹיאִישֶׁע קוֹנִים אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קוֹיפְן בַּיי זֵיי סְחוֹרָה, אַזוֹי הָאבְּן אִידְן גֶעהַאט פַּרְנָסָה, קֶען מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רְבִּי מְנַחֵם מֶענְדִיל פוּן רִימָאנוּב זי"ע, אוּן צוּ דֶעם מַדְרֵיגָה אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶס אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס מְחַיֶה זַיין זִיךְ נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט גֶעגֶעסְן דְרֵיי טֶעג פוּן אָרֶעמְקֵייט וְכוּ', נָאר אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מְחַיֶה אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן וָואס עֶס גֵייט אוּיף אִים דוּרְךְ, אוּן עֶר טְרֶעפְט דָאס גוּטְס אִין זַיינֶע צָרוֹת וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ה) דָאס דָוִד הַמֶּלֶךְ אִין זַיינֶע שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן וָואס אִיז אוּיף אִים דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וָואס מֶען הָאט אִים גֶערוֹדֶפְט וְכוּ', אוּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִים וְכוּ', הָאט עֶר גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים ד') "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי" רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין מַיינֶע צָרוֹת טְרֶעף אִיךְ הַרְחָבוֹת. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַזוֹי דַארְף אַ אִיד זִיךְ פִירְן, אֲפִילוּ וֶוען סְ'אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג זָאל עֶר טְרֶעפְן הַרְחָבוֹת אִין זַיינֶע גְרוֹיסֶע

צָרוֹת, און דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר פָּטוּר וֶוערְן בַּיים סוֹף פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אֲפִילוּ סְ'אִיז דִיךְ אַזוֹי בִּיטֶער און עֶנְג, עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מַצָבִים, בְּגַשְׁמִיוּת, הָאסְט קַיין פַּרְנָסָה נִישְׁט, און דוּ בִּיסְט פִיל מִיט חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ', און בְּרוּחְנִיוּת, עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט דֶעם דַאוֶונֶען און דִי לֶערְנֶען וְוי דוּ ווילְסְט וְכוּ', און דוּ פַאלְסְט דוּרְךְ מִיט שְׁוֶוערֶע יְרִידוֹת וְכוּ', אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה אַרָאפְּצוּפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר דַיְיקָא וֶוען עֶס אִיז עֶנְג און בִּיטֶער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט דִיר, און זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, דַאנְקֶען גָאט וָואס אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט און אִיךְ הָאבּ צְוֵויי פִּיס און אִיךְ קֶען גֵיין וְכוּ', און אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן צוּ זֶען און אַ מוֹיל צוּ אָטֶעמֶען און צוּ עֶסְן וְכוּ'.

**וָואס** לֵיידֶער אִיז דָא אַזוֹיפִיל סוֹבְלֵי חֳלָאִים וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין וְכוּ', און קֶענֶען נִישְׁט זֶען וְכוּ', און זֵיי זֶענֶען בַּאהָאפְטְן צוּ אַלֶע עֶרְלֵיי מַאשִׁינֶען לֹא עָלֵינוּ, און מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דִי שְׁוֶוערֶע מַצָבִים, און דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַרָאפְּוַוארְפְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלְסְדִינְג וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן בַּיים סוֹף, און עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין.

**הַלְוַואי** זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיין הַארְץ דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ צוּ דִיר, און וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן זִיךְ צוּ

בַּאקְלָאגְן, נָאר דוּ װֶעסְט דַאנְקֶען אוּן לױבְּן אוֹיף דִי חֲסָדִים אוּן רַחֲמִים גְמוּרִים װָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט דִיר, דוּ הָאסְט אַ װײבּ מִיט קִינְדֶער אוּן זַיי זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט בָּרוּךְ הַשֵׁם, נָאר עֶס אִיז דִיר עֶנְג אִין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז דִיר עֶנְג בְּרוּחְנִיוּת, עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁװֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאװֶענֶען וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְװֶעגְן בִּיסְטוּ זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי חֲסָדִים װָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט דִיר, אִין דֶעם זְכוּת װָאס דוּ דֶערְהַאלְטְ זִיךְ אִין דִי שְׁװֶערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן װָאס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, װֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף אַז עֶס װֶעט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי שַׁעֲרֵי הָרַחֲמִים וְהַפַּרְנָסָה, אוּן עֶס װֶעט נִשְׁפָּע װֶערְן אוֹיף דִיר אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רנד

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר מַטּוֹת י״ט תַּמוּז ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, אוֹיבּ דוּ װֶעסְט זִיךְ נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ, װֶעסְטוּ מְשׁוּגֶע װֶערְן אִינְגַאנְצְן, װֶעסְט דַארְפְן זִיצְן אִין אַ מְשׁוּגֶע׳ן הוֹיז, װָארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ג׳) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ז׳) קוּמְט

אויס יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועלְדִיג זַיינֶע חַטָאִים אַזוֹי פִּיל רוּחַ שְׁטוּת אִיז דָא אִין אִים.

**אוֹיךְ** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) דָאס אַלֶע מְשׁוּגָעִים וֶוערְן נָאר פוּן תַּאֲוַת נִיאוּף רַחֲמָנָא לִישְׁזְבָן; אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אַז נִישְׁט וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן, דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אָפְּלָאזְן וְכוּ', אוּן עֶטְץ וֶועטְס זִיךְ גֶטְ'ן אוּן דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְלִירְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"ח) אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קֶען עֶר אָנְוֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא; פְרֶעג אִיךְ דִיר, וָואס אִיז מִיט דִיר? צוּ וֵוייסְטוּ נִישְׁט אַז מֶען קוּקְט אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי וָואס ס'גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן גַאס אִיז מֶען פָּשׁוּט אַ מְשׁוּגֶענֶער? ווִי ס'שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (דְבָרִים כ"ח) "וְהָיִיתָ מְשׁוּגָע מִמַרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה" אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְשׁוּגָע נָאר וָואס עֶר קוּקְט מִיט דִי אוֹיגְן ווִי עֶר דַארְף נִישְׁט קוּקְן וְכוּ' וְכוּ'.

**אוּן** דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מה.) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָא בְּמַה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וָוארוּם אַז נִישְׁט וֶועסְטוּ פַארְלִירְן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ גֶטְ'ן, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אַ גְרוֹשׁ נָע וָנָד, ווִי אַ אָפְּגֶערִיסֶענֶער נַאר, אוּן ווִי אַ שׁוֹטֶה וְכוּ'.

**עֶס** אִיז דָא אֵיין עֵצָה ווִי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס עֶר בְּרֶענְט אִין אִים אַזוֹי ווִי אַ פַייעֶר, עֶר

זָאל זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, וָואס מֶער אִיז בֶּעסֶער, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ מְשׁוּגֶע, אוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַ שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט דֶעם מְשׁוּגָעִים, אוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפֶע בְּלָאטֶע וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם.

וֶועסְטוּ אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דַיין לֶעבְן, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה אַ גֶעטְרַייעֶ וַוייבּ מִיט אַ לֶעבְּטִיג אִינְגְל, אוּן דוּ קֶענְסְט לֶעבְן אַזוֹי ווִי אַ קֶענִיג, וֶועסְטוּ אָבֶער נִישְׁט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז עֶס וֶועט זַיין אַ גֶט אוּן דוּ וֶועסְט מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען זֶען דַיין זוּהְן, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּ שְׁפָּאט אוּן גֶעלֶעכְטֶער בַּיי דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, אוֹיסֶער וָואס דוּ וֶועסְט גוֹרֵם זַיין מוֹרָא'דִיגֶע צַעַר פַאר דַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען אוּן אָנְמַאכְן בִּזְיוֹנוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

מֶער פוּן דֶעם קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, וָוארוּם דִי בְּחִירָה אִיז אִין דַיין הֶענְט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי אִיז דִי בְּחִירָה? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"י) דִי בְּחִירָה אִיז פָּשׁוּט, אַז מֶען ווִיל טוּט מֶען, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט טוּט מֶען נִישְׁט.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן**

# רנה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר מַטּוֹת י״ט תַּמּוּז ה׳תשע״א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גְלַייבּ** מִיר אִיךְ וֵויים וָואס אִיךְ זָאג, אוּן אִיךְ וֵויים וָואס אִיךְ טוּה, וְכוּ׳, וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ אִין לֶעבְּן אַסַאךְ מִיטְגֶעמַאכְט וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעזֶען אוּן גֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר עֶפֶּעס וֵויים אִיךְ וָואס אִיךְ טוּה, אוּן אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הֲנָאָה וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעפָאלְגְט, דוּ וֶועסְט זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין בַּיים סוֹף אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גֶערֶעכְט וְכוּ׳.

**אוֹיף** דֶעם עוֹלָם דַארְף מֶען יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם וְכוּ׳, אוּן מֵיין נִישְׁט עֶס אִיז גְרִינְג, דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן, צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ דַן זַיין דֶעם צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְן מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט דֶעם גִילוּי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפ״ב) דָאס מֶען דַארְף זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן מֶען דַארְף יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז דַן יֶענֶעם לְכַף זְכוּת קֶען מֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת, אוּן מַחְזִיר זַיין בִּתְשׁוּבָה אֲמִיתִּית.

**עֶם** װֶוערְט דֶערְצֵיילְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ סְטְרֶעלִיסְקֶער חֲסִידִים, אוּן עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶערֶעדְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר נִמְשָׁךְ גֶעוָוארְן נָאךְ אִים, בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים אַרוֹיסְבַּאגְלֵייט פוּן שְׁטָאט אוּן מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים, עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיפְן וָואגְן אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט אִיבֶּערְגֶעחַזֶרְט פַאר זֵיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער ווִי מֶען דַארְף מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מַחְזִיר לְמוּטָב זַיין, אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל אִיז גֶעזֶעצְן דֶעמָאלְט לֶעבְּן אִים, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעחַזֶרְט דִי דִיבּוּרִים, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ אִים, אוּן אִים אַ זָאג גֶעגֶעבְּן, נַחְמָן דוּ מֵיינְסְט דָאס אִיז אַזוֹי גְרִינְג? דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ דַן זַיין אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, וָוארוּם וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעקֶענְט דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת וָואלְטְן מִיר שׁוֹין מַחְזִיר גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לְמוּטָב.

**זוִיסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס אוֹיבּ שְׁמוּאֵל הַנָבִיא וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס ווִי מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט שְׁמוּאֵל א' רֶמֶז פ"ט) שְׁמוּאֵל שָׁקוּל כְּנֶגֶד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן שֶׁנֶאֱמַר (תְּהִלִים צ"ט) "מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקוֹרְאֵי שְׁמוֹ"; אוֹיךְ זָאגְן דִי חַזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה ט"ו סִימָן ד') מֹשֶׁה וּשְׁמוּאֵל שָׁוִין כְּאַחַת שֶׁנֶאֱמַר (תְּהִלִים צ"ט) "מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקוֹרְאֵי שְׁמוֹ".

**בֹּא** וּרְאֵה כַּמָּה בֵּין מֹשֶׁה לִשְׁמוּאֵל, מֹשֶׁה הָיָה נִכְנַס וּבָא אֵצֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִשְׁמוֹעַ הַדִּיבּוּר, וְאֵצֶל שְׁמוּאֵל הָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא שֶׁנֶּאֱמַר (שְׁמוּאֵל א׳ ג׳) "וַיָּבֹא הֲוָיָ"ה וַיִּתְיַצֵּב" לָמָּה כַּךְ אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּדִין וּבִצְדָקָה אֲנִי בָּא עִם הָאָדָם, מֹשֶׁה הָיָה יוֹשֵׁב וּמִי שֶׁהָיָה לוֹ דִין בָּא אֶצְלוֹ וְנִידּוֹן שֶׁנֶּאֱמַר (שְׁמוֹת י"ח) "וַיֵּשֶׁב מֹשֶׁה לִשְׁפּוֹט אֶת הָעָם" אֲבָל שְׁמוּאֵל הָיָה טוֹרֵחַ בְּכָל מְדִינָה וּמְדִינָה וְשׁוֹפֵט כְּדֵי שֶׁלֹּא יִצְטַעֲרוּ לָבֹא אֶצְלוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (שְׁמוּאֵל א׳ ז׳) "וְהָלַךְ מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה" אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֹשֶׁה שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב בְּמָקוֹם אֶחָד לָדוּן אֶת יִשְׂרָאֵל יָבֹא אֶצְלִי לְאוֹהֶל מוֹעֵד לִשְׁמוֹעַ הַדִּיבּוּר, אֲבָל שְׁמוּאֵל שֶׁהָלַךְ אֵצֶל יִשְׂרָאֵל בַּעֲיָירוֹת וְדָן אוֹתָם אֲנִי הוֹלֵךְ וּמְדַבֵּר עִמּוֹ, לְקַיֵּים מַה שֶּׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ט"ז) "פֶּלֶס וּמֹאזְנֵי מִשְׁפָּט לַהֲוָיָ"ה"; און עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "הָרוֹאֶה" עֶר הָאט גֶעזֶען אַלֶעס.

**פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן** וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים גֶעהֵייסְן אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ קֶענִיג פוּן יִשַׁי׳ס קִינְדֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וֶוער, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים גֶעזָאגְט (שְׁמוּאֵל א׳ ט"ז) "אַל תַּבֵּט אֶל מַרְאֵהוּ וְאֶל גְּבֹהַּ קוֹמָתוֹ כִּי מְאַסְתִּיהוּ, כִּי לֹא אֲשֶׁר יִרְאֶה הָאָדָם, כִּי הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַהֲוָיָ"ה יִרְאֶה לַלֵּבָב".

**עַל** אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה בְּאֵין עֶרֶךְ כְּלַל ווִי קֶענֶען מִיר קְלֵיינֶע און מְגוּשְׁמֶ׳ע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ זָאגְן דָאס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן דֶעם צְוֵוייטְן? אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן וֶוער עֶר אִיז וְכוּ׳, און דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) אֵיינֶע פוּן דִי קִנְיָנֵי הַתּוֹרָה אִיז "הַמַּכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ", און אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ

קֶען זִיךְ, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט דַן זַיין אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְש, נֶעם דָאס גוּט אַרַיין בַּיי דִיר, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה אִין דַיין לֶעבְּן.

וֶועגְן דִי קָאנְטְרִי וְכוּ' עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי גֶעמַאכְט וְכוּ', אָבֶּער פוּן אַלֶע טְעוּתִים דַארְף מֶען זִיךְ לֶערְנֶען, פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אִין קַיין שׁוּם קָאנְטְרִי ווִי סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיפְן פְּלַאץ, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ צָאלְן אַבִּיסְל מֶער, דֶער עִיקָר מֶען זָאל הָאבְּן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיפְן פְּלַאץ, וּבִפְרַט אֵיינֶער וָואס הָאט אַ יְשִׁיבָה מוּז הָאבְּן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיפְן פְּלַאץ.

שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיר גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג, אוּן גֶעדֶענְק וָואס רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כה.) בּוֹא בְּשָׁלוֹם רַבִּי וְתַלְמִידִי, רַבִּי בְּחָכְמָה, וְתַלְמִידִי שֶׁקִבַּלְתָּ אֶת דְבָרַי.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רנו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַטּוֹת כ' תַּמּוּז ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיווּ.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין

דֶער הַאלְטְן זִיךְ", אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַרָאפּ פַּאלְן אִין חַלִישׁוּת הַדַעַת.

וְדִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט אִיז לְטוֹבָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאוֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא; אוּן ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס:) כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד; וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט אִיז אַלֶעס לְטוֹבָה, אֲפִילוּ סְ'אִיז דָא זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין לוֹיט אוּנְזֶער פַארְגְרֶעבְּטְן שֵׂכֶל וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט אַ לוֹיטֶערְן שֵׂכֶל, דֶעמָאלְט וֵוייסְט עֶר דָאס תַּכְלִית הַיְדִיעָה שֶׁלֹּא נֵדַע, אוּן עֶס אִיז דָא אַסַאךְ זַאכְן וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שֵׂכֶל, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין מִיטְן שֵׂכֶל אֱנוֹשִׁי, מִיטְן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶער נָאר אַז מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן קוֹדֶם אוֹיבְן, אַלֶעס אִיז מוּשְׁגָח בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, ווִידֶערוּם זָאגְן דִי חַזַ"ל (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ

וּמְשֶׁלְךָ יִתְנוּ לְךָ אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּחַבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא; אִיבֶּערְדֶעם וָואס דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַן אַנְדֶערְן? יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס אִיז אִים בַּאשֶׁערְט וֶועט קוּמֶען צוּ אִים, אוּן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט בַּאשֶׁערְט צוּ אִים אֲפִילוּ עֶר וֶועט נָאכְלוֹיפְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן אַז וָואס עֶס אִיז שַׁיָיךְ צוּ אִים וֶועט קוּמֶען צוּ אִים.

**גֶעוְואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְּסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אוּן אַז מֶען קֶען אַרוֹיסְבַּאפְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ "יוֹם תְּהִלִּים" אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, וָוארוּם דֶער תְּהִלִּים אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין זִיבְּן חֲלָקִים, כְּפִי דִי טֶעג פוּן דֶער וָואךְ, אַז ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר תְּהִלִּים, וֶועט מֶען אִים מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲווֹנוֹת, וָוארוּם דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעפּוֹעֶלְ'ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז וֶוער סְ'וֶועט זָאגְן תְּהִלִּים וֶועט עֶס זַיין חָשׁוּב בַּיי אִים אַזוֹי וִוי אַז מֶען לֶערְנְט נְגָעִים אוּן אָהֳלוֹת.

**אִיךְ** הָאבּ אַמָאל גֶעזָאגְט, פַארְוָואס הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דַיְיקָא נְגָעִים וְאָהֳלוֹת, עֶס אִיז דָאךְ דָא נָאךְ שְׁוֶוערֶע

מַסֶכְתּוֹת? נָאר נְגָעִים קוּמְט אוֹיף אֵיינֶעם וָואס עֶר רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, אוּן לֵיידֶער אִיז קֵיינֶער פוּן אוּנְז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל מִיט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דֶעם אָדֶער אוֹיף יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט קֶענֶען זֶען אֱלֹקוּת, ווִי סְ'שְׁטֵייט אִין זוֹהַר, סְגִירוּ דִנְהוֹרָא עִילָאָה, אַז אֵיינֶער רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס וֶוערְט עֶר אַ מְצוֹרָע, דָאס הֵייסְט מוֹצִיא-רַע עֶר רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף יֶענֶעם, טְרֶעפְט עֶר אִין זַיין לֶעבְּן נָאר שְׁלֶעכְטְס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אָהֱלוֹת רֶעדְט אַרוּם פוּן טוּמְאַת מֵת, וָואס דָאס אִיז כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, דִי אַרְגְסְטֶע טוּמְאָה אִיז טוּמְאַת מֵת, סְ'אִיז אַוֶועק פוּן אִים דִי נְשָׁמָה, דָאס הֵייסְט אַז עֶס אִיז אַוֶועק פוּן אִים דִי אֱמוּנָה, אוּן דָאס אִיז מְטַמֵא אַ טוּמְאָה חֲמוּרָה, אִיז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע וָואס דָאס אִיז מוֹצִיא-רַע, אוּן סְ'אִיז פוּן אִים פַארְהוֹילְן אַלֶע לֶעבְּנְ, אוּן אוֹיבֶּעט עֶר אִיז גֶעפַאלְן אִין כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט זָאגְן תְּהִלִים אִיז דָאס חָשׁוּב ווִי נְגָעִים וְאָהֱלוֹת אַז עֶס וֶועט אִים אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן דִי צְוֵויי מִדוֹת רָעוֹת, טוּמְאוֹת חֲמוּרוֹת, סֵיי אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע מוֹצִיא-רַע, אוּן סֵיי אַז סְ'אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אִים כְּפִירוּת, וָואס דָאס אִיז טוּמְאַת מֵת, מִיט זָאגְן תְּהִלִים וֶועט פַארְרָאכְטְן וֶוערְן אַלְסְדִינְג, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג אַ "יוֹם תְּהִלִים".

**בַּיי** אוּנְז הָאט מֶען צוּגֶעוואוֹינְט אַז גְלַייךְ נָאךְ שַׁחְרִית וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט עָלֵינוּ זָאל מֶען זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ תִּיקּוּן צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ט) אַז דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלֶע חֲטָאִים, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי', אוּן סְ'אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה, אוּן סְ'נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, דָאס דַארְף מֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג גְלַייךְ נָאכְן לֵייגְן דִי תְּפִילִּין דְרַבֵּינוּ תָּם.

**אָבֶּער** אוֹיסֶערְדֶעם דַארְף מֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ "יוֹם תְּהִלִּים", אוּן סְ'אִיז מְסוּגָל לִתְשׁוּבָה, אַז ווארויל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רנז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַטּוֹת כ' תַּמּוּז ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבַּחוּרִים הַיְקָרִים הַלּוֹמְדִים בִּישִׁיבַת "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה" שֶׁהִיא יְשִׁיבָה מְיוּחֶדֶת בְּמִינָהּ, הַוַיָ"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד.**

**אִיךְ** הָאבּ מוֹרָא'דִיג הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז כָאטְשֶׁע דִי הִיצְן זֶענֶען אַזוֹי גְרוֹיס וְכוּ' מְשׁוּנֶה'דִיג הֵייס קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט

גְרַאד, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זִיצְט אִיר אַלֶע און לֶערְנְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, וָואס מִיט דֶעם זֶענְט אִיר גוֹרֵם אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיךְ** מוּז אַייךְ זָאגְן דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלִיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אַ שָׁאד אַז אִין אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת גֶעוואוינְט מֶען נִישְׁט צִי דִי בָּחוּרִים צוּ הַזְרְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס הַארְגֶעט אָפּ דָאס יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אַ בְּרֶענֶעדִיגְן אוֹיוְון, וָוארוּם לִימוּד מִשְׁנַיוֹת אִיז מְקַשֵׁר אַלֶע עוֹלָמוֹת, און דָאס אִיז גוֹרֵם גְרוֹיסֶע יִחוּדִים מְיַיחֵד צוּ זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען אוֹיף זִיךְ.

**און** דִי וָואס זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת טוּעֶן הֵיילִיגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מב.) מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשּׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיהּ כִּדְקָא יָאוּת, אִלֵּין אִינוּן דִמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְקְט זִיךְ זֵייעֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר מַאכְט אַ סִיוּם זֵייעֶר אָפְט אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און דִי חַזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה י"ד.) אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ג') "כִּי הִנֵּה הָאָדוֹן הַוַיָ"ה צְבָאוֹת מֵסִיר מִירוּשָׁלַיִם וּמִיהוּדָה מִשְׁעָן

וּמַשְׁעֵנָה", "מִשְׁעָן" אֵלוּ בַּעֲלֵי מִקְרָא. "מַשְׁעֵנָה" אֵלוּ בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, כְּגוֹן רַבִּי יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא וַחֲבֵירָיו, פְּלִיגוּ בָּהּ רַב פָּפָּא וְרַבָּנָן חַד אָמַר שֵׁשׁ מֵאוֹת סִדְרֵי מִשְׁנָה וְחַד אָמַר שֶׁבַע מֵאוֹת סִדְרֵי מִשְׁנָה; דֶער תַּנָא רַבִּי יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא וָואס עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם (אָבוֹת פֶּרֶק ה') הֱוֵי עַז כַּנָּמֵר, וְקַל כַּנֶּשֶׁר, וְרָץ כַּצְּבִי, וְגִבּוֹר כָּאֲרִי לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִיךָ שֶׁבַּשָּׁמַיִם; אוֹיבּ אַ אִיד וִויל דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דַארְף עֶר זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ וִוי אַ לֶעמְפֶּערְט, אוּן פְלִינְק וִוי אַ אָדְלֶער, אוּן לוֹיפְן מִיט אַ שְׁנֶעלְקֵייט וִוי אַ הֶערְשׁ, אוּן זַיין אַ גִיבּוֹר וִוי אַ לֵייבּ, צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן טַאטְן פוּן הִימְל, וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס צוּ זָאגְן? וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אֵיינֶער זָאגְט זֶעקְס הוּנְדֶערְט סְדָרִים אִין מִשְׁנָיוֹת, אוּן אֵיינֶער זָאגְט זִיבְּן הוּנְדֶערְט סְדָרִים אִין מִשְׁנָיוֹת.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְט אִיר אַלֶע זַיין שְׁטַארְק יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זִינְד, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִין אִים אַרַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דִי אִיבְּרִיגֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, וִוי גְמָרָא (בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי תוֹסֶפְתָּא) אוּן פּוֹסְקִים (רַמְבַּ"ם טוּר וְשׁוּלְחָן עָרוּךְ), דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עִמְקֵי עֲמָקִים פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט (תְּהִילִים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ'שְׁ'נָ'ה'.

**און** עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער בֵּית יוֹסֵף הָאט זוֹכֶה גְעוֶועְן דוּרְךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ מַגִיד פוּן הִימְל און הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, און גֶעמוּסֶר'ט, און אִים גֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדְן פְּרַט אִין לֶעבְּן, אַזוֹי ווִי ס'אִיז גֶעדְרִיקְט אִין דֶעם סֵפֶר "מַגִיד מֵישָׁרִים" און דֶער חִידָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז נָאר אֵיינְס פוּן הוּנְדֶערְט וָואס עֶר הָאט פַארְצֵייכֶנְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, און דָאס וֶועט דִיךְ צוּנִיץ קוּמֶען צוּ פַארְבְּרֶענֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין דִיר וְכוּ'.

**עֶס** ווערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ ווְאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אִין סֵפֶר "מְגַלֶה עֲמוּקוֹת" (וָאֶתְחַנָן - אוֹפֶן פ"ב) דָאס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דָאס נָאךְ פֶערְצִיג דוֹרוֹת פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה אוֹיפְן בַּארְג סִינַי, וֶועט קוּמֶען רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ, און עֶר וֶועט מְסַדֵר זַיין דִי מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס אִיז תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָ'אֶתְחַנָן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן דוּרְךְ מִיר דִי חֲמִשָׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין אוֹיךְ צוּ מְסַדֵר זַיין דִי ו' סִדְרֵי מִשְׁנֶה, וָואס דָאס אִיז לֵ'אמֹ'ר' רָאשֵׁי תֵּיבוֹת לִ"ימוּת אַ"נְטְנִינוּס מֶ"לֶךְ ר"וֹמִי, לְ"תַקֵן אַ"סִיפַת מִ"שְׁנַיוֹת רֶ"בִּי, וָואס דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק "וָאֶתְחַנָן אֶל הַוַיָ"ה בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר".

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנָיוֹת וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה

זַיין מְסַדֵר צוּ זַיין דִי שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס מוּז מֶען מְסַדֵר זַיין שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס וֶועט זַיין דָאס בִּיטֶערֶע גָלוּת פוּן מַלְכוּת רוֹמִי, וָואס דֶעמָאלְט הָאט מֶען מַתִּיר גֶעוֶוען שְׁרַייבְּן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, און מִשְׁנָיוֹת אִיז מְבַטֵל דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, דֶערְפַאר וואוּיל אִיז דֶעם וָואס בַּאפְלֵייסְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס דָאס אִיז שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, כְּדֵי עֶס זָאל אִים לִיכְטִיג וֶוערְן.

**אַ** בָּחוּר דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זֶענֶען אוֹיף דֶעם זַייעֶר מַקְפִּיד, און זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (שַׁבָּת לג.) בַּעֲוֹן נִבְלוּת פֶּה צָרוֹת רַבּוֹת וּגְזֵירוֹת קָשׁוֹת מִתְחַדְשׁוֹת וּבַחוּרֵי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים יְתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִין וְאֵינָן נַעֲנִין וְכוּ' הַמְנַבֵּל פִּיו אֲפִילוּ חוֹתְמִים עָלָיו גְזַר דִין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִים עָלָיו לְרָעָה וְכוּ', גַם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵיהִנוֹם וְכוּ', גַם לְהַשׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זַייעֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ חַבֶרְ'ן זִיךְ מִיט בָּחוּרִים וָואס זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה סִימָן א') מִי שֶׁמְדַבֵּר נִיבּוּל פֶּה בְּיָדוּעַ שֶׁלִבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן; וָוארוּם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט רֶעדְט עֶר אַרוֹיס פוּן מוֹיל, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען הֶערְט אֵיינֶעם רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, דַארְף מֶען ווִיסְן דָאס זַיין גַאנְץ הַארְץ אִיז פִיל מִיט שְׁמוּץ, עֶר טוּט שְׁמוּץ, און טְרַאכְט שְׁמוּץ.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף חֵלֶק ב׳ סִימָן י׳) אִישׁ בָּטֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בְּשׁוּם עֵסֶק וְכוּ׳ מְדַבֵּר דִּבְרֵי טִינוּף תָּמִיד; אַ לֵיידִיג גֵייעֶר וָואס עֶר טוּט גָארְנִישְׁט מוּז רֶעדְן שְׁמוּצִיגֶע גֶעמֵיינֶע רֵייד, וִוי אַ גוֹי, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַזֶעלְכֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי קֶענֶען גְרִינְג אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית דִי וָואס זֵיי הֶערְן צוּ זַיינֶע נִיבּוּל פֶּה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן מ״ג) אוֹיף דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה וִוי עֶס שְׁטֵייט ״הֵן הֵנָּה הָיוּ בִּדְבַר בִּלְעָם״ בִּלְעָם הָאט גֶעהַאט אַ טָמֵא׳נֶעם פִּיסְק וָואס וֶוער ס׳הָאט נָאר גֶעהֶערְט זַיינֶע דִיבּוּרִים אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין עֲבֵירוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע רָשָׁע וֶוען עֶר רֶעדְט קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין טָמֵא׳נֶעם פִּיסְק שֶׁעדְלִיכֶע הַבָלִים (הוֹיכְן), אוּן עֶס אִיז אַ סַכָּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ צוּ הֶערְן זַיינֶע טָמֵא׳נֶע וֶוערְטֶער, וָוארוּם וֶוער ס׳הֶערְט וָואס עֶר רֶעדְט, קוּמְט אִין אִים אוֹיבֶּעט אַרַיין אַ גִיפְט פוּן שְׁמוּץ אוּן פוּן נִיאוּף.

**אַז** ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט חַבְרְ׳ן זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי קֶענֶען גְרִינְג אַרָאפְּפִירְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג.

**זֶעט** אַלֶע צוּ שְׁטַארְקְן זִיךְ אוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס דָא שְׁטֵייט, וֶועט עֶנְק גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# רנח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר מַסְעֵי כ״ב תַּמּוּז ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט פַאר הַדְפָּסָה, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה פוּן דֶעם, וָוארוּם וֶוען מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אִיז מֶען זוֹכֶה אוּן מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, וּזְכוּת הָרַבִּים תָּלוּי בּוֹ, אוּן דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין דְרִיקְן דִי סְפָרִים.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר אִיז שֶׁקוֹרִין דֶער הַאלְטְן זִיךְ, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אִין קַיין סְפֵיקוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאר אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר דַארְף צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיי בְּרֶסְלְבֶ׳ר חַסִידוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כ״ה) הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל.

**דָאס** הֵייסְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאזִינְדֶערְט זִיךְ אָפּ אִין אַ פְּלַאץ ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים

אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אִים עֶנְג אוּן בִּיטֶער, אוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז גוֹרֵם אִין הִימְל גְרוֹיסֶע שַׁעֲשׁוּעִים וָואס עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים ווִי אַ אִיד וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף זַיְינֶע עֲווֹנוֹת, אוּן בֶּעט רַחֲמִים רַבִּים אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, זַיי פְרֵיילִיךְ, אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ אַן אַנְדֶערְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ז) אַ עֵצָה צוּ קוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין, אִיז צוּ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אַ עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג פוּן שִׂמְחָה. מִיט דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט מִיט אַן אַנְדֶערְן פוּן שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה אַלֵיין צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וָוארוּם שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶענֶען דִיר אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, חַבֶר זִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס זַיי לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם נָאר דֵיא זֶענֶען אֱמֶתְ'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים, דִי אַלֶע וָואס זַיי לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זַיי קֶענֶען זִיךְ אָנְרוּפְן בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים, אָבֶּער דִי אַלֶע וָואס זַיי רוּפְן זִיךְ "עֶכְטֶע בְּרֶסְלֶבֶר" זַיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע עַמֵי אַרָצִים,

פְרֶעג זֵיי עֶפֶּעס אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זֶען אַז זֵיי הֵייבְּן נִישְׁט אָן צוּ וויסְן בֵּין יְמִינָם וּבֵין שְׂמֹאלָם, פָּשׁוּטֶע יוּנְגַאטְשֶׁעס, זֵיי מֵיינֶען אַז דָא אִיז נִישְׁטָא קַיין רֶבִּי קֶען מֶען טוּן וָואס מֶען ווִיל, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן וָואס מֶען ווִיל אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶועְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קע"א) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב) "וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ אֵלֶה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶה לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם" אַז וֶוען ס'קוּמְט אַרָאפּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר אִיז אַ וואוּנֶדֶערְלִיכֶער לֶעבְּט, אוּן עֶר אִיז מְגַלֶה לֶעבְּטִיגְקֵייט, אוּן עֶר אִיז מְקַרֵב זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אִיז דָא צְוֵויי כִּיתּוֹת בַּיי אִים, 'אֵלֶה לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא', דֶיע גֵייעֶן אוּן פִירְן זִיךְ ווִי ס'דַארְף צוּ זַיין, 'וְאֵלֶה לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם' אוּן דֶיע גֵייעֶן אוּן זֶענֶען מְבַזֶה דִי וֶועלְט, אָה וְכוּ' מִיר זֶענֶען אִין אֱמֶת אִיר זֶענְט אִין שֶׁקֶר. דָאס זֶענֶען שׁוֹין גְרוֹיסֶע פָּאפֶּעְרס, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַבֵּל דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דַעַת אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶרֶעסִירְט צִי זוּכְן חֲטָאִים בַּיי יֶענֶעם, עֶר אִיז אִינְטֶרֶעסִירְט צוּ טְרֶעפְן דִי גוּטְס בַּיי זִיךְ אוּן צוּ טְרֶעפְן דִי גוּטְס בַּיי יֶענֶעם, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) דָאס אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן דִי גוּטְס וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִים, אוּן זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס אִיז דָא אִין יֶענֶעם אוּן אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מַתְמִיד, אוּן בַּאפְלֵייסְט זִיךְ אִין רֶבִּי'ן מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס נָאר דָאס הֵייסְט הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאנְס אִיז אַלֶעם שֶׁקֶר.

**דֶער** עִיקָר אִין הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז צוּ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) **אַז פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אִיז בְּתוֹךְ הַסֵּפֶר.** דֶער צַדִיק בַּאהַאלְט זַיין נְשָׁמָה אוּן זַיין פָּנִים אִין זַיין סֵפֶר, אִיבֶּערְדֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל דֶערְקֶענֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף עֶר אַסַאךְ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים, "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת", "סֵפֶר הַמִּדּוֹת", אוּן דִי שִׂיחוֹת, אוּן עֶר זָאל עֶס קֶענֶען אוֹיסְנְווֵיינִיג, עֶס זָאל זַיין שָׁגוּר עַל לְשׁוֹנוֹ, דָאס הֵייסְט אַ אֱמֶתְ'ע בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד, אָבֶּער אַז נִישְׁט, לָאזְט עֶר זִיךְ נַארְן, אוּן עֶר נַארְט אַן אַנְדֶערְן.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה, דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דֶער מֹחַ אוּן דֶעם שֵׂכֶל, אוּן עֶר וֶועט זֶען אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט קֵיינְמָאל אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעחָלוֹמְ'ט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רנט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ב תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר בֶּאֱמֶת זָאגְן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף אִידִישׁ, וַוייל אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט שׁוֹין זִיבְּן אוּן פֶערְצִיג יָאר צוּ שְׁרַייבְּן נָאר אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן וְכוּ', אֲפִילוּ סְ'גֵייט אוֹיף דִיר דוֹרְךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוֹרְךְ וְכוּ', מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט "וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגְן אַז אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ" וְכוּ', אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט "דוּפִּיט אוֹיף מַיין כֹּחַ" וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶס קֶענֶען אוֹיסֶעוֵוייניג, אַלֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה לִיגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז אַ שְׁלִיסְל אוֹיף אַלֶע סְפָרִים, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, קֶען מֶען זִיךְ מַאכְן אַ וֶועג אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אוּן אִין תִּיקוּנִים אוּן אִין אַלֶע כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל אוּן זֶעלְבְּסְט פַארְשְׁטֶעֶנְדְלִיךְ אִין אַלֶע חַסִידִישֶׁע סְפָרִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, בַּיי אוּנְז אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג אַז מִיר

ענדיגן יעדן חודש דעם ליקוטי מוהר"ן, עס איז איינגעטיילט כפי דער חודש, עס איז נישט אזוי שווער, אז מען געוואוינט זיך צו גייט עס גרינג.

**עס** איז באוואוסט אז דער היילגער רבי האט זייער געוואלט אז מען זאל זיך באפלייסן אין זיין ספר ליקוטי מוהר"ן, און ער האט געזאגט "היינט אז דער ספר איז אויף דער וועלט, האב איך געוואלט אז מען זאל עס אסאך חזרן, ביז מען זאל עס קענען אויסענווייניג" אויך האט ער געזאגט אז "זיין ספר איז א אתחלתא דגאולה", איבערדעם זאלסטו אסאך אסאך חזרן ליקוטי מוהר"ן, ביז ס'זאל זיין שגור אויף דיין מויל אויסענווייניג.

**דער** היילגער רבי ברענגט אריין אין אונז אמונה פשוטה אין בורא כל עולמים, וואס דאס איז דער יסוד היסודות, מען זעט מענטשן זענען מפלפל וכו', פרעגן קשיות, און ענטפערן תירוצים וכו', אלעס איז גוט, אלעס איז פיין, נאר פשוטע אמונה דאס איז זייער שוואך.

**דערפאר** האט דער היילגער רבי געשטעלט דעם דגוש אויף פשוטע אמונה, א איד דארף גלייבן אין בורא כל עולמים, און די אמונה זאל זיין ביי אים אזוי לויטער, אז ער זאל קענען רעדן פאר אים, יעדע זאך וואס ער דארף האבן זאל ער בעטן נאר פון אים, דאס הייסט שלימות אמונה, דאס א מענטש שפירט אז עס איז נישטא קיין שום מציאות אויסער דעם בורא כל עולמים, און ער

שְׁפִּירְט אַז כִּבְיָכוֹל אִיז דָא, עֶר אִיז מְחַיֶה וּמְהַוֶוה וּמְקַיֵים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת, אוּן אֱלֹקוּת אִיז אַלֶעס, אוֹיף אַזַא אוֹפֶן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן בֶּעט עֶר נָאר אִים, וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן רֶעדְט עֶר זִיךְ דוּרְךְ מִיט אִים, דָאס אִיז שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) וּבֶאֱמֶת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן דֶער אֱמֶת'ר אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אוּנְז בַּיי אוּנְז לֶעבְּן אוּנְז, אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מִיר רֶעדְן, וָואלְט מֶען מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוּן מְדַקְדֵק גֶעוֶוען אוֹיפְן דַאוֶוענֶען וִוי מֶען דַאוֶוענְט, אוּן מֶען וָואלְט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר מַחְמַת דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס רֶעדְן צוּ אִים, אוּן דָאס דַאוֶוענֶען אִיז פִיל מִיט מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען בֶּעטְן אַסַאךְ אוֹיף אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען בֶּעט וֶועט מֶען גֶעהָאלְפְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וַוארְט אוֹיס אַז אוּנְז זָאל מִיר בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וֶועט עֶר אוּנְז גֶעבְּן.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בֶּעט עֶר אִים.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רס

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ב תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דָאס אַ עַיִן הָרָע אִיז אַ בַּאבֶּע מַעֲשֶׂה וְכוּ' וְכוּ', מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן, וַוייל מִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ דִי בְּרָכוֹת, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַ עַיִן הָרָע, זֶעט מֶען אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, וּבִפְרַט דִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא קז:) תִּשְׁעִין וְתִשְׁעָה מֵתִין בְּעַיִן רָעָה וְאֶחָד בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ; דָאס הֵייסְט נַיין אוּן נַיינְצִיג מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן פוּן אַ שְׁלֶעכְטְ אוֹיג, אוּן נָאר אֵיינֶער פוּן הוּנְדֶערְט שְׁטַארְבְּט אַ נָארְמַאלְן מִיתָה. ווִידֶערוּם זָאגְן דִי חַזַ"ל (תַּנְחוּמָא מִקֵּץ) אֵין קָשֶׁה מֵעַיִן הָרַע; סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא שְׁוֶוערֶע זַאךְ וִוי אַ עַיִן הָרָע.

**אוּן** מִמֵּילָא זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי, אַז עֶס אִיז אַ בַּאבֶּע מַעֲשֶׂה וְכוּ', מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן עַיִן הָרָע, הֵן מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן יֶענֶעם קַיין עַיִן הָרָע קַיין שְׁלֶעכְט אוֹיג, אוּן הֵן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין שְׁלֶעכְט אוֹיג, דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן אוּן זָאל נִישְׁט זָאגְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ.

**דֶער** עִיקָר אִיז, פַארְהוִילְן אַלְסְדִינְג פוּן אַן אַנְדֶערְן, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) אֵין לְךָ יָפֶה מִן הַצְּנִיעוּת;

ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ ווִי פַארְהוֹילְנְקֵייט אוּן בַּאשֵׁיידְקֵייט, מֶען דַארְף נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען יֶענֶעם דִי אוֹיגְן, יֶענֶער זָאל נִישְׁט זֶען אוּן קוּקְן וְכוּ' וְכוּ'.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן בֶּעלְזָא רָב, רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב זי"ע, אוֹיבּ אֵיינֶער פְּרֶעגְט אוֹיף אַ מְקוֹר אִין אִידִישְׁקֵייט, ווִי שְׁטֵייט דָאס? דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וָוארוּם וָואס עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאט אַ מְקוֹר אִין דִי חַזַ"ל, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט אִיז עֶר אַן עַם הָאָרֶץ, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט אַז ס'שְׁטֵייט. אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קַיין שׁוּם מִנְהָג, וָוארוּם אַלֶעס הָאט אַ יְסוֹד אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רסא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ב תַּמּוּז ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיךְ אָפְּצוּלוֹיבְּן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ טוּהסְט, דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אִיז זַיין אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ה') כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער זְכוּת הָרַבִּים אִיז, מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה,

זַיי זָאלְן שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זַיי אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע זְכוּת מֶער פוּן דֶעם, אוּן דָאס טוּהסְטוּ מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרִיקְסְט אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן עֶס וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אִין דֶער וֶועלְט.

**עֶס** אִיז לֵיידֶער דָא הַיינְט אַזוֹיפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי דַארְפְן הָאבְּן נָאר הִתְחַזְקוּת, אוּן דָאס בַּאקוּמֶען זַיי פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס דוּ דְרִיקְסְט, דוּ בִּיסְט זַיי פָּשׁוּט מְחַיֶה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

**וֶועגְן** דִי חוֹבוֹת וָואס דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג וְכוּ', אוּן מֶען אִיז דִיר שׁוּלְדִיג וְכוּ', דַארְף אִיךְ דִיר זָאגְן, דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חוֹבוֹת, נִישְׁט זַיין קַיין בַּעַל חוֹב, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ב) עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ, וִוי אֵיידֶער צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר יֶענֶעם; דָאס הֵייסְט, אִיךְ דַארְף יֶעצְט קוֹיפְן בְּגָדִים וְכוּ', אִיז בֶּעסֶער צוּ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט, אוּן דֶעמָאלְט קוֹיפְן, וִוי אֵיידֶער עֶר זָאל קוֹיפְן אוּן זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר'ן גֶעוֶועלְבֶּער (סְטָאר קִיפֶּער).

**מֶען** דַארְף זֵייעֶר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין בַּעַל חוֹב, וָואס דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר

שְׁטַארְק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן מ"ו) **מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב.**

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵוי צוּ הֶערְן דָאס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דִיר שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת וְכוּ', אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אוֹיבֶּעט אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן סִימָן ע"ז) **מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת בְּלִי יִשּׁוּב הַדַּעַת נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב**; אִיבֶּערְדֶעם אֵיידֶער דוּ בָּארְגְסְט אַוֶועק יֶענֶעם, טְרַאכְט גוּט אַרֵיין אוֹיבּ עֶר וֶועט דִיךְ אַמָאל בַּאצָאלְן?

**עֶס** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט דָאס אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן זַיין זוּהְן ר' שַׁכְנָא, אוּן אוֹיךְ ר' נַפְתָּלִי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט זַיין זוּהְן ר' אֶפְרַיִם, (זֵיי זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער), אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵיי פַארְהֶערְט וָואס זֵיי לֶערְנֶען, הָאבְּן זֵיי גֶעֶנְטְפֶערְט דִי דִינִים פוּן הַלֹּוֶה אוּן הַמַּלְוֶה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט ר' שַׁכְנָא וָואס אִיז בֶּעסֶער צוּ זַיין, אַ מַלְוֶה, אָדֶער אַ לֹוֶה, הָאט ר' שַׁכְנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט אַ מַלְוֶה, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט אוּן וָואס אִיז אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט צוּרִיק? הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוְויסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט דֶערְצֵיילְט דָאס אַזוֹי אִיז מְקוּיָּים גֶעוָוארְן בַּיי ר' שַׁכְנָא, וֶוען עֶר אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶר פְלֶעגְט פַארְבָּארְגְן מֶענְטְשְׁן גֶעלְט, הָאט מֶען אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק גֶעגֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי זַאךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן, וָוארוּם וֶוער עֶס אִיז עוֹסֵק בִּזְכוּת הָרַבִּים, הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּיים סוֹף אוּן עֶר זֶעט אָפֶּענֶע נִסִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רסב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר מַסְעֵי כ״ב תַּמּוּז ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בָּאטְשׁ אִיךְ בִּין צוּגֶעווּאוֹינְט קָרוֹב צוּ זִיבְּן אוּן פֶערְצִיג יָאר צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, אָבֶּער לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף אִידִישׁ, וַוייל אִיז זֶעה ווִי ווִיכְטִיג אִיז צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז מֶער שָׁגוּר בְּפִיהֶם פוּן אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל דָא אִין אַמֶערִיקֶע.

לְדַעְתִּי הָאט עֶטְץ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת וְכוּ׳, מֶען גֵייט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיין אִין אַ בָּאנְגֶעלוֹ קַאלֶענִי ווִי סְ׳אִיז נִישְׁטָא קַיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וּבִפְרַט אֵיינֶער הָאט אַ יְשִׁיבָה דַארְף עֶר שׁוֹין ווִיסְן פוּן פָּארְאוֹיס, ווִי וֶועלְן דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען? אוּן ווִי וֶועלְן זֵיי דַאוֶונֶען? נָאר וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען וְכוּ׳, מֶען לֶערְנְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פוּן דִי טְעוּתִים וָואס מֶען מַאכְט אִין לֶעבְּן, אַז ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט זִיךְ

אָפּ פוּן זַיינֶע טְעוּתִים, און עֶר איז מוֹדֶה אַז עֶר מַאכְט טְעוּתִים, וָוארוּם דֶער גְרֶעסְטֶער צָרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ איז, וֶוען עֶר הַאלְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת וְכוּ' און עֶר איז גֶערֶעכְט וְכוּ', מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל אִין אִים אַרַיינְשַׁיינֶען דֶעם אֱמֶת'ן אֱמֶת, וָואס דָאס איז גֶעטְלִיכְקֵייט, וִויסְן אַז עֶס איז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר דָאס איז אֱמֶת, אַלֶעס אוֹיסֶער דֶעם איז שֶׁקֶר, און אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין זִיךְ דֶעמָאלְט הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען קַיין יֵשׁוּת און גַאֲוָה און גַדְלוּת וְכוּ' וְכוּ', און דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, נָאר עֶר וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, און עֶר וֶועט אַרִיבֶּערְגִיסְן דִי שִׂמְחָה אוֹיף יֶענֶעם אוֹיבֶעט.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהַאט גֶעזָאגְט פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר אַז פַאר צֶען טוֹיזֶענְט דָאלְלֶער אַרִיבֶּער פִירְן אַן אַלְטֶע צוּבְּרָאכֶענֶעם טְרֶעיְלֶער, איז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרִינְגֶער פַאר דִי גֶעלְט צוּ קוֹיפְן הָאלְץ (פְּלֵיי וָואד) און אוֹיפְבּוֹיעֶן פִיר וֶוענְט מִיט אַ דַאךְ מִיט אַ פְלָאר, און ס'איז שׁוֹין דָא אַ פַארְטִיגֶע בֵּית הַמִדְרָשׁ, נָאר עֶר הָאט מִיר יֶעצְט גֶערוּפְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען ... וְכוּ', דַארְף מֶען עֶס מַאכְן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין.

**אָבֶּער** עַל כָּל פָּנִים עֶפֶּעס דַארְפְט אִיר טוּן, וַוייל מֵילָא יֶעצְט דִי הִיצְן זֶענֶען גְרוֹיס איז אוֹיבֶעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער וָואס וֶועט עֶטְץ טוּן וֶוען עֶס וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעגֶענֶען

וְכוּ'? דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אִינְדְרוֹיסְן בְּשׁוּם פָּנִים וָאוֹפֶן, אִיבֶּערְדֶעם טְרַאכְט אִיךְ אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין קֶענְט עֶטְץ אִין אַ פַארְשְׁטִיפְּטְן פְּלַאץ אוֹיפְבּוֹיעֶן אֲפִילוּ פְּרָאבֶעזָאנִרישׁ בִּיז אִיבֶּערְן זוּמְמֶער וָואס אִיז סַךְ הַכֹּל זֶעקְס וָואכְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, און זָאלְסְט אַרַיינְשַׁיינֶען אִין דִי בָּחוּרִים נָאר שִׂמְחָה, וָוארוּם שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי גְאוּלָה, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיב אֵיינֶער אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, לְהֵיפֶךְ חָלִילָה וְחַס אַז עֶר אִיז בְּעַצְבוּת אִין טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט וְכוּ' וְכוּ' פַּאלְט עֶר אַרַיין אִין דִי טוּמְאָה, וויסְן דַארְפְּסְטוּ וויסְן, דָאס דִי קְדוּשָׁה אִיז שִׂמְחָה, און דִי טוּמְאָה אִיז עַצְבוּת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, כָאטְשֶׁע סְ'גֵייט אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אַלֶע צָרוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, וָוארוּם סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין פֶּעקְל צָרוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, נָאר עֶר מֵיינְט אַז זַיין צָרָה אִיז דִי שְׁטַארְקְסְטֶע און דִי הַארְבְּסְטֶע צָרָה וְכוּ' וְכוּ', און עֶר קוּקְט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס צָרָה אַזוֹי ווי סְ'אִיז גָארְנִישְׁט וְכוּ', אָבֶער סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס צָרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה.

**דער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ה) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד) "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי" דָאס אִין דִי צָרוֹת דַארְף מֶען טְרֶעפְן גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט דָוִד הַמֶּלֶךְ, מִיט אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן מְרִירוּת אוּן מַחְלוֹקֶת וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעלִיטְן, פוּן לֵיצָנִים אוּן רוֹדְפִים וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶערוֹדְפְט אוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים לֵיצָנוּת, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן מוֹרָא'דִיגֶע זַאכְן וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַלְץ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פוּן רְשָׁעִים אֲרוּרִים וְכוּ' וְכוּ'.

**דִי** חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים ד') אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד') "עַד מֶה כְבוֹדִי לִכְלִימָּה" אַתֶּם מַכְלִימִין אוֹתִי וְקוֹרְאִין אוֹתִי בֶּן יִשַׁי, וְאֵין לִי שֵׁם? עַד מָתַי אַתֶּם מְחַרְפִין אוֹתִי אַחַר דְּבָרִים שֶׁל הֶבֶל וְרֵיקָנוּת? מַה אַתֶּם סְבוּרִין עַל יְדֵי שֶׁנִּסְתַּלְּקוּ מַלְכוּתָא דְּשָׁעָה? הֲרֵי הוּא קַיֶּימֶת לְעוֹלָם; מֶען הָאט אִים גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים, מֶען הָאט פוּן אִים גֶעמַאכְט לֵיצֵי לֵיצָנוּת, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן וֶוער הָאט אוֹיף אִים גֶעקְרִיגְט? זָאגְן דִי חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים ג') אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ג') "רַבִּים אוֹמְרִים לְנַפְשִׁי" זֶה דוֹאֵג וַאֲחִיתוֹפֶל שֶׁהָיוּ רַבִּים בַּתּוֹרָה, וּמָה הֵם אוֹמְרִים "אֵין יְשׁוּעָתָה לוֹ בֵאלֹקִים"; דוֹאֵג אוּן אֲחִיתוֹפֶל זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן דִי סַנְהֶדְרִין, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶערוֹדְפְט דָוִד'ן עַד לְחָרְמָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן.

**שְׁטֶעל** זִיךְ פָאר אוֹיבּ הַיינְט זָאל זַיין רַע-בָּנִים אַזוֹי ווי דוֹאֵג אוּן אֲחִיתוֹפֶל וָואלְט זִיךְ דִי וֶועלְט גֶעשָׁאקְלְט וְכוּ' וְכוּ', וֶוער זָאגְט דָאס דוּ בִּיסְט דָאךְ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶען זֵייעֶר צוּ דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין אַלֶע בָּחוּרִים, אוּן דֶער עִיקֶר הַתְחַזְקוּת, זֵיי אַרַיינְלֵייגְן אַ הַתְמָדָה זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָיוֹת הָאט אִין זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגְן גֶעטְלִיכְן כֹּחַ, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע מָאל אִין זוֹהַר אַז מַלְאָךְ מְטַ"ט אִיז מְלוּבָּשׁ אִין דֶעם, דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ', אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז מַתְמִיד בְּלִימוּד מִשְׁנָיוֹת, אִיז דֶער מַלְאָךְ מְטַ"ט וָואס דָאס אִיז דֶער מַלְאָךְ וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרוּיף דִי תְּפִילּוֹת פוּן דִי אִידְן אוֹיבְן וְכוּ' וְכוּ' אִיז מְלַמֵד זְכוּת אוֹיף דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אוּן אוֹיסֶער דֶעם זָאגְן דִי חַזַ"ל (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלִיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים הַתְמָדָה בְּלִימוּד מִשְׁנָיוֹת, זֵיי זָאלְן עֶנְדִיגְן וָואס מֶער מִשְׁנָיוֹת, אוּן דָאס גֶעבְּט אַרַיין אַ לֶעבְּטִיגְן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אַלֶע לִימוּדִים פוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, סֵיי בַּבְלִי, סֵיי יְרוּשַׁלְמִי, סֵיי תּוֹסֶפְתָּא, סֵיי רַמְבַּ"ם, סֵיי טוּר אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אַז ווארל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן וַוארְף אַרוֹים פוּן דִיר אַלֶע סְפֵיקוֹת, אוּן אַלֶע בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיךְ גַאנְץ גוּט וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט, פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט,

בִּיזֵי בִּזְיוֹנוֹת וָואס מֶען הָאט דִיךְ נָאכְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִי גַאסְן, פַארְוָואס? אוּן פַאר וֶוען? דֶער תֵּירוּץ אִיז, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֶעט אִין דִיר אַ שְׁטֶער פַאר זַיין אַרְבֶּעט, עֶר הָאט אַלֶע בְּנֵי הַנְּעוּרִים בַּיי אִים אִין קֶעשֶׁענֶע, אוּן דוּ נֶעמְסְט זֵיי אַרוֹיס פוּן זַיין קֶעשֶׁענֶע, אַוַודַאי וֶוערְט עֶר ווילְד אוּן מְשׁוּגָע.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, מְקָרֵב זַיין בְּנֵי הַנְּעוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן גְרוֹיסֶע נִסִּים, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גֶעזֶען בְּחוּשׁ, הָאסְט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אַזַא שֵׁיינֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא שֵׁיינֶע יְשִׁיבָה, אוּן אַ שֵׁיינֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ הַטֶּבַע, סְ'אִיז אַ אָפֶענֶע נֵס, אַזוֹי וֶועסְטוּ זֶען נָאךְ נִסִּים.

**נָאר** שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט זִינְגֶען מִיט דִי בָּחוּרִים נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵייעֶר נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי אַלֶע זִינְגֶערְס אוּן שְׁפְּרִינְגֶערְס וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז עֶכְטֶע הוֹלְלוּת וְכוּ' וְכוּ', נָאר נִיגוּנֵי דְבֵיקוּת, זַיין דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ ווִי דֶער מֶענְטְשׁ קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר אִיז זִיךְ מְצַייר עֶר מָאלְט זִיךְ אוֹיס אִין זַיין דַעַת אִין זַיין מֹחַ, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן גֶעטְלִיכְקֵייט אִיז דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

**גְלֵייבּ** מִיר ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶער תַּעֲנוּג פוּן דֶעם, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט גֶעטְלִיכְקֵייט פוּן יֶעדֶע פְּרַט פוּן פְּרָטֵי הַבְּרִיאָה, אוּן עֶר זִינְגְט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְ'ן תְּהִלִימְ'ל פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים א') מֹשֶׁה נָתַן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל, וְדָוִד נָתַן חֲמִשָּׁה סְפָרִים שֶׁבַּתְּהִלִים לְיִשְׂרָאֵל; קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם תְּהִלִימְ'ל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ג) אַז תְּהִלִים אִיז מְסוּגָל לִתְשׁוּבָה; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אַ חֵשֶׁק אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אוֹיבֶעט זָאגְן תְּהִלִים.

**אוּן** וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס מ'שְׁנַיוֹת אוּן תְ'הִלִים, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מֶ"ת, וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעבְּן? מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִים וְכוּ'. וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאכְן טוֹיט? מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִים. וָואס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין קֵבֶר? מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִים. אִיבֶּערְדֶעם אִיז כְּדַאי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן אִין דִי בָּחוּרִים אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תְּשׁוּקָה צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג אָן חָכְמוֹת, אוּן זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִים אָן חָכְמוֹת, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְלֶעשְׁן דֶעם פַייעֶר פוּן דִי אַלֶע תַּאֲווֹת וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין זֵיי.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רסג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ג תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַזוֹי** ווִי דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן דָאס דוּ הָאסְט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אִיךְ זָאג דִיר אָפֶּען וָואס צוּ פַּארֶעכְטֶען אוּן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ' וְכוּ', הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר נְקוּדוֹת כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַ תּוֹעֶלֶת פַאר דִיר, אוּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר פִּירְט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה.

**זַייסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס דֶער הֵיילִיגְסְטֶער זַאךְ בַּיי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, וָואס נָאר אִין זֵייעֶר זְכוּת שְׁטֵייט דֶער וֶועלְט, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (כַּלָּה רַבָּתִי פֶּרֶק ב') תָּאנָא בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם וּלְהָפְכוֹ לִכְמוֹת שֶׁהָיָה, אֶלָּא כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וּבְתַלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁיּוֹשְׁבִים בְּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת, מִיַּד נֶהְפָּךְ כַּעְסוֹ לְרַחֲמִים.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין חֵדֶר, ווִי חָשׁוּב דָאס אִיז, אַז מֶען מַאכְט אוֹיף אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען לֶערְנְט

יֶעצְט נִישְׁט מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ נָאר מִיט הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת, אוּן די שְׁכִינָה אִיז דָארְטְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען נֶעמֶען מְלַמְדִים נָאר יִרְאֵי הַשֵּׁם וָואס זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט די קִינְדֶער, אוּן זֵיי לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַלֶ"ף בֵּי"ת, אוּן מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס ווי צוּ דַאוֶוענֶען אִין סִידוּר, אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי חוּמָשׁ, אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי מִשְׁנָיוֹת, אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי גְמָרָא וְכוּ', דָאס הֵייסְט די יוּנְגֶע קְלַאסְן מוּזְן זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט אֵיינְס פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, כִּיתָּה א' אִיז די וִויכְטִיגְסְטֶע כִּיתָּה, מֶען לֶערְנְט אוֹיס די קִינְדֶער אַלֶ"ף בֵּי"ת, אוּן ווי צוּ צַאמְשְׁטֶעלְן וֶוערְטֶער בִּיז זֵיי זָאלְן קֶענֶען דַאוֶוענֶען אִין אַ סִידוּר, אוּן זָאגְן די בְּרָכוֹת, די קְלַאס אִיז גָאר וִויכְטִיג, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ מְלַמֵד וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ מִיט די קִינְדֶער אוּן בַּיים סוֹף קֶענֶען זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין עִבְרִי וְכוּ' אוּן זֵיי בְּלַייבְּן בַּעֲלֵי מוּמִין אוֹיפְן גַאנְץ לֶעבְּן, ווי דוּ אַלֵיין הָאסְט שׁוֹין גֶעזֶען דֶערְוַואקְסֶענֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי קֶענֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין עִבְרִי וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** כִּיתָּה א' מוּז זַיין נָאר אֵיין קְלַאס נִישְׁט מִישְׁן גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער צוּם בַּיישְׁפִּיל אַרַיינְלֵייגְן קִינְדֶער פוּן כִּתָּה ב' אָדֶער ג' וְכוּ', דָאס וֶועט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, אוּן די קִינְדֶער וֶועלְן בְּלַייבְּן בַּעֲלֵי מוּמִין אוֹיפְן גַאנְץ לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם כִּיתָּה א' מוּז זַיין אַ עֶקְסְטֶערֶע קְלַאס, אֲפִילוּ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין דָארְטְן נָאר צְוֵויי אָדֶער דְרֵיי קִינְדֶערְלֶעךְ.

אַזוֹי אויך כִּיתָּה ב׳ דַארְף זַיין אַן עֶקְסְטֶערְן מְלַמֵד וָואס וֶועט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער חוּמָּשׁ (בַּיי אוּנְז חֲסִידִים לֶערְנְט מֶען נָאר דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, נִישְׁט כְּסִדְרָן), דִי קְלַאס כִּיתָּה ב׳ דַארְף אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אֵיין פָּסוּק אוּן בִּיזְן סוֹף יָאר דַארְפְן דִי קִינְדֶערְלֶעך שׁוֹין קֶענֶען צְווִישְׁן אַכְצְן אוּן צְוָואנְצִיג פְּסוּקִים, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק דַארְף מֶען חַזֶרְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, זָאגְן דֶעם פָּסוּק מִיט טַייטְשׁ, אוּן דֶער עִיקָר אִיז אַז דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלְן שְׁרַייעֶן מִיט אַ בְּרֶען דֶעם פָּסוּק, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער מְלַמֵד דַארְף זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ דָאס דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן וָואס עֶס רֶעדט זִיךְ דִי פַּרְשָׁה.

כִּיתָּה ג׳ דַארְף שׁוֹין לֶערְנֶען מֶער פְּסוּקִים יֶעדֶע וָואךְ, וָוארוּם זֵיי זֶענֶען שׁוֹין צוּגֶעווּאוֹינְט פוּן כִּיתָּה ב׳, אָבֶּער זֵיי דַארְפְן אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוֹיכֶעט, מֶען הֵייבְּט אָן אֵיין מִשְׁנֶה, אוּן מֶען חַזֶרְט עֶס אִיבֶּער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז זֵיי קֶענֶען עֶס אוֹיסֶענְוֵויינִיג, אוּן נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען נָאךְ אַ מִשְׁנֶה אוּן נָאךְ אַ מִשְׁנֶה, אַלְץ שְׁטַייטֶעלֶעךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט יָאגְן, קְלֵיינֶע קִינְדֶער מוּזְן קֶענֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס זֵיי לֶערְנֶען.

(עֶס אִיז דָא וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת מִיט דִי קְלַאס בָּבָא מְצִיעָא וְכוּ׳ אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען אַ מַסֶכֶת וָואס עֶס וֶועט זַיין נָאנְט צוּ זֵייעֶר קֶעפֶּעלֶעךְ

צו פַארְשְׁטֵיין, און אויסְמָאלְן, צום בַּיישְׁפִּיל מַסֶכֶת סוּכָּה, ס'אִיז הַיינְט דָא צו קְרִיגְן מִשְׁנַיוֹת מַסֶכֶת סוּכָּה מִיט בִּילְדֶער אויף יֶעדֶע מִשְׁנָה, אַזוֹי קֶען יֶעדֶער קִינְד פַּארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, און עֶס וֶועט זַיין פַּאר אִים אויסְגֶעמָאלֶען ווִי אַזוֹי אַ סוּכָּה זֶעט אוֹיס, און וָואס אִיז כָּשֵׁר, און וָואס אִיז פָּסוּל וְכוּ' וְכוּ').

**און** כִּיתָּה ד' דַארְפְן שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צו לֶערְנֶען גְּמָרָא, מֶען הֵייבְּט אָן צו לֶערְנֶען פֶּרֶק הַמֵּנִיחַ לַאנְגְזַאם אַפָּאר שׁוּרוֹת, און מֶען אִיז דָאס גוּט גוּט מַסְבִּיר, און מֶען חַזֶרְט עֶס אִיבֶּער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז דִי קִינְדֶער קֶענֶען דָאס אויסֶעוְוֵיינִיג, דִי פִיר כִּיתּוֹת, כִּיתָּה א', כִּיתָּה ב', כִּיתָּה ג', כִּיתָּה ד', דַארְפְן הָאבְּן עֶקְסְטֶערֶע מְלַמְּדִים, נִישְׁט מִישְׁן קַיין קְלַאסְן, אוֹיבּ מֶען ווִיל הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ אִין יֶעדֶע קְלַאס וֶועט נִישְׁט זַיין מֶער ווִי צְוֵויי דְרֵיי קִינְדֶערְלֶעךְ דַארְף מֶען אוֹיבֶּעט הַאלְטְן מְלַמְּדִים, דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס הָאבְּן אַזוֹי אָנְגֶעהוֹיבְּן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צו צָאלְן עֶקְסְטֶערֶע מְלַמְּדִים, וַוייל ס'אִיז גֶעוֶוען ווִינְצִיג קִינְדֶער אִין יֶעדֶע קְלַאס, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען עַקְשָׁנִים, זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶעשְׁטִיגְן און גֶעקֶענְט לֶערְנֶען.

(**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז יֶעדֶע קְלַאס מוּז אוֹיבֶּעט לֶערְנֶען חוּמָשׁ פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, כִּיתָּה ב' הֵייבְּט שׁוֹין אָן צו לֶערְנֶען דִי אוֹתִיּוֹת פוּן רַשִׁ"י און אַפָּאר

װערטער בִּיז אַ פָּסוּק רַשִׁ"י, כִּיתָּה ג' הײבּט שױן אָן צו לערנען מער פְּסוּקִים רַשִׁ"י, כִּיתָּה ד' לערנט שױן נאכמער פְּסוּקִים רַשִׁ"י [פַארשטײט זיך נאר די רַשִׁ"י'ס װאס עס רעדן נישט פון דִקְדוּק, כְּדֵי די קינדער זאלן פַארשטײן די רַשִׁ"י פון די פְּסוּקִים]).

די פיר כִּיתּוֹת איז די װיכטיגסטע אין לעבן פון א אינגל, אויב מען װיל אז דאס קינד זאל אויפװאקסן אַ יוֹדֵעַ סֵפֶר מוז מען לײגן אַ דגוש אויף די ערשטע פיר מְלַמְּדִים, אַװדאי און אַװדאי קאסט דאס געלט, אבער מען דארף אינזינען האבן די תּוֹעֶלֶת פון די קינדער, נישט פון געלט, אדער װאס אַנדערע זאגן וְכוּ' וְכוּ'.

איך האב אַזױ אָנגעהױבן מיט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אין יַבְנְאֵל, און געהאט אויסנאם הַצְלָחָה, און פַארגעס נישט דאס איז קינדער פון ספרדישן אָפּשטאם, אויך קינדער פון בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה וְכוּ' װאס לײדער זײ זעהן נישט אַ בײשפּיל פון די זײדעס מיט די באבעס וְכוּ', װאס זײ זענען לײדער דערװײל אינגאנצן פרײ, מְחַלְּלֵי שַׁבָּתוֹת, אוֹכְלֵי טְרֵיפוֹת לֹא עָלֵינוּ וְכוּ', פונדעסטװעגן האב איך אַװעק געשטעלט אין די פיר קלאסן גוטע ערליכע מְלַמְּדִים, װאס יעדער אײנער האט זיך אָפּגעגעבן מיט זײן קלאס, אַזױ האבן די קינדער געהאט הַצְלָחָה.

אַװדאי און אַװדאי איז דא די אַלטע קַשְׁיָא "כֶּסֶף מְנָלָן"? אבער אויב מען װיל האבן הַצְלָחָה מיט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, מוז מען אַזױ אָנהײבן, אַנדערש װעט עס נישט גײן.

**כִּיתָּה** ה' פַארְשְׁטֵייט זִיךְ לֶערְנֶען שׁוֹין מֶער חוּמָשׁ רַשִׁ"י אוּן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי צוּגֶעווֹאוֹינֶען זֵיי זָאלְן אָנְהֵייבְּן ווֶען זֵיי הָאבְּן אַ פְרֵייעֶ צַייט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, נִישְׁט פְּרִיעֶר בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אוּן אוֹיבֶעט נָאר מִשְׁנַיוֹת זָאלְן זֵיי זָאגְן אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט אָבֶער נִישְׁט גְמָרָא זָאגְן.

**כִּיתָּה** ו' לֶערְנְט מֶען שׁוֹין מֶער חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיט מִשְׁנַיוֹת מִיט גְמָרָא, אוּן דֶעמָאלְט קֶענֶען זֵיי אָנְהוֹיבְּן צוּ זָאגְן שַׁ"ס נָאר אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט, אוֹיבּ מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף אַ חֵדֶר אוֹיף אַזָא אוֹפֶן, הָאבְּן דִי קִינְדֶער אַ אוֹיסְנָאם'דִיגְע הַצְלָחָה, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי מִיר אִין יַבְנְאֵל, דִי זֶעקְס כִּיתּוֹת זֶענֶען יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד, אוּן אוֹיבּ מֶען ווִיל אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ, דַארְף מֶען נָאר אַזוֹי זִיךְ פִירְן.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואסְפַאר מְלַמְּדִים מֶען נֶעמְט, בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן טָאר מֶען נִישְׁט נֶעמֶען קַיין בָּחוּרִים פַאר מְלַמְּדִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין פב.) לֹא יְלַמֵּד אָדָם רַוָוק סוֹפְרִים [עַיֵּין רַשִׁ"י, לֹא יְלַמֵּד רַוָוק סוֹפְרִים: רַוָוק פָּנוּי בְּלֹא אִשָּׁה. סוֹפְרִים: מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת, כְּלוֹמַר לֹא יַרְגִיל רַוָוק עַצְמוֹ לִהְיוֹת מִן הַסוֹפְרִים וְכוּ'], אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כ"ב סְעִיף כ') מִי שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה לֹא יִלְמוֹד תִּינוֹקוֹת, מִפְּנֵי שֶׁאִמּוֹת הַבָּנִים בָּאוֹת לְבֵית הַסֵּפֶר לִבְנֵיהֶם, וְנִמְצָא מִתְגָּרֶה בְּנָשִׁים וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**בִּכְלַל** טָארְן זִיךְ נִישְׁט בָּחוּרִים זִיךְ דְרֵייעֶן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן צְווִישְׁן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, [ס'אִיז צְוֵויי עֶקְסְטְרֶעמֶע וֶועלְטְן, בִּפְרַט גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ' אוּן זֵיי כַאפְּן זִיךְ צוּרִיק אוּן זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין גִירְסָא מִשְׁנַיוֹת גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ', דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי הֵייבְּן יֶעצְט אָן זֵייעֶר לֶעבְּן].

**עֶם** אִיז שְׁטְרֶענְג פַארְבָּאטְן דָאס בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן קִינְדֶערְלֶעךְ, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט זֵיי, וּבִפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס אִיז אַ הֶפְקֵר וֶועלְט דַארְף מֶען הִיטְן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט בָּחוּרִים וְכוּ', אֲפִילוּ אַ בִּמְקוֹם (סָאבְּסִיטוּט בְּלַעַ"ז) טָאר נִישְׁט זַיין אַ בָּחוּר.

**וֶוען** דִי קִינְדֶערְלֶעךְ עֶסְן טָאר אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דָארְטְן קַיין בָּחוּרִים, נָאר אַ מְלַמֵּד זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי, אוּן בֶּענְטְשְׁן מִיט זֵיי, (אוֹיבֶּעט יֶעדֶע קְלַאס לוֹיט אִיר שְׁטַייגֶער, דִי עֶרְשְׁטֶע קְלַאס קֶען נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה, אוּן אַזוֹי דִי צְוֵוייטֶע קְלַאס, בִּיז דִי דְרִיטֶע קְלַאס קֶען שׁוֹין בֶּענְטְשְׁן דָאס גַאנְצֶע בֶּענְטְשְׁן).

**וֶוען** מֶען בְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער צוּם חֶדֶר, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט זֵיי אַהֵיים פוּן חֶדֶר מִיט אַ בָּאס, טָאר אוֹיךְ נִישְׁט אַ בָּחוּר זִיצְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, וָוארוּם דִי מַאמֶעס וַוארְטְן אָפּ אוּן דָאס גֵייט אַרַיין אוֹיבֶּעט אִין כְּלַל פוּן "לֹא יִלְמַד אָדָם רַוָּוק סוֹפְרִים".

**אִיךְ** הָאב שׁוין גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מְלַמְדִים און מְנַהֲלִים מֶען זָאל אַבְּסאלוּט גֶעבְּן וָואסֶערְע נִיגוּנִים מֶען לָאזְט שְׁפִּילְן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, נָאר הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים, פוּן חַסִידִישֶׁע בַּעַל מְנַגְּנִים, נִישְׁט נִיגוּנִים פוּן הוּלְטַייעֶן וָואס מַאכְן נָאךְ גוֹיִם, אָדֶער זֵיי זִינְגֶען גוֹיאִישֶׁע נִיגוּנִים, דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען זַיין, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה טו:) אַחֵר מַאי, זֶמֶר יְוָנִי לֹא פָּסַק מִפּוּמֵיהּ; ווִי אַזוֹי אִיז אֱלִישָׁע וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַחֵר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועְן קוֹדֶם אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר אִיז גֶעוֶועְן פוּן דִי פִיר וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין פַּרְדֵ"ס, דָאס הֵייסְט אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, גֶעוֶועְן דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי אַזוֹי אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפַאלְן, ווַייל "זֶמֶר יְוָנִי לֹא פָּסַק מִפּוּמֵיהּ" עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען גְרִיכִישֶׁע אַפִּיקוֹרְסִישֶׁע נִיגוּנִים, און ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ג') אַז נִיגוּנִים פוּן רְשָׁעִים טוּט אוֹיסְרֵייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ, און עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט דֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** טָאר מֶען בִּכְלַל נִישְׁט זִינְגֶען דִי גֶעמֵיינֶע שְׁמוּצִיגֶע נִיגוּנִים פוּן דִי עֶקְלְהַאפְטִיגֶע זִינְגֶערְס, שָׁנָה וּפִירֶשְׁ'נִיקֶעס, הֵן מִיט בָּחוּרִים, און מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ, אַוַודַאי דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִי כֹּחַ הַנְגִינָה, און אַזוֹי אוֹיכֶעט אִין בָּחוּרִים אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי כֹּחַ הַנְגִינָה וְרִיקוּדִים, אָבֶער אַבְּסוֹלוּט גֶעבְּן נִישְׁט טְרֵיפָה'נֶע גוֹיאִישֶׁע נִיגוּנִים, עֶס אִיז אוֹיף דֶעם נִישְׁטָא קַיין שׁוּם הֵיתֵּר.

**אוֹיבּ** אַחֵר וָואס אִיז גֶעוֶוען אֱלִישָׁע אֵיינֶע פוּן דִי פִּיר וָואס זֶענֶען אַרַיין לִפְנֵי וְלִפְנִים וְכוּ' הָאט אִים גֶעשַׁאדְט דָאס זִינְגֶען גְרֵיכִישֶׁע נִיגוּנִים, עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה אִין אוּנְזֶער דוֹר דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, וָוארוּם נְגִינָה אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רע"ג) אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זִינְגֶען אַ נִיגוּן, אוּן דָאס הֵייבְּט אוֹיף דִי נְשָׁמָה זֵייעֶר זֵייעֶר הוֹיךְ, אָבֶּער זֶעלְבְּסְט פַּארְשְׁטֶענְדְלִיךְ נָאר נִיגוּנִים פוּן הֵיימִישֶׁע מְנַגְנִים.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס דָא שְׁטֵייט, וֶועסְטוּ הָאבְּן גָאר אוֹיסֶערְגֶעוֶועהְנְלִיכֶע הַצְלָחָה, אוֹיבּ וֶועסְטוּ מִיר נִישְׁט פָּאלְגְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִיוּם.

**אִיךְ** וֶועל מְחַיֵיב זַיין דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט פַּארְמַאכְן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אָדֶער יְשִׁיבוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַריינְגֶעצוֹיגְן אִין אַ שְׁטֶעטְל וָואס הֵייסְט יַבְנְאֵל, הִיצוֹנִיוּת אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער בִּפְנִימִיוּת אִיז דָארְטְן דָאס אַרְגְסְטֶע פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָוארוּם דָארְטְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָת צְוֵויי הֵיילִיגֶע עֵדוֹת, דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן, אוּן דִי תּוּנִיסֶ'ער אִידְן, דָארְטְן הָאט מֶען זֵיי אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי פֵּיאוֹת, דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹשְׁוִויץ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דַיְיקָא דָארְטְן הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קְהִילָה קְדוֹשָׁה וָואס

צֵיילְט זִיךְ שׁוֹין מֶער פוּן דְרַיי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה, אַ יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, אַ כּוֹלֵל, אוּן אַ כּוֹלֵל לְהוֹרָאָה, אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין מֵיידְל שׁוּלֶע אוּן אִין קִינְדֶערְגַארְטְן הָאבְּן מִיר שׁוֹין הֶעכֶער זִיבְּן הוּנְדֶערְט קִינְדֶער.

דִי רִשְׁעוּת אוּן דִי אַכְזָרִיוּת וָואס מִיר שְׁטֵייעֶן דָארְטְן אוֹיס

פוּן רְשָׁעִים אֲרוּרִים, אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן, עֶס קְרֶענְקְט זַיי ווִי זַיי זֶעהְן לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט לַאנְגֶע פֵּיאוֹת, אִינְגֶעלַייט מִיט שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקֶעטְשֶׁע מִיט ווַייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, אוּן פְרוֹיעֶן אָפְּגֶעשָׁארְן וְכוּ', אוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע צְנִיעוּת, דָאס בְּרֶענְט זַיי גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן זַיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיף, שׁוֹין פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר צוּ טוּן דִי אַרְגְסְטֶע רִשְׁעוּת וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אָבֶער מִיט עַקְשָׁנוּת וְכוּ', אוּן מִיט רְצוֹנוֹת וְכוּ', הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט קֶען מֶען אַלֶעס דוּרְךְ בְּרֶעכְן, [דַאכְט זִיךְ מִיר אַז דוּ הָאסְט דָאס גֶעזֶען מִיט דַיין אֵייגֶענֶע אוֹיגְן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חָלוֹם אוּן פַאנְטַאזְיֶע].

דִי רְשָׁעִים אֲרוּרִים הָאבְּן אוּנְז נִישְׁט גֶעלָאזְט בּוֹיעֶן אַ בֵּית

מֶדְרָשׁ אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר, גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין מַסֶרְ'ן, דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע אִיז אִין צוּבְּרָאכֶענֶע קַארַאוַואנֶען (בַּארַאקְן) אַזוֹי ווִי אִין אוֹשְׁווִיץ, ווִינְטֶער רֶעגְנְט אַרַיין, זוּמְמֶער וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי הִיץ, נָאךְ גְרוֹיסֶע אוּן שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּטִים הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען לַאנְד

לֶעבְּן בֵּית עַלְמִין, ווי מִיר הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דִי קַארַאוַואנֶען (בַּארַאקְן) עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן בִּיז מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט מִיט דִי אויגְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִין דוּרְכְצוּבְּרֶעכְן דִי קְלִיפָּה פוּן דִי טָמֵא'נֶע אַפִּיקוֹרְסִים, דָאס הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעלוינְט.

**אַזוֹיפִיל** בִּין אִיךְ גֶעוָואר גֶעוָוארְן מִיט מַיין קוּמֶען אִין יַבְנְאֵל, דָאס וֶוער הָאט אַ יַד אִין מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַת אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵעֵדוֹת הַמִזְרָח דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן, נָאר דִי פַארְדָארְבֶּענֶע רַע-בָּנִים, וָואס זֶענֶען קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים, עַמֵי אַרַצִים גְמוּרִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אַ יַד אִין אַלֶע גְזֵירוֹת, אוּן לֹא בְּחִינָם דֶער טָמֵא מְטוּמָא דָוִד גְרִין פוּן פְּלוֹנְסְק שֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אויפְצוּשְׁטֶעלְן אַ פַּארַאט פוּן רַבָּנִים, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעוְויסְט אַז סְפַרְדִישֶׁע אִידְן קֶען מֶען נִישְׁט מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַת, נָאר דוּרְךְ רַבָּנִים, וָוארוּם זֵיי הָאט מֶען אויסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אויף "כְּבוֹד הָרַב", אוּן וָואס עֶר זָאגְט אִיז הֵיילִיג, אוּן לֵיידֶער טְרַאכְטְן זֵיי נִישְׁט אַרַיין וֶוער אִיז יָא אַן עֶרְלִיכֶער רָב, אוּן וֶוער אִיז נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶער רָב, וָואס מִיר הָאבְּן אויסְצוּשְׁטֵיין פוּן דֶעם שְׁטְרָאף (שֶׁקוֹרִין רָב) פוּן שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן.

**אִיז** לֹא בְּחִינָם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" בְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים דָאס וָואס דַארְפְן דִי אַפִּיקוֹרְסִים רַבָּנִים? אַז ס'גֵייט זֵיי אַזוֹי אִין לֶעבְּן

זַיי זָאלְן הָאבְּן רַבָּנִים? נָאר זַיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז אָן רַע-בָּנִים וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען דִי סְפַּרְדִישֶׁע אִידְן מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַּת, (עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַאֲרִיךְ צוּ זַיין אִין דֶעם, אָבֶּער דָא אִיז נִישְׁט דֶער פְּלַאץ פוּן דֶעם).

עַל כָּל פָּנִים אֲפִילוּ אִין אַזַא מִין פְּלַאץ וִוי מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַּת הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט דָאס בַּאוַוייזְן וְכוּ', וֶועל אִיךְ מְחַייֵב זַיין דִי אַלֶע וָואס קֶענֶען נִישְׁט הַאלְטְן אָפֶען אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אָדֶער אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, וֶועסְטוּ מֵיינֶען דָאס מִיר הָאבְּן אַ אוֹצָר פוּן גֶעלְט? מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר זֶענֶען אַלֶע אָרִימֶעלַייט וָואס מֶען קֶען קוים דוּרְךְ שְׁטִיפְּן דֶעם וָואךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן מִיר בַּאזוּנֶדֶערֶע מְלַמְּדִים אוֹיף יֶעדֶע כִּיתָּה, אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה הֶעלְפְּט אוּנְז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט וואוּנֶדֶערְלִיכֶע נִסִּים צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן טִישֶׁערְס, דָאס אִיז לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין.

קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט וֶועט דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֵיין נָדִיב, קַיין אֵיין גְּבִיר וְכוּ', אוּן פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן מִיר אַ קִיוּם, נָאר מַחֲמַת דֶעם שְׁטַארְקְן רָצוֹן אוּן דֶער מֵיינֶען עֶס אֱמֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאבּ מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען דֶעם בְּרִיוו, וַוייל דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר וָואס אִיךְ דַארְף פַארֶעכְטֶען, אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּפִירֶען וְכוּ' וְכוּ',

הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶענוּמֶען דִי מִיה אוּן אַבִּיסְל מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, וָואס גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ דַארְף שְׁרַייבְּן, וָוארוּם אִיךְ זֶעה וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַנְדֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, וְכוּ', וְכוּ', אִיז נִישְׁט קַיין ווּאוּנְדֶער וָואס זֵיי דַארְפְן נָאכְדֶעם פַּארְשְׁלִיסְן וְכוּ', אוּן זֵיי פַּאלְן צַאם וְכוּ'.

**דֶער** רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה הֲלָכָה ג') מְלַמֵּד הַתִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מֵנִיחַ הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּלִימּוּדָן הֲרֵי זֶה בִּכְלַל אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה לְפִיכָךְ אֵין רָאוּי לְהוֹשִׁיב מְלַמֵּד אֶלָּא בַּעַל יִרְאָה מָהִיר לִקְרוֹת וּלְדַקְדֵק: דָאס אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה פַּאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, מֶען אִיז מְחַנֵּךְ הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען דִי צוּקוּנְפְט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דָאס טָאר מֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַבִּי וֶועמֶען פַּאר אַ מְלַמֵּד, אָדֶער אַ עוֹזֵר מְלַמֵּד, וְכוּ', ווִי סְ'שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ"ה סְעִיף י"ז) וְאֵין לִמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמוֹד וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה אוֹ לַעֲצוֹר בְּמַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה אוֹ לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִדַּאי כִּי כָּל אֵלּוּ הַדְּבָרִים גוֹרְמִים שֶׁלֹּא יוּכַל לְלַמֵּד הֵיטֵב וְכָל הַמְּשַׁנֶּה יָדוֹ עַל הַתַּחְתּוֹנָה וּמְסַלְּקִין לֵיהּ.

**אִיךְ** הָאבּ אוֹיבֶּעט גֶעהַאט אַסַאךְ מְלַמְּדִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אַוֶועק שִׁיקְן אָן רַחְמָנוּת, זֵיי הָאבְּן גֶעלָאזְט דִי

קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר אַרוּמְבָּארְדֶעוֶוען וְכוּ', זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען וְכוּ', פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעמוּזְט אַוֶועקְשִׁיקְן אָן רַחְמָנוּת, וָוארוּם קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענֶען הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ, דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס פַּארְמֶעגְן, און נָאר צוּלִיבּ זֵיי הָאט עֶר אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אוֹיפְן בַּארְג סִינַי, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיִּגַּשׁ) בְּשָׁעָה שֶׁבִּקֵּשׁ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִיתֵּן אֶת הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל אָמַר לָהֶן תְּקַבְּלוּ תּוֹרָתִי, אָמְרוּ לוֹ הֵן, אָמַר לָהֶן תְּנוּ לִי עָרֵב שֶׁתְּקַיְּימוּ אוֹתָהּ אָמְרוּ לוֹ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב יִהְיוּ עֲרֵבִים, אָמַר לָהֶן אֲבוֹתֵיכֶם הֵן בְּעַצְמָם צְרִיכִים עֲרֵבִים, אַבְרָהָם אָמַר (בְּרֵאשִׁית טו) "בַּמָּה אֵדַע", יִצְחָק אָהַב אֶת שׂוֹנְאֵי דִכְתִיב (מַלְאָכִי א') "וְאֶת עֵשָׂו שָׂנֵאתִי" יַעֲקֹב אָמַר (יְשַׁעְיָה מ) "נִסְתְּרָה דַרְכִּי", אָמְרוּ לוֹ בְּנֵינוּ יִהְיוּ עֲרֵבִים שֶׁלָּנוּ, מִיַּד קִבְּלָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְנָתַן אֶת הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים ח') "מִפִּי עוֹלְלִים וְיוֹנְקִים יִסַּדְתָּ עוֹז".

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַּאר אוּנְז, נָאר אִין זְכוּת פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, און דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ט:) אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן; אִיבֶּערְדֶעם, אוֹיבּ וֶועסְטוּ מִיר פָּאלְגְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גֶעהַאט הַצְלָחָה מִיט דִי יְשִׁיבָה.

**גֶעדֶענְק** גוּט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דֶּרֶךְ חֵלֶק ב' סִימָן א') עַל יְדֵי ווִידוּי דְבָרִים

גוֹרְמִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁלּוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה; אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס אוֹיס אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה.

**אִיךְ** הָאבּ מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אַבִּיסְל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן וָואס עֶס לִיגְט מִיר אִין פֶּעדֶער, וָוארוּם הַאלְטְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און בִּפְרַט הַיינְט וָואס דֶער דוֹר אִיז אַזוֹי הֶפְקֵר וְכוּ', און מֶען קֶען זֶען אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ', און עֶקְלְהַאפְטִיגֶע זַאכְן וְכוּ', אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּ הַאלְטְן אַ עֶרְנְסְטֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה און אַ מֵיידְל שׁוּלֶע.

**קוּם** אִין יַבְנְאֵל, וֶועסְטוּ זֶען וָואס מֶען קֶען בַּאוַוייזְן נָאר מִיט רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִים און מִיט אַסַאךְ תְּפִילוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְטִיגְן טָאג און פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רסד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ג תַּמּוּז ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס דוּ בַּאקְלָאגְסְט זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, און דוּ רֶעדְסְט זִיךְ אָפּ

כִּבְיָכוֹל אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אוּן דוּ בִּיסְט פִיל מִיט קַשְׁיוֹת וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ו) דָאס קַשְׁיָ"א אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים כ"ז) שְׁ'מַע יְ' קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא, אַז אַ אִיד הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף עֶר אַסַאךְ שְׁרֵייעֶן צוּ אִים עֶר זָאל אִים אוֹיסְגְלַייכְן דִי הַארְץ, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת.

**אוֹיךְ** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ט"ז) **כְּשֶׁנּוֹפֵל** אֵיזֶה קוּשְׁיָא עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲזַי תִּשְׁתּוֹק, וְעַל יְדֵי הַשְׁתִּיקָה מַחְשְׁבוֹתֶיךָ מֵעַצְמָם יָשִׁיבוּ לְךָ תֵּירוּץ עַל קַשְׁיוֹתֶיךָ.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "אַיָּלָה שְׁלוּחָה" (פָּרָשַׁת יִתְרוֹ) אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק אַייזִיק פוּן זִידִיטְשׁוֹב זי"ע, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע, וָואס עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דָאס אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין אַן אַכְסַנְיָה, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָה זָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ "ווילַאנְג נָאךְ וֶועלְן מִיר עֶסְן נָאר קַאשֶׁע? לָאמִיר שׁוֹין עֶסְן אַמָאל לָאקְשְׁן" וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְלַהֵב גֶעוָוארְן, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער דֶרֶךְ פוּן צַדִּיקִים וָואס פוּן יֶעדֶע זַאךְ מַאכְן זֵיי תּוֹרָה, הָאט עֶר דָאס פַארְצֵיילְט פַאר זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי וֶוערְטֶער "ווילַאנְג נָאךְ וֶועלְן מִיר עֶסְן נָאר קַאשֶׁע", דָאס הֵייסְט ווילַאנְג וֶועלְן מִיר נָאךְ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים, און דָאס וֶועלְן מִיר עֶסְן... "לָאמִיר שׁוין עֶסְן אַמָאל לָאקְשְׁן" דָאס הֵייסְט לֹא-קַשְׁיָא, מֶען זָאל שׁוין נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דָאס וֶועלְן מִיר עֶסְן...

**אִיךְ** מֵיין אַז דוּ דַארְפְסְט דָאס גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח, ווי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ח) "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת" אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַסַאךְ בְּרָכוֹת, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין רַבֵּינוּ בְּחַיֵי (פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח) קַבָּלָה בְּיַד חֲכָמִים כִּי כָּל הָאוֹמֵר פָּרָשַׁת הַמָּן בְּכָל יוֹם מוּבְטָח לוֹ שֶׁלֹּא יָבֹא לְעוֹלָם לִידֵי חֶסְרוֹן מְזוֹנוֹת; אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן חִידָ"א (נִיצוֹצֵי אוֹרוֹת פֵּירוּשׁ עַל הַזּוֹהַר וַיַּקְהֵל רי"ח) שֶׁיְּכַוֵּון בְּבִרְכַּת הַמָּזוֹן בְּכַוָּונָה וּבְשִׂמְחָה גְדוֹלָה, וְזֶה סְגוּלָה גְּדוֹלָה לְפַּרְנָסָה וּלְהַמְשָׁכַת הַשֶּׁפַע, וְרֶמֶז לְדָבָר (מִשְׁלֵי י') "בִּרְכַּת הַוָיָ"ה הִיא תַעֲשִׁיר" פֵּירוּשׁ מַעֲשִׁיר לִמְבָרֵךְ, אֲבָל מְקַיֵּים סֵיפָא דִקְרָא "וְלֹא יוֹסִיף עֶצֶב עִמָּהּ" דְהַיְינוּ שֶׁיְּבָרֵךְ בְּשִׂמְחָה.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, אַז מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג פָּרָשַׁת הַמָּן און מֶען בֶּענְטְשְׁט עֶרְלִיךְ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִידוּר מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רסה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ג תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז דוּ הָאסְט דַאֲגוֹת וְכוּ' וְכוּ' נָאכְדֶעם וָואס מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגְן אַז אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ", אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט "וֶוער עֶס אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף עֶר גָארְנִישְׁט זָארְגְן נָאר אַ גַאנְץ יָאר זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם" אִיז ווי קוּמְט דָאס אַז דוּ בִּיסְט מִיט דַאֲגוֹת?

**עֶס** אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אַרוּמְגֵיין מִיט דַאֲגוֹת, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חַזַ"ל (סַנְהֶדְרִין ק:) לֹא תַעִיל דַוְיָא בְּלִבָּךְ דְגַבְרֵי גִיבָּרִין קָטַל דַוְיָא; [זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דַיין הַארְץ דַאֲגוֹת, וָוארוּם דִי דַאֲגוֹת הָאבְּן גֶעהַארְגֶעט גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים].

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט, אוּן זָאלְסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין זִיךְ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאֲגָה'ן וָוארוּם וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נָאר תָּלוּי אִין דִי הֶענְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, וָוארוּם עֶר הָאפְט שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אִים נִישְׁט פַארְלָאזְן,

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בִּטָּחוֹן סִימָן ט׳) עַל יְדֵי בִּטָּחוֹן אָדָם נִיצּוֹל מִדַּאֲגָה; אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער נָבִיא (יְשַׁעְיָה יב) "אֶבְטַח וְלֹא אֶפְחָד", אַז מֶען הָאט בִּטָּחוֹן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין פַּחַד אוּן קַיין דַּאֲגוֹת פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, וָוארוּם פַּארְקֶערְט זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד סִימָן כ״ו) עַל יְדֵי דַּאֲגָה בָּא פַּחַד; אֵיינֶער וָואס אִיז פִיל מִיט דַּאֲגוֹת דֶער שְׁרֶעקְט זִיךְ פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

**וְוידֶער** הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם אוֹת עַצְבוּת סִימָן ד׳) עַל יְדֵי דַּאֲגָה בְּלֵב נוֹפֵל עַל הָאָדָם אֵימַת מָוֶת; פוּן צוּפִיל דַּאֲגָה׳ן פַאלְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַרוֹיף אַ פַּחַד אַז עֶר הָאט יֶעדֶע רֶגַע מוֹרָא טָאמֶער עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם דִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְּרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ עֶס אִיז גְרִינְג צוּ זָאגְן דֶעם צְוֵויטְן זַיי פְּרֵיילִיךְ, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳ סִימָן א׳) מִי שֶׁשָּׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ וֶועט עֶר הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

**אוּן** עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ רֶבִּי׳ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, וָואס זָאל עֶר טוּן? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט זָאלְסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, וָוארוּם דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה הַתָּ"ךְ גֵייט אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (דְּבָרִים ט״ז) וְהָיִיתָ׳ אַךְ׳ שָׂמֵחַ׳, הָאט זִיךְ דֶער אִיד אָנְגֶערוּפְן, רֶבִּי, שִׂמְחָה אִיז פַאר מִיר דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, הָאט אִים דֶער רֶבִּי

גֶענְטְפֶערְט "וָואס טוּט מֶען נִישְׁט פַאר פַּרְנָסָה"? מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, וָואס וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער אוֹיף צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ?

**פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן** אַז דוּ זָאגְסְט דוּ דַאֲגָה'סְט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עַצְבוּת סִימָן א') מִי שֶׁלֹּא תִיקֵן חַטְאוֹת נְעוּרִים עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לוֹ דַאֲגוֹת; אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאכְנִישְׁט פַארְרַאכְטְן זַיינֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דַאֲגוֹת. אוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן חַטְאוֹת נְעוּרִים, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, דָאס רֵיינִיגְט אָפּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זִינְד, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, סְ'אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶען יֶעדְן טָאג צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, אוֹיבֶּעט דַארְפְּסְטוּ וִויסְן דָאס מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט זִיךְ גִיסְן אוֹיף דִיר אַ שֶׁפַע מִיט גֶעלְט.

**אוּנְזֶערֶע** לַייט זֶענֶען זִיךְ נוֹהֵג וֶוען זֵיי הָאבְּן דַאֲגוֹת עֶסְן זֵיי אַסַאךְ טֵייטְלֶען, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עַצְבוּת סִימָן ל"ה) תְּמָרִים מְבַטְלִין דַאֲגָה; אַז מֶען עֶסְט טֵייטְלֶען פַאלְט אַוֶועק דִי דַאֲגוֹת. פְּרֶעג אִיךְ דִיר, אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ עֶסְן טֵייטְלֶען?

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער טִיף אִין הַארְצְן אַרַיין, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט אַרוּמְגֵיין דַאֲגָה'ן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ דַאֲגָה'ן אַז סְ'גֵייט דִיךְ אַוֶועק דִי טֶעג פִּיסְט אוּן פַּאר וְכוּ' מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן סְ'אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם "אָדָם דוֹאֵג עַל אִיבּוּד דָמָיו, וְאֵינוֹ דוֹאֵג עַל אִיבּוּד יָמָיו. דָמָיו אֵינָם עוֹזְרִים, יָמָיו אֵינָם חוֹזְרִים" אַ מֶענְטְשׁ דַאֲגָה'ט אוֹיף זַיין גֶעלְט, אוּן דַאֲגָה'ט נִישְׁט אַז עֶר פַארְלִירְט דִי טֶעג מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף וויסְן אַז גֶעלְט וֶועט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן דִי טֶעג וֶועט אִים נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** הֶער אוֹיף צוּ דַאֲגָה'ן אוּן הֵייבּ אָן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ דָאס דוּ בִּיסְט אַ אִיד, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ וֶוערְסְט גֶעבָּארְן אַ גוֹי, עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶענִיצְט, וָואלְסְט גֶעמוּזְט זִיךְ מְגַייר זַיין, אוּן יֶעצְט בִּיסְטוּ גֶעבָּארְן אַ אִיד דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דָאס דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין כִינֶעזֶער וְכוּ' קַיין טֶערְק וְכוּ' אָדֶער אַ גוֹי פוּן אַן אַנְדֶערֶע אוּמָה, וָואס זֵיי עֶסְן צוּזַאם אַלֶע טְרֵיפוֹת וּנְבֵילוֹת, עֶקְלְדִיגֶע שְׁרָצִים וְכוּ'.

**עֶס** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע דָאס יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט עֶר זָאגְן הוֹיךְ דִי בְּרָכוֹת פוּן בִּרְכַּת הַשַּׁחַר אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן אֵיינְמָאל הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי" אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט, נָאר הַיינְט וֶוען אִיךְ

בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן עֶר הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט אַרָאפְּוַוארְפְן אִין אַ עַצְבוּת וְכוּ' וְכוּ', אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", אוּן מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה אַ גַאנְצְן טָאג.

**יֶעצְט** פְרֶעג אִיךְ דִיר, אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רָב זי"ע וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז דִי תְּפִילִין פוּן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אוּן עֶר אִיז דֶער פְּאֵר הַדוֹר וְכוּ' וְכוּ', אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין נָאר מִיט דִי בְּרָכָה פוּן "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי" עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה בְּאֵין עֶרֶךְ דַארְפְסְטוּ מְחַיֶה זַיין זִיךְ מִיט דִי בְּרָכָה, אוּן זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, אוּן דוּ הָאסְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אוֹיף דִיר בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת, אוּן גֵייסְט מִיט צִיצִית, אוּן יֶעדְן טָאג לֵייגְסְטוּ תְּפִילִין, אוּן דוּ הָאסְט אַ מְזוּזָה אוֹיף אַלֶע דַיינֶע טִירְן, אוּן דוּ הִיטְ'סְט שַׁבָּת, אוּן דוּ עֶסְט כָּשֵׁר'ס וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן עֶר הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְּן אַזַא חָשׁוּבֶע וַוייבּ, מִיט אַזֶעלְכֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער, פְרֶעג אִיךְ דִיר, וָואס הָאסְטוּ צוּגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי וֶועלְט אַז דוּ דַארְפְסְט דַאֲגָה'ן?

**דֶער** בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט "וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע, בִּיסְט נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל אֵיין קְרֶעכְץ אַרַיינְגֶעבְּן אִין דִיר".

**אִיךְ** הָאף אַז דִי װערטער װעט דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, און פון קַיין דַאֲגוֹת װעסטו שוין אִין דַיין לֶעבְּן נִישְׁט װיסְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רסו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר מַסְעֵי כ״ד תַּמּוּז ה׳תשע״א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

**אִיךְ** מוז דִיר זָאגְן, דו דַארְפְסְט שוין נֶעמֶען דַיין זוּהְן פַאר פְּרָאפֶעשֶׁענָאל הִילְף וְכוּ׳, הַיינְט קֶען מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אויפְטוּן אויבּ מֶען כַאפְּט עֶס בֶּעצַייטֶענְס, עֶפֶּעס דְרִיקְט דָאס קִינְד זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז עֶר פִירְט זִיךְ אויף אַזוֹי, אויף אַזַא מָאדְנֶעם אוֹפֶן וְכוּ׳ וְכוּ׳, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף דִי הַצְלָחָה פון דִי קִינְדֶער, װָארוּם װָאס תְּפִלָּה טוּט אויף טוּט קַיין שוּם זַאךְ אִין דֶער װעלְט נִישְׁט אויף, וּבִפְרַט װען עֶלְטֶערְן בֶּעטְן אויף דִי הַצְלָחָה פון דִי קִינְדֶער דָאס מַאכְט אַ גְרויסֶע רוֹשֶׁם אִין הִימְל.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ק״ז) הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן; דֶער פָּשׁוּטֶער פְּשַׁט אִיז, דֶער טֶבַע פון קִינְדֶער אִיז, צו שְׁטֶענְדִיג פְרֶעגְן דֶעם טַאטְן אויף יֶעדֶע זַאךְ וְכוּ׳, טַאטִי װָאס אִיז דָאס? און אַ טַאטֶע דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צו דִי קִינְדֶער לויט זֵייעֶר שֵׂכֶל, און אַלֶעס

מַסְבִּיר זַיין, אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף קְלוּגֶע קִינְדֶער, וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט אַלֶע זֵייעֶרֶע קַשְׁיוֹת, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס נַארִישֶׁע זַאכְן, אָבֶּער פַארְן קִינְד אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע קַשְׁיָא, אוּן וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט גֶעדוּלְד אוּן עֶנְטְפֶערְט יֶעדֶע זַאךְ, דֶעמָאלְט אִיז דֶער קִינְד אַ קְלוּג קִינְד, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶע מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער קִינְד פְרֶעגְט אִים שְׁרֵייט עֶר אִים אָן, גֵיי אַוֶועק פוּן דַאנֶעט וְכוּ', פְּרֶעג נִישְׁט קַיין קְלָאץ קַשְׁיוֹת וְכוּ', הֶער שׁוֹין אוֹיף מִיךְ צוּ דִילְדְן וְכוּ', אַוַודַאי וֶועט דֶער קִינְד בְּלַייבְּן אַ שׁוֹטֶה, וָואס הָאט עֶר דֶען גֶעוָואלְט? עֶר אִיז נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד, אוּן וִויל וִויסְן יֶעדֶע זַאךְ, אִיז פַארְוָואס דַארְף מֶען זִיךְ רֶעגְן אוֹיף אִים אוּן אָנְשְׁרֵייעֶן אִים.

**אוּן** מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען קְלַאפְּט אִים אַרָאפּ וְכוּ', אוּן מֶען רוּפְט אִים נָאךְ צוּ-נֶעמֶען וְכוּ', אַזַא טַאטֶע אִיז פָּשׁוּט אַ קְרַאנְקֶע מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר דַארְף גֵיין צוּ פְּרָאפֶעשְׁענָאל הֶעלְף וְכוּ'.

**אַז** וואוּיל אִיז דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, אוּן מֶען בּוֹיעֶט זֵיי אוֹיף, אוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס זֵיי טוּעֶן לוֹיבְּט מֶען אוֹיס, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן קְלוּגֶע קִינְדֶער.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רסז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ד תַּמּוּז ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין טֵייעֶרֶע צַייט, בְּרֶענְגְט נִישְׁט אָן דַיין צַייט מִיט לֵיידִיג גֵיין, וָוארוּם עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַ גְרֶעסֶערֶע אֲבֵידָה ווִי אֲבֵידַת הַזְּמַן, מֶען פַארְלִירְט דִי צַייט וְכוּ'.

**אַ** לֵיידִיג גֵייעֶר דֶער אִיז עָלוּל פַארְפְּלָאנְטֶערְן זִיךְ אִין אַלֶע צָרוֹת, אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי צַייט נֶעמְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קְרִיטִיקִירְט אִיר אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וְכוּ', אוּן אוֹיסְגֶעלָאזְט אִין בֵּית מֶדְרָשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי צַייט, נֶעמְט עֶר זִיךְ אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן ווִי נַאטִירְלִיךְ אִיז קֵיינֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן קְרִיטִיק פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע צָרוֹת, אִיז מִמֵּילָא גֶעבְּט עֶר אִים צוּרִיק מָנֶה אַחַת אַפַּיִם, אוּן נָאכְדֶעם וֵויינְט עֶר אַז אַלֶע רוֹדְפְן אִים וְכוּ', זַיין וַוייבּ אִין שְׁטוּבּ, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דֶער לֵיידִיג גֵייעֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג אִין אַלֶע צָרוֹת, וֶוען עֶר זָאל זַיין פַארְנוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט.

**איבֶּערְדֶעם** גֶעבּ זַייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צַייט, וָוארוּם וֶוען דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דֶעם אֱמֶת'ן יִשׁוּב הַדַעַת וֶועסְטוּ זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין דָאס יֶעדֶע מִינוּט שְׁטַארְבְּט אָפּ דֶער מֶענְטְשׁ, אַ מִינוּט וָואס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וֶועט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ שָׁאד פַּטֶרְן דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן וִוי דֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט "הִזָהֵר מִן הַזְמַן כִּי הוּא אוֹיֵב רַע מְאֹד" גֶעבּ זַייעֶר אַכְטוּנְג פוּן אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג אוּן הָאבְּן צַייט צוּ טְשֶׁעפֶּען יֶעדְן אֵיינֶעם, וָוארוּם אַזַא צַייט אִיז דֶער שְׁלֶעכְטְסְטֶער פֵיינְט פַארְן מֶענְטְשׁ.

**עֶס** אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אוּן תַּרְגוּם, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג בִּיז פְרַייטָאג, וֶועסְטוּ קֶענֶען דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אוּן וֶועסְט הָאבְּן אַ זְכוּת וֶועסְטוּ נָאךְ לֶערְנֶען אוֹיךְ דֶעם אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ מִיט דֶעם רַמְבַּ"ן הַקָדוֹשׁ, וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל קוּמְט מֶען אָן עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן מֶען הָאט אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ מִיוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִיבּוּר. (אוֹרַח חַיִים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג')

**פָּאלְג** מִיר עֶס זָאל נִישְׁט דוּרְכְגֵיין אַ וָואךְ וָואס דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וַוייל וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אִיז נַאר וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, דָאס אִיז בָּרוּר כַּשֶׁמֶשׁ, קְלָאר וִוי דִי זוּן וָואס שַׁיינְט אִינְמִיטְן טָאג.

מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין צוּ וָואס לֵיידִיג גֵיין קֶען בְּרֶענְגְן, ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט.) הַבַּטָלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם (שִׁגָּעוֹן) וְלִידֵי זִימָה; אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פַּארְנוּמֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ', זַיין מוֹחַ אִיז שְׁטֶענְדִיג פַּארְנוּמֶען, אִיבֶּערְדֶעם הֶער אוֹיף אַרוּמְצוּגֵיין פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, אוּן טְשֶׁעפֶּע דִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, וֶועט זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען מִיט דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רסה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ד תַּמּוּז ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבַּחוּרִים הַיְקָרִים לִי מְאֹד ... נֵרָם יָאִיר וְיִזְרַח**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיוו.**

עֶמִיץ דַארְפְטְס וויסְן דָאס דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אִידִישְׁקֵייט הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען אִיז אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן ע"ג) הָעֲבוֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּבַחֲרוּתוֹ, כָּל יוֹם עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ; דָאס הֵייסְט וֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר דִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין דֶער יוּגְנְט, יֶעדֶער טָאג אִיז מֶער וֶוערְד ווי עֶטְלִיכֶע יָאר וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ, וָוארוּם וֶוען עֶר

אִיז נָאךְ יוּנְג אִיז אִים דֶער מֹחַ רֵיין, אוּן עֶר קֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ שָׁאד אָנְצִיוֶוערְן דִי יוּנְגֶע יָארְן.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קנב:) יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַורְדָא; דֶער עִיקָר שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ בְּלוּם אִיז וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג, אַזוֹי אוֹיכֶעט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר קֶען קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן אוֹיבּ עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן; גֶעוֶוענְדְלִיךְ וֶוען מֶען אִיז יוּנְג לָאזְט מֶען זִיךְ זֵייעֶר נַארְן, אוּן דֶער עִיקָר וָואס מֶען נַארְט זִיךְ אִיז אִין סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַ יוּנְגֶער בָּחוּר דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן לֶערְנֶען קְלָאר יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, דָאס בְּרֶענְגְט אַרֵיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוען עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת זָאל עֶר אוֹיכֶעט לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, הַיינְט אִיז דָא אַזוֹיפִיל פֵּירוּשִׁים אוֹיף אִידִישׁ, הֵן אוֹיף חוּמָשׁ, אוּן הֵן אוֹיף מִשְׁנָיוֹת, וֶוען מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער קֶען מֶען חַזֶרְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, וָוארוּם מֶען הָאט אִין דִי יוּגְנְט אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט בְּעִיוּן, וָואס דָאס מֵיינְט צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, אַזוֹי אוֹיכֶעט גְמָרָא, הַיינְט אִיז דָא אַזוֹיפִיל פֵּירוּשִׁים וָואס זֵיי זֶענֶען מְפָרֵשׁ יֶעדֶע שְׁטִיקְל גְמָרָא.

**אִיבֶּערְדֶעם** וֶוען אַ בָּחוּר אִיז נָאךְ זֵייעֶר יוּנְג, דַארְף עֶר זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן דֶעם גַאנְצְן קָאפּ אִין גְמָרָא, אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר דַארְף אִיבֶּערְטַייטְשְׁן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף אִידִישׁ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ח) דָאס יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט זָאל עֶר עֶס אִיבֶּערְטַייטְשְׁן פַאר זִיךְ אוֹיף אִידִישׁ, אוּן דָאס אִיז אַ טוֹבָה פַאר אִים אוּן אַ טוֹבָה פַאר דִי וֶועלְט וְכוּ' עַיֵין שָׁם.

**זְוִיסְן** דַארְפְט עֶטְץ ווִיסְן דָאס מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין גָאוֹן אִין אֵיין טָאג אוּן אִין אֵיין מָאל, נָאר מֶען דַארְף לֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, מִיט רַשִׁ"י, אוּן דָאס אִיבֶּערְחַזֶּרְן אַפָּאר מָאל, אוּן מִשְׁתַּדֵל זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער ווִי אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט, אוּן וָואס דִי גְמָרָא פְרֶעגְט, אוּן וָואס דִי גְמָרָא עֶנְטְפֶערְט, וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין גוּט דֶעם שְׁטִיקְל גְמָרָא וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט גֵייט מֶען צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטִיקְל, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ, אוּן לַאנְגְזַאם עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דֶער קָאפּ, אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט וָואס מֶען לֶערְנְט.

**עֶטְץ** לֶערְנְטְס יֶעצְט אִין יְשִׁיבָה מַסֶכֶת בָּבָא קַמָא פֶּרֶק הַמַנִיחַ, דַארְפְט עֶטְץ זֶען קוֹדֶם לֶערְנֶען דִי מִשְׁנָה, אוּן דָאס אִיבֶּערְחַזֶּרְן, אוּן אוֹיסְמָאלְן פַאר זִיךְ וָואס דֶער תַּנָא זָאגְט, אוּן נָאכְדֶעם אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, אוּן חַזֶּרְן אוֹיף דֶעם אַסַאךְ מָאל, וֶועט עֶטְץ זֶען אַז

עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער, אוּן אַדְּרַבָּה אִיר וֶועט הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגְן פַאַרְגֶענִיגְן וֶוען אִיר וֶועט פַאַרְשְׁטֵיין וָואס אִיר לֶערְנְט, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶטְץ אוֹיבֶּעט אִיבֶּערְחַזֶרְן דִי רַשִׁ"י אוּן לֶערְנֶען אַ תּוֹסְפוֹת אוּן נָאךְ אַ תּוֹסְפוֹת, וֶועט עֶטְץ זֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער, אַזוֹי וֶועט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן.

**"בְּעִיּוּן** מֵיינְט פָּשׁוּט צוּ פַאַרְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט", דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאַרְשְׁטֵייט וָואס עֶר לֶערְנְט, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"א) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוּן עֶר פַאַרְשְׁטֵייט וָואס עֶר לֶערְנְט, לַייכְט אִים עֶס אוֹיף דִי מֹחַ, אוּן עֶס וֶוערְט פוּן אִים אַוֶועקְגֶעטוּן אַלֶע תַּאֲווֹת.

**אִיךְ** הָאבּ אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין יַבְנְאֵל, קִינְדֶער וָואס זֵיי זֶענֶען יֶעצְט בַּר מִצְוָה גֶעוָוארְן לֶערְנֶען אוֹיבֶּעט פֶּרֶק הַמַּנִּיחַ, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶועֶן פַאר אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַאַרְהֶערְט זֶעקְס אוּן דְרֵייסִיג בַּר מִצְוָה אִינְגְלֶעךְ דֶעם גַאנְצְן פֶּרֶק אוֹיסֶענְוֶוייניג, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעלֶערְנְט אַזוֹי קְלָאר אוּן פַאַרְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט.

**דָאס** עִנְיָן פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס דַארְף מֶען טוּן אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט אַנְשְׁטָאט אַרוּמְצוּבָּארְדֶענֶען וְכוּ', אוּן אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג וְכוּ', אוּן חַבְרְן זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וְכוּ', אִיז

בֶּעסֶער זִיצְן און זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת און בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אָבֶער דֶער עִיקֶר אִיז פַאר אַ יוּנְגֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען חוּמָש מִיט רַשִׁ"י, און מִשְׁנַיוֹת, און גְמָרָא, בְּעִיוּן, דָאס הֵייסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

**אֵיינְמָאל** מֶען קֶען שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען אִיז עוֹסֵק בְּגִירְסָא זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת און דַפִּין גְמָרָא הָאט דָאס אַן אַנְדֶער טַעַם און אַן אַנְדֶערֶע גֶעפִיל, וָוארוּם אִיךְ פַארְשְׁטֵיי שׁוֹין וָואס אִיךְ זָאג, אָבֶער אֵיידֶער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי וָואס אִיךְ זָאג וְכוּ' הָאט דָאס נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְט אִיר זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן מֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיר לֶערְנְט, אַ בָּחוּר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁוַואכְן קָאפּ וְכוּ', עֶר הָאט נָאר אַ שְׁוַואכְן רָצוֹן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקֶר אִיז 'וֶועלֶען', אַז מֶען וויל קֶען מֶען, מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן אִיךְ קֶען נִישְׁט, זָאג אִיךְ וויל נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ נִישְׁט קֶענֶען, מֶען דַארְף נָאר וֶועלְן, קֶען מֶען.

**הַיינְט** אִיז דָא גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וְכוּ', און זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען לֵיידֶער זֵייעֶר וַוייט פוּן אִידִישְׁקַייט, פַאר זֵיי אִיז זֵייעֶר גוּט דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, וְכוּ', וְכוּ', אָבֶער אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס אִיז אִין דִי יָארְן פוּן בַּר מִצְוָה, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע

יָארְן וָואס מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, מֶען דַארְף נָאר וֶועלְן, אוּן קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף עֶנְדִיגְן אִין אֵיין מָאל אַלֶעס.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא פִּנְחָס י"א) לָמָּה נִמְשְׁלָה תּוֹרָה לִתְאֵנָה שֶׁרוֹב הָאִילָנוֹת הַזַּיִת וְהַגֶּפֶן וְהַתְּמָרָה נִלְקָטִין כְּאֶחָד וְהַתְּאֵנָה נִלְקֶטֶת מְעַט מְעַט וְכַךְ הַתּוֹרָה הַיּוֹם לוֹמֵד מְעַט וּלְמָחָר הַרְבֵּה לְפִי שֶׁאֵינָהּ מִתְלַמֶּדֶת לֹא בְּשָׁנָה וְלֹא בִּשְׁתַּיִם; [פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכֶנְט צוּ אַ פַייגְן בּוֹים, וָוארוּם כִּמְעַט אַלֶע בֵּיימֶער ווִי אֵיילְבִּירְטְן אוּן טְרוֹיבְּן אוּן טֵייטְלֶען וֶוען מֶען קוּמְט דָאס אָפְּצוּרַייסְן נֶעמְט מֶען עֶס אוֹיף אֵיין מָאל, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אַ פַייגְן בּוֹים וַואקְסְט נִישְׁט אוֹיף אֵיין מָאל, אִיז מִמֵּילָא קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי פַייגְן פוּן בּוֹים אוֹיף אֵיין מָאל, נָאר הַיינְט נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַבִּיסְל, אוּן מָארְגְן אַבִּיסְל, בִּיז מֶען הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַלֶע פַייגְן פוּן בּוֹים. אַזוֹי אוֹיכֶעט דִי תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען אִין אֵיין טָאג, הַיינְט לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל, אוּן מֶען חַזֶר'ט עֶס אִיבֶּער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז מֶען פַארְשְׁטֵייט, אוּן מָארְגְן לֶערְנְט מֶען נָאךְ אַבִּיסְל, אוּן מֶען חַזֶר'ט עֶס אִיבֶּער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז מֶען פַארְשְׁטֵייט, אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דֶער קָאפּ אוּן מֶען זֶעט ווִי זִיס דִי תּוֹרָה אִיז].

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ אִיךְ עֶנְק אַ עֵצָה אִיר זָאלְט גֵיין אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס מֶען לֶערְנְט בְּעִיּוּן, דָאס הֵייסְט

צו פַארְשְׁטֵיין, און עֶטְץ קֶענְטְס פַארְשְׁטֵיין אויב עֶטְץ וֶועטְס וֶועלְן, קֵיינֶער הֵייסְט עֶנְק נִישְׁט אויף אֵיין מָאל צו לֶערְנֶען אַפָּאר דַפִּין און נִישְׁט צו פַארְשְׁטֵיין וְכו׳, מֶען דַארְף לֶערְנֶען אַבִּיסְל, און פַארְשְׁטֵיין, און נָאכְדֶעם נָאךְ אַבִּיסְל און פַארְשְׁטֵיין, און אויף אַזַא אופָן וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג וֶועט עֶטְץ זֶען אַז עֶטְץ הָאטְס גוּטֶע קֶעפְּלֶעךְ, און עֶטְץ קֶענְטְס פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיר לֶערְנְט, און אֵיינְמָאל עֶטְץ וֶועט זִיךְ אויסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶועט עֶטְץ קֶענֶען נָאכְדֶעם חַזֶרְן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא.

דִי גְרוֹיסֶע כִּיתָה בַּיי מִיר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא דֶעם "דַף הַיוֹמִי" און זֵיי חַזֶרְן עֶס אִיבֶּער אַסַאךְ מָאל, און סוֹף וָואךְ הָאבְּן זֵיי אַ פַארְהֶער, אַ בְּחִינָה, און כִּמְעַט אַלֶע בַּאקומֶען אַ אויסְצֵייכֶענוּנְג אַ הוּנְדֶערְט, דֶער שְׁוַואכְסְטֶער בַּאקומְט דְרֵיי און נַיינְצִיג, דָאס קֶען מֶען קומֶען און זֶען וִוי אַזוֹי זֵיי לֶערְנֶען און וִוי אַזוֹי זֵיי חַזֶרְן, און זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צופְרִידְן, און אויף אַזַא אופָן וֶוערְן זֵיי גָאר יוּנְג אַנְטְוויקְלְט, זֵיי קֶענֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין גוּט דִי גְמָרָא, מַאכְן זֵיי זִיךְ אַ סֵדֶר אִין זָאגְן אַסַאךְ דַפִּין לִבְקִיאוּת, אָבֶּער קוֹדֶם אִיז דֶער עִיקָר דָגוּשׁ פַאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר עֶר זָאל לֶערְנֶען בְּעִיוּן, וָואס דָאס מֵיינְט פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, און קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ.

**בָּאטְשֶׁע** אִיךְ בִּין דֶער וָואס הָאט מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן לֶערְנֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן גֶעלֶערְנְט רוֹב שַׁ"ס מִיט פַּארְשְׁטֵיין, מַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא מִיט רַשִׁ"י אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין "עַיֵּין מִשְׁפָּט" דָאס אִיז צִיּוּנִים אָנְצֵייכֶענוּנְגֶען אוֹיף דִי שְׁטִיקְל גְמָרָא וָואס דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אוֹיף דֶעם, אוּן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין טוּר אוּן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹיף דֶעם, דָאס הֵייסְט מִיט דִי שְׁטִיקְל גְמָרָא וָואס מֶען הָאט יֶעצְט גֶעלֶערְנְט דַארְף מֶען זֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֲלָכָה פוּן דִי גְמָרָא, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס פַאר זִיךְ פַּארְשְׁרִיבְּן, אוּן אַזוֹי הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מוֹרָא'דִיגְן חֵשֶׁק מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, אוּן אַלֶעס אוֹיפְשְׁרַייבְּן דֶעם רַמְבַּ"ם פוּן וִוי עֶר נֶעמְט דָאס, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבּ אִיךְ נָאכְגֶעקוּקְט אַלֶע מְפוֹרְשִׁים אוֹיפְן רַמְבַּ"ם, אוּן אִיךְ בִּין שְׁטֶענְדִיג גֶעוָואר גֶעוָוארְן נַייעֶ יְדִיעוֹת.

זַייעֶר אַסַאךְ מָאל אִיז דֶער רַמְבַּ"ם מְשַׁנֶּה דִי לָשׁוֹן פוּן דִי גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז זַייעֶר אַ פַּארְוואוּנְדֶערוּנְג, וִוי קֶען דֶער רַמְבַּ"ם מְשַׁנֶּה זַיין דֶעם לָשׁוֹן פוּן דִי גְמָרָא, אוּן אוֹיף דֶעם אִיז דָא פֵּירוּשִׁים, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגְן זִיסְקַייט אִין לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם טוּר אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ וָואס הָאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ דִי גְמָרָא וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעלֶערְנְט, וָואס דֶער "עַיֵּין מִשְׁפָּט" בְּרֶענְגְט אַרָאפּ, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס פַּארְצֵייכְנְט,

און עֶס אִיז מִיר שְׁטֶעְנְדִיג אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זֶען און צוּ וִויסְן און צוּ פַארְשְׁטֵיין נֵייעֶ זַאכְן, און דָאס הָאט מִיר אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ גֶעוַואלְדִיגְן חֵשֶׁק אוֹיף לִימוּד הַתּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן כִּמְעַט אוֹיף רוֹב שַׁ"ס דַף אוֹיף דַף דֶעם רַמְבַּ"ם מִיטְן טוּר און שׁוּלְחָן עָרוּךְ, נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ עֶס פַארְבְּרֶענְט וְכוּ', וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אַז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ פַאר דִי חֲתוּנָה אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ דְרִיקְן, אָבֶער אִיךְ מִיז עֶנְק זָאגְן עַד הַיּוֹם הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה אוֹיף דֶעם, וָוארוּם סְ'אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, און דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַ חֵשֶׁק צוּבִּיסְלֶעךְ צוּ קוֹיפְן אַלֶע סְפָרִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַ מַסֶכְתָּא הָאבּ אִיךְ גֶעקוֹיפְט אַלֶע מְפוֹרְשִׁים וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶעם מַסֶכֶת, און וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט דֶעם רַמְבַּ"ם אוֹיף דֶעם דַף גְמָרָא, הָאבּ אִיךְ גֶעקוֹיפְט אַלֶע מְפוֹרְשֵׁי הָרַמְבַּ"ם, כְּדֵי צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רַמְבַּ"ם וִויל, און אַזוֹי אוֹיכֶעט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט טוּר און שׁוּלְחָן עָרוּךְ, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוֹיפְן אַלֶע סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטְרֶעסַאנְט צוּ וִויסְן וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֲלָכָה אוֹיף דֶעם עִנְיָן און אוֹיף יֶענֶעם עִנְיָן.

אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ סֵפֶר מִיטְן נָאמֶען "לִקּוּטֵי תְּשׁוּבוֹת" אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ הָאבּ אִיךְ צוּגֶעצֵייכְנְט און אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פוּן סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת

וָואס הָאט אַ שַׁייכוּת צוּ דִי הֲלָכָה, אוּן עֶס לִיגְט בַּיי מִיר אַוֶועקְגֶעלֵייגְט וַוייל אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס אֵיינֶער הָאט שׁוֹין מִיךְ מַקְדִים גֶעוֶוען אִין גֶעשְׁרִיבְּן אַזַא סֵפֶר.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ דָאס עֶנְק דִי אַלֶע זַאכְן כְּדֵי אַייךְ מַסְבִּיר צוּ זַיין ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר פוּן פוּפְצְן אַ הַאלְבּ יָאר הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ח') וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אֲפִילוּ פָּשׁוּט פְּשַׁט אִין אַ מִשְׁנָה, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, נָאר עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס אַזַא חִידוּשׁ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען, וָואס עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְּן אַלֶע גֶעפַאלֶענֶע אוּן צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, אוּן זֵיי צוּרִיקְבְּרֶענְגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן קֶען אִין זֵיי אַרַיינְלֵייגְן אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה רַבָּה, וָוארוּם דָאס הֵייסְט אַ אֶמֶת'ר בְּרֶסְלֶבֶ'ר חָסִיד וָואס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**עֶס** אִיז עֶנְק כְּדַאי אִיבֶּערְצוּקוּקֶען דִי עֶרְשְׁטֶע סְעִיפִים אִין סֵפֶר שִׁבְחֵי הָרַ"ן, וֶועט אִיר זֶען ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

הָאט זִיךְ מִתְיַיגֵעַ גֶעוֶוען אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגֶעל הָאט עֶר בַּאקוּמֶען גֶעלְט פוּן זַיין מַאמֶען דִי צַדֶקֶת פֵיגָא עֶר זָאל קֶענֶען קוֹיפְן נַאשֶׁעַרַיי אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע גֶעבְּט פַּאר אַ קִינְד, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט עֶנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט דָאס דֶער מְלַמֵד זָאל מִיט אִים לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא אוּן אִים מַאכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן אוֹיף יֶעדְן דַף וָואס דֶער מְלַמֵד הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט הָאט עֶר אִים בַּאצָאלְט דְרַיי מַטְבֵּעוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעוֶוען אַ אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דִי גֶעלְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אַ דַף מִיט נָאךְ אַ דַף, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעגֶעבְּן אוֹיף יֶעדְן דַף דְרַיי מַטְבֵּעוֹת.

**בִּיז** דֶער מְלַמֵד הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען מֶער, כָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן דִי גֶעלְט וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, אָבֶער עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט, מָארְגְן אִיז נָאךְ אַ טָאג, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן רוֹב תְּשׁוּקָה צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ אִים 'לֶערְנְט מִיט מִיר נָאךְ אֵיין דַף', הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִיט אִים נָאךְ אַ דַף, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ מֶער, מָארְגְן וֶועלְן מִיר מַמְשִׁיךְ זַיין, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט

'איך בעט אייך נאך איין דף לערנט מיט מיר און איך וועל אייך שוין אפּלאזן' און אזוי האט ער נאך אפּאר דפּין אריינגעכאפּט, און דאס האט דער היילינגער רבי געטון ווען ער איז נאך געווען א קליין אינגל פון זיבן יאר.

**הלוואי** עטץ וואס עטץ זענטם יונגע בחורים פון פופצן יאר, זאלט איר נעמען א מגיד שיעור א פּריוואטע מלמד וואס וועט אייך אויסלערנען ווי אזוי מען לערנט גמרא, איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס פאר א פארגעניגן איר וועט האבן, און לאזט זיך נישט איינרעדן אנדערש, ווארום געלויבט דעם בורא כל עולמים עס איז שוין דא זעקס און פופציג יאר וואס איך בין מקורב צום היילינגן רבי'ן און איך זעה אז נאר דאס איז דער אמת'ן וועג פאר יונגע בחורים וואס זיי ווילן שטייגן אין לעבן, אוודאי זאגן אסאך פּרקים משניות און אסאך דפּין גמרא איז א גרויסע זאך, אבער קודם דארף מען פארשטיין די יסודות פון משניות און גמרא, און נאכדעם וועט זיך ענק עפענען די קאפּ און איר וועט וועלן שטענדיג לערנען.

**גייט** נישט לערנען אין א ישיבה וואס עס איז דארטן דא בחורים וואס האלטן נישט ביים לערנען, זיי רייכערען צוגערעטלעך, וואס אויף דעם האט דער היילינגער רבי זייער מקפּיד געווען, ווי קען מען זיך רופן א ברסלב'ר בחור ווען מען רייכערט א ציגערעטל, בשעת דער רבי האט אויף דעם זייער מקפּיד געווען.

**אוֹיבֶעט** דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה סִימָן א׳) מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִיבּוּל פֶּה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחְשֶׁבֶת אָוֶן; דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט דָאס טְרַאכְט עֶר, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען הֶערְט אַ בָּחוּר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְדָארְבְּן, און פוּן דֶעם בָּחוּר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר הִיטְן, וָוארוּם אַזוֹי ווִי אֵיינֶער הָאט אַ אָנְשְׁטֶעקִיגֶע קְרֶענְק וְכוּ׳, און עֶס אִיז אַ סַכָּנָה צוּ שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים וַוייל מֶען קֶען אוֹיבֶעט אָנְגֶעשְׁטֶעקְט ווֶערְן מִיט דִי קְרֶענְק וְכוּ׳, אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן בָּחוּרִים וָואס זֵיי רֵייכֶערְן וְכוּ׳, און רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה וְכוּ׳, און זִינְגֶען ווִי גוֹיִם וְכוּ׳, און פִירְן זִיךְ אוֹיף אַ לֶעבְּן פוּן הֶפְקֵירוּת וְכוּ׳, עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִי בָּחוּרִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** עֶטְץ זֶענְטְס יוּנְגֶע בָּחוּרִים, וָואס דַארְפְט אִיר גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס אִיז דָא פַארְדָארְבֶּענֶע בָּחוּרִים? אֲפִילוּ זֵיי ווִילְן יֶעצְט ווֶערְן בֶּעסֶער וְכוּ׳, אָבֶער עֶס אִיז מֶער זִיכֶער אַז אִיר ווֶעט אַרָאפְּפַאלְן וְכוּ׳, ווִי אֵיידֶער זֵיי ווֶעלְן אַייךְ אוֹיפְהֵייבְּן וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעב אִיךְ עֶנְק אַ עֵצָה, בְּלַייבְּט אִין יְשִׁיבָה ווִי אִיר לֶערְנְט, און אִיךְ ווֶעל בֶּעטְן אֵייעֶר פָאטֶער עֶר זָאל עֶנְק דִינְגֶען אַ פְּרִיוַואטֶע מְלַמֵּד וָואס ווֶעט מִיט עֶנְק לֶערְנֶען צוּבִּיסְלֶעךְ אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא בִּיז אִיר ווֶעט פַארְשְׁטֵיין, און נָאכְדֶעם נָאךְ אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא וְכוּ׳ וְכוּ׳, בִּיז

אִיר וֶועט זֶען אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁוַואכְן קָאפּ, אִיר הָאט אַ גוּטְן הַבָנָה, אוּן עֶס אִיז אַזַא שָׁאד צוּ פַּטֶרְן דִי יוּנְגֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן.

**אִיךְ** הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר פָּאלְגְן, וֶועט עֶנְק גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט וָוארוּם אִיר וֶועט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וָואס דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען אָפֶען פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רסט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ז תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה אַזַא טַייעֶרֶע וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ', וָואס בֶּאֱמֶת לוֹיט דַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' וְכוּ', וָואלְסְטוּ נִישְׁט רָאוּי גֶעוֶוען צוּ אַזַא וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם דַיין הִתְנַהֲגוּת דַיין אוֹיפְפִירוּנְג אִיז ווִי אַ מְשׁוּגָענֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער, וַוייל דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') קוּמְט אוֹיס לוֹיט דֶעם, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועדְלִיג זַיינֶע זִינְד הָאט עֶר אִין זִיךְ אַ

גֶעווִיסֶע גְרַאד שִׁגָעוֹן, עֶר טוּט מְשׁוּגֶעֶנֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דוּ בִּיסְט אֵיינֶער פוּן זֵיי.

**אֵיידֶער** דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט, אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר מַסְבִּיר גֶעוֶוען וָואס הֵייסְט תְּשׁוּבָה וְכוּ', אוּן ווִי גְרוֹיס תְּשׁוּבָה אִיז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אוּן דוּ הָאסְט מִיר צוּגֶעזָאגְט אַז אַלֶעס וֶועט שׁוֹין זַיין גוּט וְכוּ', אוּן צוּם סוֹף הָאסְטוּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן עֶר הָאט דִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען אַ לֶעבְּטִיג זִיס אִינְגֶעלֶע, אוּן צוּם סוֹף גֵייסְטוּ צוּרִיק צוּ דַיינֶע פַארְדָארְבֶּענֶע מַעֲשִׂים וְכוּ', אוּן דוּ פְרֶעגְסְט מִיר אַן עֵצָה ווִיאַזוֹי מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם?

**דֶער** אֱמֶת'ן אִיז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"י) דָאס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הֵייסְט בְּחִירָה? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעְנְטְפֶערְט, בְּחִירָה מֵיינְט פָּשׁוּט, אַז מֶען ווִיל טוּט מֶען אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט טוּט מֶען נִישְׁט, שְׁרַייבְּט דָארְטְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל, אִיךְ הָאבּ דָאס פַארְצֵייכְנְט וָוארוּם דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע יְדִיעָה, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי מֵיינֶען אַז אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעבַאפְּט גֶעוָוארְן אִין שְׁלֶעכְט וֶועלְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט

גֶעזָאגְט, אַז מֶען וויל טוט מֶען און אַז מֶען ווִיל נִישְׁט טוט מֶען נִישְׁט.

**זָאג** אִיךְ דִיר, וֶועסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין און דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן און וֶועסְט זֶען אַז דַיין ווַייבּ וֶועט גֵיין מִיט דִיר בִּיזְן סוֹף, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַ אוֹיבֶּער חָכָם און דוּ וֶועסְט זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעפַּאנְגֶען אִין דִי הֶענְט פוּן סַמֶ"ךְ מֶ"ם און דוּ קֶענְסְט פוּן דָארְטְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין וְכוּ', מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אַז עֶס וֶועט זַיין אַ גֶט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אִיבֶּערְדֶעם בַּארֶעכְן זִיךְ זֵייעֶר גוּט וְכוּ', אֵיידֶער סְ'וֶועט קוּמֶען אַ אוּמְגְלִיק בַּיי עֶנְקֶער צוּזַאמֶען-לֶעבְּן.

**סְ'אִיז** אַ גְרוֹיסֶער שָׁאד, נָאכְדֶעם וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן און עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים, זָאלְסְטוּ כִּבְיָכוֹל צוּרִיק שְׁפֵּייעֶן אִין פָּנִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, און צוּרִיק גֵיין צוּ דַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ מוּז דִיר דָאס שְׁרַייבְּן, ווַייל אִיךְ זֶעה דָאס אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט וֶועט זַיין אַ קַאטַאסְטְרָאפֶּע אִין דַיין צוּזַאמֶען-לֶעבְּן, און דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶן אַ גֶט.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין קְרִיצְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר מִיט בְּלוּט, אִין דַיין פַארְשְׁטָאפְּטְן הַארְץ.

**הַמְּאַחֵל לְךָ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה**

# ער

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ז תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֵיינְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"ט) מְסוּגָל יוֹתֵר לְבָנִים, לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם. לְבִלְתִּי לִהְיוֹת דָבוּק בָּהֶם לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם. רַק לְבִלְתִּי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלַל; דָאס הֵייסְט עֶס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער אַז מֶען לֶעטְשְׁקֶעט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי אַזוֹי וְכוּ', אוּן מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי וְכוּ'.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, עֶס אִיז דָא אַ כְּלַל, אוּן עֶס אִיז דָא אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלָל. אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען קִינְדֶער מְקָרֵב זַיין, וּבִפְרַט אוּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דִי גַאסְן זֶענֶען הֶפְקֶר, אוּן עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם לֵיידִיג-גֵייעֶרְס, פּוּסְטֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ קַיין שׁוּם תּוֹכְן נִישְׁט, דַארְף דֶער טַאטֶע זֶען אָנְצוּבִּינְדֶען מִיט זַיין זוּהְן אַ פְּנִימִיּוּת'דִיגֶער קֶשֶׁר וָואס דֶער קִינְד זָאל הָאבְּן צוּטְרוֹי צוּם טַאטְן, אוּן זָאל זִיךְ קֶענֶען מִיט אִים דוּרְכְשְׁמוּעסְן יֶעדֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט מִיט אַ קִינְד דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, אוּן דָאס הָאט אַ קִינְד לִיבּ, אַז מֶען בּוֹיעֶט אִים אוֹיף, אוּן מֶען בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט אִים אוּן

מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף מִיט אִים פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם קִינְד, אוּן עֶר וֶוערְט זֶעלְבְּסְשְׁטֶענְדִיג, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר הַצְלָחָה אִין זַיין צוּקוּנְפְטֶער לֶעבְּן, מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען טְשַׁאטְשְׁקֶעט זִיךְ מִיטְן קִינְד וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי מִיט אַ בֶּעבִּי, אוּן מֶען קִישְׁט אִים אַלְץ אוּן מֶען הַאלְדְזְט אִים אַלְץ, אוּן מֶען בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט אִים וִוי מִיט אַ קְלֵיין קִינְד, בְּלַייבְּט עֶר מִיט אַ קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל.

אוּן דָאס אִיז דֶער כְּלַל, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט קִישְׁן אוּן הַאלְדְזְן דָאס קִינְד, אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים לִיבּ, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מִיט אַ קִישׁ אָדֶער מִיט אַ גְלֶעט הָאט מֶען אִים לִיבּ, אַדְרַבָּה מֶען מַאכְט אִים עֶר זָאל בְּלַייבְּן אַ בֶּעבִּי, אַ שֵׂכֶל פוּן אַ קְלֵיין קִינְד. דֶער יוֹצֵא מִן הַכְּלַל אִיז אַז מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט אַ קִינְד אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶעם אוּן אִים מַסְבִּיר זַיין יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מַסְבִּיר אַ גְרוֹיסְן פַארְשְׁטֶענְדְלִיכְן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם שֵׂכֶל פוּן קִינְד.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ״ל וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן אוֹיף דִי שִׂיחָה דֶעם לָשׁוֹן, ״מֶען קִישְׁט נִישְׁט אוּן מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט״ אַ קִינְד, אוּן עֶר הָאט עֶרְקְלֶערְט דֶעם מֵיינוּנְג פוּן דִי וֶוערְטֶער, דָאס אַז מֶען קִישְׁט צוּפִיל אַ קִינְד וֶוערְט עֶר צֶעוִוילְדֶעוֶועט אוּן מֶען דַארְף אִים נָאכְדֶעם שְׁלָאגְן עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי ווִילְד.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען לְכַתְחִילָה נִישְׁט קִישְׁן, וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין ווילְד, עֶר וֶועט הָאבְּן יִרְאָה אוּן פַּחַד פוּן טַאטְן, אוּן מֶען וֶועט אִים נִישְׁט דַארְפְן שְׁלָאגְן.

דִי צְווייטֶע שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר, וָואס דוּ הָאסְט גֶעזֶען אִין אַ סֵפֶר וָואס כְּלוֹמֶרְ'שְׁט דַארְף דָאס זַיין פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אַז קוֹדֶם דִי עֲבֵירָה אִיז דָא אַ בְּחִירָה וְכוּ', אוּן נָאךְ דִי עֲבֵירָה דַארְף עֶר ווִיסְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הַשְׁגָּחָה וְכוּ', מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן דָאס אוֹיף דֶעם סֵפֶר אִיז לַאו מַר בַּר רַב אַשִׁי חָתִים עֲלֵיהּ, דָאס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה פוּן אֵיינֶע פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס דִי מַפִּיצִים פַארְפְּלֵייצְן.

**אָבֶּער** דֶער עֶצֶם זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דָאס אִיז פַארְבִּינְדֶען מִיט מוֹרָא'דִיגֶע כְּפִירוֹת אוּן הֵיפֶךְ דַעַת רַבֵּינוּ ז"ל, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"י) דָאס דִי בְּחִירָה אִיז פָּשׁוּט, "אַז מֶען ווִיל טוּט מֶען, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט טוּט מֶען נִישְׁט" אִיז וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַזַא זַאךְ, קוֹדֶם אִיז גֶעוֶועןְ בְּחִירָה אִין נָאכְדֶעם אִיז דָא הַשְׁגָּחָה? עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז דִי יְדִיעָה אוּן בְּחִירָה אִיז זִיךְ סוֹתֵר אוּן אַ מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, וָוארוּם פוּן אֵיין זַייט מוּז מֶען זָאגְן אַז אַלֶעס אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בְּחִירָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, דָאס

זַייעֶר אַסַאךְ זֶענֶען אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקַייט, ווַייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי זַאךְ פוּן יְדִיעָה אוּן בְּחִירָה.

אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ד) אַז דָאס אִיז דֶער חָלָל הַפָּנוּי, מֶען מוּז הָאבְּן יָא, וָואס דָאס אִיז הַשְׁגָחָה, אוּן מֶען מִיז הָאבְּן נֵיין, וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִירָה, (אִין דֶעם אִיז דָא אַ טִיפְן שְׁמוּעֶס וָואס אִיז שְׁוֶוער אָפְּצוּשְׁרַייבְּן עַל פְּנֵי הַכְּתַב).

עַל כָּל פָּנִים מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן אַזַא זַאךְ אַז דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז הַשְׁגָחָה, דָאס אִיז כְּפִירָה גְמוּרָה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, דָאס אִיז דִי דֵיעוֹת פוּן דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים.

נֶעם צוּם בַּיישְׁפִּיל, מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מַלְכוּת הַמִינוּת אַקֶעגְן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען רַייסְט אוֹיס אֲפִילוּ דִי פִּינְטֶעלֶע אֱמוּנָה פוּן מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מֶען אִיז זֵיי מַעֲבִיר עַל הַדָת, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שַׁבָּת, קַיין שׁוּם מִצְווֹת, נִישְׁט קַיין צִיצִית, נִישְׁט קַיין תְּפִילִין וְכוּ' וְכוּ', מֶען אִיז מַאֲכִיל טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, בְּשַׂר הַחֲזִיר, אוּן בְּשַׂר הַשְׁפַנִים, וְכוּ', וְכוּ', וָואס זֵיי פְרֶעסְן צְווַאם, גְלֵייבְּן אִין גָארְנִישְׁט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, נֶעמֶען אַרוֹיס מֵתִים פוּן דִי קְבָרִים וְכוּ' וְכוּ', אַלֶע תּוֹעֵבוֹת רָעוֹת וָואס זֵיי טוּעֶן נָאר וְכוּ' וְכוּ', קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף אַזַא מַלְכוּת הַמִינוּת, עֶס אִיז דָאךְ דָא הַשְׁגָחָה אוּן בְּוַודַאי הָאט מֶען אַזוֹי גֶעוָואלְט פוּן הִימְל? (ווִי רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעכַאפְּט

גֶעוָואֹרְן אִין דֶעם טָעוּת וָואס נֶעבֶּעךְ דֶער טָעוּת אִיז הוֹילֶע כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת).

זִוי קֶען אַ אִיד וָואס עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן לֵייגְט תְּפִלִּין אוּן גֵייט מִיט צִיצִית, אוּן הִיט שַׁבָּת, אוּן עֶסְט נָאר כָּשֵׁר, אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף קַלָּה כְּחַמוּרָה וְכוּ' וְכוּ', וִוי קֶען עֶר זָאגְן אַז דִי מְדִינָה הַטְמֵאָה דָאס מַלְכוּת הַמִינוּת וָואס פוּן זִינְט קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא מַאסְן שְׁמַד וָואס מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן כּוֹפְרִים וְכוּ' וְכוּ', וִוי קֶען מֶען זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית?

פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַלֵיין אַז דִי דֵיעָה אִיז פִּיל מִיט מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן דָאס שְׁטַאמְט פוּן כַּת שַׁ"ץ שֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיכֶעט מִיט דֶעם שִׁיטָה, אָפְּגֶעטוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אוּן גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז כַּבְיָכוֹל פוּן אוֹיבְן וְכוּ' וְכוּ', אַנְשְׁטָאט צוּ וִויסְן דֶעם קְלָארְן דַעַת תּוֹרָה, דֶעם קְלָארְן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה דָאס דָאס מַלְכוּת הַמִינוּת אִיז דֶער לֶעצְטֶער נִסָּיוֹן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) דָאס פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער נִסָּיוֹן זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה.

**אֱמוּנָה** פְּשׁוּטָה מֵיינְט צוּ גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶער תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אוֹיפְן בַּארְג סִינַי, אוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, אוּן מְקַיֵים זַיין דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז דָא רְמַ"ח מִצְווֹת עֲשֵׂה וָואס דָאס אִיז מִצְווֹת וָואס מֶען דַארְף מְקַיֵים זַיין, אוּן עֶס אִיז דָא שְׁסָ"ה לֹא תַעֲשֶׂה וָואס דָאס אִיז מִצְווֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ טוּן, דָאס הֵייסְט אֱמֶת'ע אֱמוּנָה.

**לֵיידֶער** לֵיידֶער אִיז דֶער גַאנְצֶער מַלְכוּת הַמִינוּת וָואס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן צוּ דֶערְצֶערְעֶנֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן, אִיז דָאס מַמָשׁ וִוי דֶער עֵגֶל הַזָהָב, וָוארוּם מֶען הָאט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט כִּבְיָכוֹל מִיט אַ גָאלְדֶענֶעם בָּאק, וִוי סְ'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ק"ו) יַעֲשׂוּ עֵגֶל בְּחֹרֵב וַיִשְׁתַּחֲווּ לְמַסֵכָה: וַיָמִירוּ אֶת כְּבוֹדָם בְּתַבְנִית שׁוֹר אֹכֵל עֵשֶׂב: שָׁכְחוּ אֵל מוֹשִׁיעָם עֹשֶׂה גְדוֹלוֹת בְּמִצְרָיִם: נִפְלָאוֹת בְּאֶרֶץ חָם נוֹרָאוֹת עַל יַם סוּף: קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף דֶעם עֵגֶל אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען הַשְׁגָחָה? דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען דָאךְ כְּפִירוּת גְמוּרוֹת, אוּן מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַזֶעלְכֶע דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה, דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, בְּרֶסְלְבֶ'ר חַסִידוּת אִיז תָּלוּי נָאר וִוי מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד אִיז דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, סֵפֶר הַמִדוֹת, אוּן

דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס רַבִּי נָתָן זַ"ל הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, דִי סְפָרִים דַארְף מֶען קֶענֶען יָשָׁר וְהָפוּךְ, וָוארוּם נָאר דָאס אִיז דֶער דַעַת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) דָאס פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אִיז אִין זַיין סֵפֶר; אִיבֶּערְדֶעם וֶוער סְ'וִויל זַיין מְקוּרָב צוּם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף אַסַאךְ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים בִּיז סְ'זָאל זַיין שָׁגוּר בְּפִיו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס) דָאס גְלַייךְ וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִיק הָאֱמֶת אוּן מֶען הֶערְט זַיין קוֹל, עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דָאס מוֹיל אוּן דָאס הַארְץ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, דָאס אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ בַּעַל בְּחִירָה רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְץ הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בֶּעט עֶר נָאר פוּן אִים, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט אִים אוּן גֶעבְּט אִים וָואס עֶר דַארְף, אִין דֶעם אַלֵיין אִיז דָא דִי יְדִיעָה מִיט דִי בְּחִירָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** רוֹב וֶועלְט אִיז זֵיי שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן אֵיין זַייט דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע פְּרַט וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וְכוּ' וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן, דָאס אִיז דִי בְּחִירָה, עֶר זֶעט נִישְׁט וְכוּ' וָואס עֶס וֶוערְט מִיט זַיין תְּפִלָּה וְכוּ',

און צו וֶועמֶען עֶר רֶעדְט וְכוּ׳, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט קַשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת פון קְלִיפַּת עֲמָלֵק, וָואס בַּיי אִים שְׁטֵייט (שְׁמוֹת י״ז) ״הֲיֵשׁ הֲוָיָ״ה בְּקִרְבֵּינוּ אִם אָיִן״, און דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פון עֲמָלֵק אִיז סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס הָאסְטוּ צו דַאוֶוענֶען וֶוער הֶערְט דִיךְ אוֹיס וְכוּ׳ וְכוּ׳.

און פון דֶער צְוֵוייטֶער זַייט דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אַז יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, און עֶס וֶוערְט פון דֶעם אַ רַעַשׁ אִין הִימְל וְכוּ׳ וְכוּ׳, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שַׁעֲשׁוּעַ פון אַ אִיד וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים און דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס דָאס גַאנְצֶע הַארְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס אִין דֶעם אַלֵיין הַיְינוּ אִין תְּפִלָּה אִיז שַׁיָּיךְ יְדִיעָה און בְּחִירָה, מִמָּה נַפְשָׁךְ, וֵוייסְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֶעס וָואס אוּנְז טוּעֶן, וָואס דַארְף מֶען בֶּעטְן? און אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ל״ד) דָאס פַארְוָואס דַארְף מֶען מִתְפַּלֵל זַיין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֵוייסְט דָאךְ אַלְסְדִינְג, נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, מִיט תְּפִלָּה בּוֹיעֶט מֶען אוֹיף כֵּלִים מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי שֶׁפַע וְכוּ׳ וְכוּ׳.

עַל כָּל פָּנִים ווִי ס׳אִיז דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן חָכְמוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן י"ב) דָאס דֶער עִיקֶר אִידִישְׁקֵייט אִיז אַוֶועק צִיוַוארְפְן פוּן זִיךְ דִי אַלֶע חָכְמוֹת, אוּן זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין עִתִּים לַתּוֹרָה, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו).

גְלֵייבּ מִיר אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר דִי וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ הֶערְשְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶעבְּן אַ לֶעבְּטִיג זִיס לֶעבְּן, וָוארוּם ס׳אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זִיס לֶעבְּן וִוי וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דִי עִיקֶר אֱמוּנָה, אוּן דֶער עִיקֶר אֱמוּנָה אִיז פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפְּשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן דִי תְּמִימוּת׳דִיגֶע פְרוֹיעֶן גְלֵייבְּן; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי אַלֶע דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת, נִישְׁט חַקְרְנֶ׳ען וְכוּ׳, נָאר מֶען זָאל וִויסְן, אַז מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט.

זִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעשְׁרִיגְן "גָאט אִיז גְרוֹיס מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט" אוּן אַז מֶען פַאלְט דוּרְךְ חָלִילָה וְחַס אִין עֲבֵירוֹת דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין, וָוארוּם דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה אִיז ווִידוּי דְבָרִים, זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין זַיינֶע

זִינְד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן לֵיידֶער, נִישְׁט זָאגְן כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת אַז דָאס אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ' וְכוּ', נָאר מֶען דַארְף וִויסְן דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט ווייל עֶס הָאט זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף מִיר דֶער בְּרֶענֶעדִיגֶער יֵצֶר הָרָע, אוּן אִיךְ בִּין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיבֶּערְדֶעם שֶׁעם אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר אִיבֶּער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין דֶעם שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן נִסָּיוֹן וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז דֶעם אֱמֶתְ'ן דַעַת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעקֶענְט שְׁרַייבְּן אַ גַאנְצֶער מְגִילָה, נָאר מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט, אִיךְ בִּין טָרוּד מִיט טִרְדוֹת הָרַבִּים, אֲפִילוּ דִי פָּאר שׁוּרוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט שְׁנֶעל אָפְּכַאפְּן אוּן דָאס שְׁרַייבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם לֵיידֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן גֶעלֵיינְט דֶעם בִּיךְ, אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע קַשְׁיוֹת וָואס דוּ הָאסְט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרֵייליכְן אוּן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# רעא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַסְעֵי כ"ז תַּמּוּז ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט דֶעם לָשׁוֹן פוּן "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" (מַעֲשֶׂה י' פוּן בֶּערְגֶער וְעָנִי) "גָאר מַיין מַזָל אוּן הַצְלָחָה זָאל נִישְׁט זַיין פַארְמִיטְן פוּן..." אַ גְרוֹיסְן יַשֶׁר כֹּחַ, נָאר אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן אִיךְ זִיךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׂכַר וְכוּ' וְכוּ', מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר אַרַיינְבְּרֶענְגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר אִין דֶער וֶועלְט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי אַ זוּהְן בֶּעט זִיךְ בַּיים טַאטְן, אוּן אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט זַיין חַבֵר, אוּן אוֹיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגְן דֶעם סֵדֶר דֶערֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דוּרְכְדֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוֹיבּ עֶר ווִיל, אוּן מֶער פוּן דֶעם ווִיל אִיךְ נִישְׁט.

**אוֹיךְ** גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן אוּן מְשַׁדֵךְ זַיין בְּנֵי וּבְנוֹת יִשְׂרָאֵל כְּדֵי זֵיי מַצִיל זַיין פוּן חֲטָאִים, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן שׁוֹין מְשַׁדֵךְ צוּ זַיין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזֶענְט פָּארְפָאלְק, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער, מֶער פוּן דֶעם דַארְף אִיךְ נִישְׁט, אוּן ווִיל אִיךְ נִישְׁט, אוּן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, וְכוּ', וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט בָּחוּרִים וָואס זֵיי הֶערְן דִיךְ צוּ, זָאלְסְטוּ אִין זֵיי אַרַיינְשַׁיינֶען פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּ אִים, אוּן בֶּעטְן פוּן אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן, אוּן אוֹיכֶעט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶע שָׁאד וָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען נֶעכְטְן בַּיינַאכְט בַּיים שִׁיעוּר, וָואס אִיךְ הָאבּ אַרוּמְגֶערֶעדְט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, אִיךְ הָאף מֶען וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט, ווִיאַזוֹי מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן יֶעדְן בָּחוּר, אוּן מֶען דַארְף זֶען עֶר זָאל דַאוֶונֶען אִין אַ סִידוּר, אוּן שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אוּן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיים דַאוְועֶנֶען, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט דַאוֶועֶנֶען אוֹיסֶענְוֶוייְנִיג וְכוּ' וָואס דֶעמָאלְט מֶעג מֶען זִיכֶער זַיין אַז מֶען דַאוֶוענְט גָארְנִישְׁט וְכוּ', אוּן אַז מֶען ווִיל זֶען דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ בָּחוּר דַארְף מֶען זֶען ווִיאַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט, וָוארוּם דוּרְכְן דַאוֶועֶנֶען קֶען מֶען זֶען דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ בָּחוּר, דָאס דַארְף מֶען אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין יֶעדְן בָּחוּר, עֶר זָאל שְׁטֵיין אִין אֵיין פְּלַאץ בַּיים דַאוֶועֶנֶען, אוּן עֶר זָאל דַאוְועֶנֶען פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף נָאר אִין סִידוּר, קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסֶעוְוֵייְנִיג, אוּן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיים דַאוֶועֶנֶען, וִוי ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דִי בְּרֵייט, אוּן דִי בְּרֵייט

און די לֶענְג אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, "דו דְרֵייסְט זִיךְ אַזוי פִּיל בִּיז דו וֶועסְט אִינְגַאנְצְן צוּדְרֵייט וֶוערְן".

וָוען מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶונֶען דַארְף מֶען שְׁטֵיין אִין אֵיין פְּלַאץ, וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי חַזַ"ל (בְּרָכוֹת ו:) אָמַר רַבִּי חֶלְבּוֹ אָמַר רַב הוּנָא, כָּל הַקוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָתוֹ אֱלֹהֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ, וּכְשֶׁמֵת אוֹמְרִים לוֹ אִי עָנָיו אִי חָסִיד מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ; וָוארוּם אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, און אַז אֵיינֶער וֶוערְט גֶעוָואר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּעראָל, דֶער דַארְף זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ, עֶר טְרֶעפְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין זַיין פְּלַאץ.

וְוִי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט, הַוַיָ"ה בְּהַכָּאָה בַּאטְרֶעפְט מָקוֹ"ם, דָאס הֵייסְט י' פַּעַם י', ה' פַּעַם ה', ו' פַּעַם ו', ה' פַּעַם ה'. בַּאטְרֶעפְט כְּמִסְפָּר מָקוֹ"ם, וָואס דֶער פֵּירוּשׁ פוּן דֶעם אִיז, וִויפִיל קְלֶעפּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל כַּאפְּן דַארְף עֶר וִויסְן עֶס אִיז אַלֶעס פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און שְׁטֵיי אוֹיף דַיין פְּלַאץ, פְּרָאבִּיר נִישְׁט צוּ אַנְטְלוֹיפְן וַוייל עֶס וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט נִיצְן, און כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט אַזַא לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אָבֶּער וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶר טוּט אוֹיס דֶעם גוּף פוּן דִי נְשָׁמָה, דֶעמָאלְט זָאגְן אַלֶע "אִי עָנָיו

אִי חָסִיד מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ" גֶעוואלְד דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ גֶעוֶועןְ אַ אֶמֶתְ'ר עָנָיו, אַ אֶמֶתְ'ר חָסִיד, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶועןְ פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס אוֹיף אִים אִיז אוֹיבְּעט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צֶען בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוֹיף זַיין פְּלַאץ, אוּן נִישְׁט אַרוּמְגֶעדְרֵייט זִיךְ, אוּן נִישְׁט אַנְטְלָאפְּן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָבוּק אִין אִים, עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְּן אִיבֶּעְרָאל אִין יֶעדְן פְּלַאץ.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, אוּן עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וָואס נָאר דָאס אִיז אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר זִיכְט נִישְׁט קַיין יֵשׁוּת וְגֵיאוּת, קַיין הִתְנַשְּׂאוּת וְכוּ' וְכוּ', עֶר וִויל נָאר נִכְלָל וֶוערְן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן טְרֶעפְן אִים אִין זַיין מָקוֹ"ם, אֲפִילוּ עֶר כַאפְּט קְלֶעפּ אוּן שְׁלֶעק פוּן אִינְשֵׁי דְלָא מַעֲלִי וְכוּ' וְכוּ', עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן זֵיי, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט הֲוָיָ"ה בְּהַכָּאָה עוֹלָה מָקוֹ"ם, אֲפִילוּ כַאפְּסְט קְלֶעפּ פֶּעטְשׁ חִירוּפִין וְגִידוּפִין וְכוּ' וְכוּ', וֵוייסְטוּ דָאס אִיךְ דַארְף שְׁטֵיין אוֹיף מַיין מָקוֹם, וָואס דָאס אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא מַדְרֵיגָה וִוי שִׂמְחָה, שִׂמְחָה אִיז כַּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט (דִבְרֵי

הַיָמִים א׳ ט״ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אוּן מִיט דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מֶעסְטְן אוֹיבּ עֶר אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה אָדֶער חָלִילָה וְחַס אִין דִי טוּמְאָה, אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, אִיז אַ סִימָן עֶר לִיגְט נָאךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא הָאבְּן אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר מַאכְט אַן אַנְדֶערְן פְרֵיילִיךְ, אוּן זִינְגְט אוּן מַאכְט אַן אַנְדֶערְן זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אוֹי טַאטֶע אוֹי פָּאטֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹי טַאטֶע אוֹי פָּאטֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ גְרוֹיסֶע צַדִיק וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, אוּן מַאךְ אַן אַנְדֶערְן פְרֵיילִיךְ, אוּן לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס פוּן אַלֶע דַיינֶע שׂוֹנְאִים, וֶועט דִיךְ וואוֹיל זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן אוּן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## רעב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַסְעֵי כ״ז תַּמּוּז ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת אִין הִימְל, וָוארוּם וֶוען מֶען אִיז מְקַרֵב אֵיין אִיד וֶוערְט אַ אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תְּרוּמָה קכ״ח:)

תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּבָא, [קוּם אוּן זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאֶשְׁתַּדֵּל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלֵּק בִּתְלַת סִילוּקִין מַה דְּלֹא אִסְתַּלֵּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְּאִסְתַּלֵּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טֵייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיּוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַנְעֶרְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיּוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב') "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט]. כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קֵיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין

נִשְׁט אויף דִי וֶועלט און נִשְׁט אויף יֶענֶע וֶועלְט] עָאָל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בְּיָדֵיהּ [און עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [און אויף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי״ב) ״גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים״ וגו׳.

**דָאס** אִיז אַלֶעס גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען אִיז מְקַרֵב אֵיין מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִכָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען אִיז מְקַרֵב הוּנְדֶערְטֶער און טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער דָאס אָפְּצוּשְׁרַייבְּן, און דֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט, וֶוען מֶען דְרִיקְט אַ סֵפֶר אִיז דָאס אַזוֹי ווִי מֶען דַארְשֶׁנְ׳ט פַאר צֶען טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן, און דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ דְרִיקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וואוּיל אִיז דִיר אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט, און דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶן דָאס גְרֶעסְטֶע גְלִיק אִין דַיין לֶעבְּן, וֶועסְט הָאבְּן אַ אֱמֶתְ׳ן שְׁלוֹם בַּיִת, און דוּ וֶועסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, און דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט ״פוּן וֶועמֶען אִיךְ נֶעם, גֶעבּ אִיךְ״ יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, וֶוער גֶעבְּט נָאךְ דֶעם רֶבִּי׳ן אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וָואס דְרִיקְט און פַארְשְׁפְּרֵייט זַיינֶע סְפָרִים.

**און** לֹא בְּחִינָם זָאגְן דִי חַזַ״ל (סוֹטָה כב.) אִתְמָר קָרָא וְשָׁנָה וְלֹא שִׁימֵשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים רֶבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר הֲרֵי זֶה

עַם הָאָרֶץ, רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי אָמַר הֲרֵי זֶה בּוּר, רַבִּי יַנְּאַי אוֹמֵר הֲרֵי זֶה כּוּתִי, רַב אַחָא בַּר יַעֲקֹב אוֹמֵר הֲרֵי זֶה מָגוּשׁ; אַ מֶענְטְשׁ קֶען לֶערְנֶען, אָבֶּער כָּל זְמַן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט מְשַׁמֶּשׁ גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם דָאס הֵייסְט אַ עַם הָאָרֶץ, דָאס הֵייסְט אַ בּוּר, דָאס הֵייסְט אַ גוֹי, דָאס הֵייסְט אַ כִּישּׁוּף מַאכֶער וְכוּ', עֶס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְד, אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט מְשַׁמֶּשׁ גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם, קוּק וִוי דִי חֲזַ"ל רוּפְן אִים אָן וְכוּ', אוּן וָואס אִיז שַׁיָּיךְ מֶער מְשַׁמֶּשׁ זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וִוי עוֹסֵק זַיין אִין הַדְפָּסָה אוּן הַפָּצָה.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן מ') בִּזְכוּת שִׁימּוּשׁ אָדָם גָּדוֹל, אָדָם נִיצּוֹל מִמִּיתָה; זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן קֵיינֶער וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת דִּין סִימָן ק"ז) עַל יְדֵי שִׁמּוּשׁ צַדִּיקִים נִמְתָּק הַדִּין; אַז ווָאוּיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**מֶעגְסְט** טַאנְצְן יֶעדְן טָאג פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה אוֹיף דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, אוּן הַלְוַואי זָאלְסְטוּ אָפְּדְרִיקְן דִי אַלֶע בְּרִיוו וָואס עֶס לִיגְט בַּיי דִיר וְכוּ' וְכוּ', אֲפִילוּ אִין קוּנְטְרֵסִים אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעדְרִיקְט בִּיז יֶעצְט, וָוארוּם דִי מְפִיצִים זָאגְן מִיר אַז דָאס וֶוערְט צוּכַאפְּט גְלַייךְ (יְשַׁעְיָה כ"ח) "בְּעוֹדָהּ בְּכַפּוֹ יִבְלָעֶנָּה".

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן אוּן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# רעג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְּבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ וַוארְפְן, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת פַארְקְרִימְטֶע מוֹחוֹת וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ אֲפִילוּ צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָוארוּם אֵיינֶער וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז זַיין מֹחַ פַארְקְרִימְט וְכוּ'.

אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן אַ כְּלָל, זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקְן, אוּן זָאלְסְט דָאס מְפַרְסֵם זַיין פַאר דַיינֶע חֲבֵרִים, אוֹיבּ אֵיינֶער זָאגְט עֶפֶּעס נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ אִים גְלַייךְ פְרֶעגְן ווִי דָאס שְׁטֵייט, קֶען עֶר אָנְוַוייזְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס, מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, אוּן מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר קֶען דִיר נִישְׁט וַוייזְן פוּן ווִי עֶר נֶעמְט דָאס וְכוּ', זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דָאס אִיז אַ מְפוּרְסָם שֶׁל שֶׁקֶר, ווִי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיים רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז אוֹיבֶעט דָא מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר; זֵיי פַארְפִירְן זֵייעֶרֶע מְקוֹרָבִים מִיט אַלֶע מִינֵי דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס

זֵיי רוּפְן זִיךְ מַנְהִיגִים, זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְ'ס נִישְׁט פִירְן
אִיז ווִי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַנְדֶערֶע?

**וּבִפְרַט** הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה'ס כֵּן יִרְבּוּ, אָבֶער בִּיז זַיין אַ מַנְהִיג וְכוּ', אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה דַארְף זִיצְן בֵּין תַּנּוּר וְכִירַיִם אַיינְגֶעלֵייגְט, אוּן נִישְׁט זָאגְן דֵיעוֹת וְכוּ', עֶר דַארְף דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא דָאס עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, אָבֶער עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן וְכוּ', וַוייל עֶר זָאל קוּקֶען אוֹיף צוּרִיק וְכוּ' פוּן וַואנֶעט קוּמְט עֶר? אֶפְשָׁר אִיז עֶר בִּכְלַל נִישְׁט כָּשֵׁר לָבֹא בְּקָהָל וְכוּ', ווִי מִיר וֵוייסְן אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעבָארְן אִין קִיבּוּצִים וְכוּ', אָדֶער זֶענֶען זֵיי סָפֵק מַמְזֵרִים אָדֶער זֶענֶען זֵיי וַודַאי מַמְזֵרִים וְכוּ', וָוארוּם דָארְטְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעפִירְט גֶעמֵיין אוּן עֶקְלְדִיג ווִי גְרוּעִים שֶׁבְּאוּמוֹת, שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלָּךְ שֶׁלִּי רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וְדַי לְחַכִּימָא, אִיז דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין קַיין טִיפֶּשׁ אוּן הָאבְּן הִתְפַּעֲלוּת פוּן יֶעדְן בַּעַל תְּשׁוּבָה, וּבִפְרַט אַז עֶר וֶוערְט נָאךְ אַ מַנְהִיג אוֹיבֶּעט... וֶוען עֶס אִיז אִינְגַאנְצְן אַ סָפֵק אוֹיב עֶר אִיז מוּתָּר לָבֹא בְּקָהָל.

**אַז** ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בִּיז עֶר קֶען עֶס בַּעַל פֶּה, אִים קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנַארְן אוּן פַארְפִירְן מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים וְכוּ', אוּן מִיט אַלֶע מִינֵי דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ מִיט וָואס מֶען קֶען פַארְפִירְן אַ מֶענְטְשׁ ווִי מִיט דִמְיוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה וְכוּ', וָוארוּם דָאס אִיז אַ לִימוּד וָואס נִישְׁט יֶעדֶער

אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אוּן הַאלְט מִיט וְכוּ', אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיל וֶוערְן אַ בַּעַל מְקוּבָּל וְכוּ', אוּן עֶר כַאפְּט זִיךְ אָן צוּ אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן קַבָּלָה, אוּן עֶר פַארְגֶעטְ'ט אִים אַזוֹי ווִי עֶר פְלִיעֶט שׁוֹין אִין הִימְל וְכוּ', בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶוען (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קכ"ב) אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אֲפִילוּ פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּם דַאוֶוענֶען זָאל מֶען אִינְזִינֶען הָאבְּן פְּשׁוּטֶע פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט קַבָּלָה, דוּ וֵוייסְט קַבָּלָ"ה אִיז גִימַטְרִיָא נוֹאֵ"ף, מֶען קֶען אִין דֶעם לִימוּד זֵייעֶר פַארְפִירְט וֶוערְן.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צְוֵויי חֲסִידִים פוּן וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה וְכוּ', ווַייל עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵייעֶר גַאנְצֶער לֶערְנֶען אִיז מִשָּׁפָּה וְלַחוּץ אוּן זֵיי רֶעדְן לְשׁוֹנוֹת שֶׁל הַגַּשְׁמָה, ווִי זִיווּג חִיבּוּק וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, פַאל נִישְׁט אַרַיין אִין קֶעלְבֶּענֶע הִתְפַּעֲלוּת פוּן קַיין שׁוּם יָאשֶׁע קַאלְבּ, נִישְׁט יֶעדֶער לֶמֶךְ קֶען מֶען רוּפְן בַּעַל מְקוּבָּל, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער בַּעַל מְקוּבָּל וֵוייסְט וָואס עֶר רֶעדְט וְכוּ' וְכוּ', דֶער עִיקָר אִיז צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בִּיז עֶר

זָאל דָאס קֶענֶען אויסְעֶנְווייניג, און דָאס וֶועט אִים שׁוין גֶעבְּן אַ דֶרֶךְ ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דֶעם עֵץ חַיִּים און פְּרִי עֵץ חַיִּים וְכוּ' וְכוּ', ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מאכְן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן עֵץ חַיִּים, אָבֶער אַ פָּשׁוּטְן פֵּירוּשׁ אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ וְכוּ', נָאר זָאגְן תּוֹרָה אוֹיפְן עֵץ חַיִּים, און דָאס זָאג אִיךְ דָאךְ.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז אֵיינֶער לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען עֶר זִיךְ מַאכְן אַ דֶרֶךְ אִין סִפְרֵי קַבָּלָה און אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין הֲלָכָה ה' אוֹת ל"ח) כִּי עַל פִּי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהַיּוֹצֵא בָּהֶם הַמְבוֹאָרִים בִּדְבָרֵינוּ, תּוּכַל לַעֲשׂוֹת לְךָ דֶרֶךְ לְהָבִין מְעַט מִזְּעֵיר בְּדַרְכֵי הַקַּבָּלָה שֶׁל הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וְהָאֲרִיזַ"ל לְהוֹצִיא מֵהֶם דְּרָכִים וְעֵצוֹת לְמַעֲשֶׂה. עַל פִּי הַקְדָּמוֹת נוֹרָאוֹת וְעֵצוֹת אֲמִתִּיּוֹת שֶׁל דִּבְרֵי תּוֹרָתוֹ שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל, שֶׁכָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה וְכָל מַעֲשֶׂה וּמַעֲשֶׂה הִיא פּוֹתַחַת שְׁעָרִים רַבִּים שֶׁל הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת, שֶׁעַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִין לְהָבִין גַּם כָּל דַּרְכֵי הַקַּבָּלָה, אִם תִּזְכֶּה לִשְׁקוֹד עַל תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה יוֹם יוֹם בִּשְׁקִידָה רַבָּה.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, און עֶר וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר וָואס אִיז דָא אִין דֶער וֶועלְט און וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

## רעד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְּבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַאר דַיין וַוייבּ.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַזַא נַארִישֶׁע שְׁאֵלָה, אוֹיבּ דָאקְטוֹרִים זָאגְן מֶען דַארְף מַאכְן אַ קֶעסְט דַארְף מֶען גְלַייךְ מַאכְן, וָוארוּם רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַ פִּיס קֶען בְּלַייבְּן אַיינְגֶעבּוֹיגְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן מֶען קֶען הִינְקֶען דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער אוּן מִיט אִים שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין, אוּן אַוַודַאי קֶען מֶען דָאס טוּן, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן אַ פְרוֹי וֶוען זִי הָאט גֶעשְׁוֶוענְגֶעט הָאט זִיךְ גֶעפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן אַ פִּיס אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ קֶעסְט, אוּן ס'אִיז נִישְׁטָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן וְכוּ', אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער אִיז אַ בַּעַל אַחְרָיוּת, עֶר וֵוייסְט אוֹיבֶעט אַז רַאדִיַאצְיֶע שַׁאדְט וְכוּ', אוּן אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען ווילִיג דָאס צוּ מַאכְן וֵוייסְן זֵיי אַז דָאס וֶועט נִישְׁט שַׁאדְן פַאר עִיבּוּר וְכוּ'.

**עֶס** וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר אַז דוּ פְרֶעגְסְט אַזַא נַארִישֶׁע שְׁאֵלָה, וָואס דָאס אִיז אוֹיבֶעט פַארְבִּינְדֶען מִיט פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ, הֵן אֱמֶת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען

זָאל נִישְׁט לוֹיפְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ צוּ אַ דָאקְטֶער, וַוייל דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוּפְקָרִים, אָבֶּער עֶס אִיז בְּפֵירוּשׁ דָא אַ שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט שׁוֹין יָא צוּ אַ דָאקְטֶער זָאל מֶען גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער (וָואס מֵיינְט אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער? דֶער וָואס פְּרַאקְטֶעצִירְט שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן, אוּן נִישְׁט אַ לֶערְן יוּנְג וָואס עֶר לֶערְנְט זִיךְ יֶעצְט דָאקְטֶערֵיי, עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען אוֹיף דִי יִשְׁמְעֵאלִים אוּן נִישְׁט אוֹיף אוּנְז וְכוּ').

עַל כָּל פָּנִים עֶס אִיז אַ ווִיסְטֶער טָעוּת פוּן דִי וָואס זֵיי לֶערְנֶען פַאלְטְשׁ פְּשַׁט אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דָאקְטוֹרִים, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס מַאכְט נִישְׁט פַּאקְן פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער בַּיי אַ פֶערְטְל יָאר, אִיז אַ רוֹצֵחַ.

אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז מֶען מֶעג גֵיין אִינְמִיטְן ווִינְטֶער אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁנֵייעֶן אוּן קֶעלְט צוּ אַ דָאקְטֶער צוּ מַאכְן פַּאקְן פַאר דִי קִינְדֶער, דָאס הֵייסְט הַיינְטִיגֶע צֵייטְן נֶעמֶען אַלֶע אִינִיקְצִיוּנֶען (נִידְלֶען בְּלַעַ"ז) אוֹיף אַלֶע קְרֶענְק וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן וֶוער עֶס גֶעט נִישְׁט פַאר דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער אַלֶע עֶרְלֵיי וֶועקְסִינֶעיִשְׁן אַקֶעגְן אַלֶע סָארְט מַחֲלוֹת וְכוּ' וְכוּ' דֶער אִיז אַ רוֹצֵחַ, וּבִפְרַט גֶעט מֶען הַיינְט שָׁאטְ'ס אַקֶעגְן פַּאקְן (מִיזְלֶעךְ) אָדֶער אַקֶעגְן פָּאלִיעֶ וְכוּ', וָואס אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם סֵפֶר "אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל" שִׂיחוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דִי פְּרִיעֶדִיגֶע דוֹרוֹת בִּיז צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט דֶעם לָשׁוֹן, רַבֵּינוּ זַ"ל אָמַר צְרִיכִין לְהַעֲמִיד לְכָל יֶלֶד פַּאקִין קוֹדֶם רֶבַע שָׁנָה, וְאִם לֹא הוּא כְּמוֹ שׁוֹפֵךְ דָמִים, וַאֲפִילוּ אִם דָרִים הַרְחֵק מִן הָעִיר מְחוּיָבִים לִיסַע עֲבוּר זֶה וַאֲפִילוּ בִּזְמַן שֶׁהַקוֹר גָדוֹל, וּלְהַעֲמִיד לְיֶלֶד פַּאקִין קוֹדֶם רֶבַע שָׁנָה, עַיֵין שָׁם.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַן אַנְדֶערְן, וּבִפְרַט וֶוען מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ דָא מִיט אַ גֶעזוּנְט פוּן אַ לֶעבְּן וְכוּ', זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין פַארְקְרִימְטֶע עֵצוֹת פַאר יֶענֶעם.

**מֶען** זֶעט ס'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי גֶעבֶּען עֵצוֹת כְּלוֹמֶרְשְׁ'ט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער וְכוּ' אוּן וֶוען ס'קוּמְט צוּ אִים אִיז עֶר דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס לוֹיפְט צוּ אַלֶע דָאקְטוֹרִים... עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל דָאס אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵיינִיקְל, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מַשְׁפִּיעַ בָּרַבִּים, אוּן פְלֶעגְט רֶעדְן אָפֶען אַקֶעגְן דָאקְטוֹרִים, אוּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ זֵיי וְכוּ' וְכוּ', אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין זַיין עֶלְטֶער הָאט ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל אוֹיסְגֶעפִירְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין דָאקְטֶער אִין אוּמַאן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט בַּאזוּכְט וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אֵיידֶער מֶען גֶעט אַן עֵצָה פַאר יֶענֶעם נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַ

דָאקְטֶער, דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אוֹיבּ מֶען גֵייט שׁוֹין צוּ אַ דָאקְטֶער זָאל מֶען גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, דָאס הֵייסְט אַ מוּמְחֶה וָואס עֶר פְּרַאקְטֶעצִירְט שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אִין חָכְמוֹת הָרְפוּאָה.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יז:) עִיר שֶׁאֵין בּוֹ רוֹפֵא אֵין תַּלְמוּד חָכָם רַשָּׁאִי לָדוּר בְּתוֹכָהּ; אוּן אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (זוֹהַר חָדָשׁ בָּלָק) כָּל אַסְוָותָא דְעָלְמָא, בְּיָדָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. אֲבָל אִית מִנְהוֹן, עַל יְדָא דִשְׁלִיחָא. וְאִית מִנְהוֹן, דְלָא אִתְמַסְרוּ בְּיָדָא דִשְׁלִיחָא. וְאִינוּן דְאִתְמַסְרוּ בְּיָדָא דִשְׁלִיחָא, אַסְוָותָא אִינוּן; אַלֶע רְפוּאוֹת קוּמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָבֶּער עֶס אִיז דָא רְפוּאוֹת וָואס עֶר גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר זַיינֶע שְׁלוּחִים, אוּן אַזוֹי זָאגְן אוֹיכֶעט דִי חַזַ"ל (בְּרָכוֹת ס') אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ"א) "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" מִכַּאן שֶׁנִּתְּנָה הַתּוֹרָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ג') דָאס נָאכְדֶעם וָואס מֶען גֶעט אַ פִּדְיוֹן פַאר אַ צַדִיק קֶען מֶען גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער, עַיֵין שָׁם. אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אוּנְזֶערֶע לַייט, אוֹיבּ מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער לֶערְנֶען זֵיי דֶעם מַאֲמַר "כְּשֶׁחָלָה רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הַגָּדוֹל" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ג') אוּן מֶען זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי תְּפִלָּה אִין לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת (תְּפִלָּה ג') אוּן מֶען גֶעט אַ פִּדְיוֹן, אוּן מֶען גֵייט צוּ אַ דָאקְטֶער.

דֶער עִיקֶר דַארְף מֶען ווִיסְן וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה פַּרְשָׁה י"ז) תַּרְעָא דְלָא פְּתִיחַ לְמִצְוָותָא יְהֵא פָּתִיחַ לְאַסְיָא; אַ הוֹיז וָואס מֶען מַאכְט נִישְׁט אוֹיף פַאר אָרֶעמֶעלַייט,

וֶועט מֶען מוּזְן אוּיפְמַאכְן פַאר אַ דָאקְטֶער, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַאר אַלֶע אִידְן, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ רְפוּאוֹת גַשְׁמִיוּת, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

## ערה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר וִוי אַזוֹי דוּ פְרֶעגְסְט מִיר אַזַא נַאִרִישֶׁע שְׁאֵלָה וָואס אִיז פַארְבִּינְדֶען מִיט עַמֵי-אַרַצוֹת אוּיבְעט, אוּיבּ מֶען מֶעג מַאכְן מְלַוֶה מַלְכָּה אִין דִי דְרֵיי וָואכְן מִיט מוּזִיק? עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בְּפֵירוּשׁ אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן תקנ"א, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מָגֵן אַבְרָהָם סְעִיף קָטָן י' שֶׁאָסוּר לַעֲשׂוֹת רִיקוּדִין וּמְחוֹלוֹת מִי"ז בְּתַמוּז וְאֵילָךְ וְכוּ', אוּן עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז אִין דִי דְרֵיי וָואכְן שְׁפִּילְט מֶען נִישְׁט קַיין מוּזִיק אוּן מִיט קַיין שׁוּם אִינְסְטְרוּמֶענְטְן (עַיֵין שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת מִנְחַת יִצְחָק חֵלֶק א' סִימָן קי"א, וְכֵן שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אִגְרוֹת מֹשֶׁה חֵלֶק א' סִימָן קס"ו, וּשַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת צִיץ אֱלִיעֶזֶר סִימָן ח', וְכֵן שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת שֵׁבֶט הַלֵוִי חֵלֶק ח' סִימָן קכ"ז).

**עֶם** אִיז דָא וָואס זֶענֶען מַחְמִיר אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ זִינְגֶען מִיטְן מוֹיל סְתַם נִיגוּנִים וְכוּ', וְנַהֲרָא נַהֲרָא וּפַשְׁטֵיהּ, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זִיךְ פִירְן וִוי זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, אָבֶּער גֵיין לְכַתְחִילָה מַאכְן מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט מוּזִיק וְכוּ' דָאס וַוייזְט אַ קַלּוּת דַעַת וְכוּ' אוּן עֶס פֶעלְט אִין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', אוּן מֶען אִיז וַוייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם חוּרְבָּן הַבַּיִת, אוּן מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן בִּפְרַט וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי צְוֵויי וָואכְן אַז אַ אִידִישׁ אִינְגֶעלֶע הָאט פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אַהֵיים פוּן חֶדֶר וְכוּ', אוּן אַ קַאלְט בְּלוּטִיגֶער מֶערְדֶער הָאט אִים נֶעבֶּעךְ צוּשְׁנִיטְן אוֹיף שְׁטִיקֶער מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס אַכְזָרִיּוּת, וָואס בִּיז יֶעצְט קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ.

**אוּן** אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג הָאט פַּאסִירְט צְוֵויי וָואכְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אַ קַאלְט בְּלוּטִיגֶער מֶערְדֶער דֶערְשְׁטָאכְן צוּם טוֹיט אַ צַדִּיק תָּמִים אַן עֶרְלִיכְן אִיד, וָואס אוֹיף דֶעם אַלֵיין וָואלְטְן מִיר גֶעדַארְפְט אַסַאךְ טְרוֹיעֶרְן, בִּפְרַט אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, אוּן אוּיסֶער וָואס לֶעצְטְנְס זֶענֶען פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן מִיט מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת מִיתוֹת אַכְזָרִיּוּת יוּנְגֶע מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער וְכוּ', וָואס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל שׁוֹין זָאגְן דֶעם מַלְאָךְ הַמַּשְׁחִית הֶרֶף, עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג אִידִישׁ בְּלוּט פַארְגָאסְן גֶעוָוארְן, אוּן יֶעצְט אִין דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז דִי צַייט צוּ טְרוֹיעֶרְן אוֹיף אַלֶע צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, אִיז וִוי קֶען מֶען

אַיינְפַאלְן צוּ מַאכְן מְלַוֶה מַלְכָּה'ס מִיט מוּזִיק, וָואס אוֹיסֶער דֶעם וָואס דָאס אִיז אַ אִיסוּר אוּן סְ'אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַזוֹי בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, נָאר עֶס קוּמְט אוֹיבֶעט פוּן עַמֵי אַרַצוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פִּינְטְל יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ פְרֶעגְסְט אֲפִילוּ אַזַא שְׁאֵלָה.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אַריינְגֶעבְּן שֵׂכֶל, אוּן זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, כְּדֵי זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַיין וִוי אוֹיס, וָואס מֶען מֶעג אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רעו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הַאלְט נִישְׁט פוּן דֶעם אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּטֵיילְן פוּן אַ שְׁטִיבְּל פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, כָאטְשֶׁע דַיין כַּוָונָה אִיז לְטוֹבָה, אָבֶער וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן וִויפְעֶר מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ אִיז שׁוֹין דָא אִין דֶעם אַ גְרוֹיסֶער בְּרָאךְ, וִוי דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיף "וַיִּקַּח קֹרַח" וְאִתְפְּלֵג קֹרַח, פוּן אוֹיבְן אוֹיף מֵיינְט מֶען עֶר הָאט גֶענוּמֶען... אָבֶער דֶער תַּרְגוּם אִיז מְגַלֶה עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט... יֶעדֶער טֵיילוּנְג אִיז שׁוֹין אִין דֶעם

דָא אַ חוּרְבָּן, וּבִפְרַט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וָואס עֶס קוּמֶען אַפָּאר טָאטֶערִין און זָאגְן, זֵיי מֵיינֶען לְשֵׁם שָׁמַיִם, און זֵיי טֵיילְן זִיךְ אָפּ, און בַּיים סוֹף וֶוערְט נִתְגַּלֶה אַז זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת, און בַּיי זֵיי אַלֵיין וֶוערְט טֵיילוּנְגֶען וְכוּ', [עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ז, דָאס מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן טָאטֶערִין].

**אִיבֶּערְדֶעם** רָאט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּטֵיילְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן.

**אֱמֶת** עֶס אִיז דָא וָואס זֵיי הָאבְּן טַעֲנוֹת וְכוּ', הָאבּ אִיךְ שׁוֹין כַּמָה פְּעָמִים גֶעשְׁרִיבְּן, יֶעדֶע שׁוּהְל מוּז הָאבְּן אַ וַעַד אַ קַאמִיטֶע וָואס בַּיי דִי חַזַ"ל וֶוערְן זֵיי אָנְגֶערוּפְן שִׁבְעָה טוֹבֵי הָעִיר, (עַיֵין מְגִילָה כ"ו, וְכֵן שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן נ"ג), יֶעדֶע שׁוּהְל מוּז הָאבְּן אַ קַאמִיטֶע פוּן זִיבְּן מֶענְטְשְׁן, וָואס דִי שׁוּהְל מוּז גֶעפִירְט וֶוערְן דוּרְךְ זֵיי, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען זָאל נָאר נֶעמֶען זִיבְּן מֶענְטְשְׁן פוּן פַארְשִׁידֶענֶע שִׁיכְטְן וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, וָואס אַזוֹי קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קְלָארֶע הַנְהָגָה, (נִישְׁט נֶעמֶען זִיבְּן "בָּאקֶעס" וָואס זֵיי הַאלְטְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, דָאס אִיז פָּשׁוּט אַ חוֹזֶק, מֶען נֶעמְט זִיבְּן קִיעֶן און אַלֶע זָאגְן יָא, אַזוֹי וִוי פַּרְעֹה הָאט גֶעחָלוֹמְ'ט...).

**אַ** קַאמִיטֶע דַארְף בַּאשְׁטֵיין פוּן אַלֶע קֶעגְן טְרַאכְטְנְ'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, און אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ קְלָארֶע הַנְהָגַת הַבֵּית הַמִדְרָשׁ, און דוּרְכְדֶעם וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אִין

בֵּית הַמִדְרָשׁ, און דֶיע וָואס זֵיי ווילְן דָאס נִישְׁט מַאכְן מֵיינֶען נָאר זִיךְ וְכוּ', זֵיי הָאבְּן מוֹרָא מֶען וֶועט זֵיי צִינֶעמֶען זֵייעֶר אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע כָּבוֹד...

**אִיבֶּערְדֶעם** הַאלְט אִיךְ, דִי אַלֶע וָואס זֵיי ווילְן קוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וֶועלְן קוּמֶען, און דִי וָואס זֵיי ווילְן נִישְׁט קוּמֶען וֶועלְן בְּמֵילָא נִישְׁט קוּמֶען.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

## רעז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר דְּבָרִים ב' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זִייסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן בַּיי וֶועמֶען מֶען לֶערְנְט וְכוּ', מֶען קֶען הַיינְט זֵייעֶר גְרִינְג פַארְפִירְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת לִימוּד סִימָן ע"ד) אַל תִּלְמַד אֶלָא אֵצֶל יְרֵא שָׁמַיִם; אוֹיבּ אַזוֹי פְרֶעגְט זִיךְ דִי קַשְׁיָא, ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן וֶוער אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם? נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת יִרְאָה חֵלֶק ב' סִימָן ג') עַל יְדֵי לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ בָּאִים לְיִרְאָה; דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג קוּקְן גֵייט עֶר אַרוֹים פוּן דִי שׁוּלְחָן עָרוּךְ דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ קַל שֶׁבְּקַלִים און מֶען דַארְף זִיךְ פוּן אִים דֶערְוַוייטֶערְן, אָבֶּער

אויב ער פִירְט זִיךְ עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז ער אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"א) דָאס אֲפִילוּ בַּיי מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, דַארְף מֶען אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ שׁוֹמֵר פַאר דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, און אַ שׁוֹמֵר נָאךְ דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, און וֶוער אִיז דֶער שׁוֹמֵר? לֶערְנֶען פּוֹסְקִים דָאס הֵייסְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס אֲפִילוּ מְחַדֵשׁ זַיין אַ חִידוּשׁ טָאר נִישְׁט זַיין אַקֶעגְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט לֶערְנֶען מֶענְטְשְׁן הַנְהָגוֹת וָואס אִיז אַקֶעגְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

**אִין** אוּמַאן וֶוען מֶען פְלֶעגְט פְרֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאלְן זָאגְן עֶפֶּעס אַ הַנְהָגָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פְלֶעגְט מֶען עֶנְטְפֶערְן מַאךְ אוֹיף דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֶועסְטוּ זֶען ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט.

**אַוַודַאי** דַארְף מֶען גְרוֹיס רַחְמִים אוֹיף דִי וֶועלְט נִישְׁט צוּ פַארְקְרִיכְן אֲפִילוּ אִין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תפ"ד) אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרַע בַּיי דִי לוֹמְדִים מְחַדֵשׁ צוּ זַיין אַ נַייעֶם דִין.

**מֶען** זֶעט מֶענְטְשְׁן זוּכְן דַוְוקָא נַייעֶ הֲלָכוֹת'ער וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם נָאכְדֶעם אַז מֶען פַארְנַאכְלֶעסִיגְט ווִיכְטִיגֶע עִיקְרִים אִין אִידִישְׁקֵייט, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אַז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת און פְּשִׁיטוּת, און דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת און הַמְצָאוֹת

און חָכְמוֹת וָואס מֶען וויל אַריינבְּרֶענְגֶען אִין אִידִישְׁקֵייט אִיז הוילֶע דִמְיוֹנוֹת און שְׁטוּתִים און גְרויסֶע בִּלְבּוּלִים, און דָאס אִיז גוֹרֵם נָאכְדֶעם אַז מֶען לָאזְט אָפּ דֶעם גַאנְצְן אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן וֶועמֶען מֶען לֶערְנְט וְכוּ'.

**עֶם** אִיז הַיינְט לֵיידֶער דָא אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען פַארְשְׁמִירְט אִין פְּגַם הַבְּרִית בִּיז אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרְן, און הַיינְט הָאט זִיךְ זֵיי פַארְגְלִיסְט צוּ זַיין מַנְהִיגִים פִירֶערְס (פַארְפִירֶערְס), און זֵיי פַארְפִירְן אַנְדֶערֶע, מֶען גֵייט זֵיי נָאךְ אַזוֹי וִוי אַ צִיג גֵייט נָאךְ אַלֶע צִיגְן, דִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא קַמָּא נב.) כַּד רָגִיז רַעֲיָא עַל עָנָא עָבִיד לְנַגְדָא סְמוּתָא; זָאגְט רַשִׁ"י, וֶוען דֶער פַּאסְטֶעךְ אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי שָׁאף, נֶעמְט עֶר דֶעם עֶרְשְׁטְן און מַאכְט אִים בְּלִינְד, און אַלֶע שָׁאף גֵייעֶן אִים נָאךְ, און אַוַודַאי פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין גְרִיבֶּער וְכוּ'.

**אַזוֹי** אוֹיכֶעט כְּשֶׁהַמָּקוֹם נִפְרַע מִשּׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל מְמַנֶּה לָהֶן פַּרְנָסִים שֶׁאֵינָן מְהוּגָנִין וְכוּ', וֶוען דֶער מִידַת הַדִין שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, שְׁטֶעלְט מֶען אוֹיף אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג, און עֶר פִירְט זֵיי אוֹיף אַ קְרִימֶע וֶועג, און ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (מַעֲשֶׂה י"ב פוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה) פוּן דִי כִּיתּוֹת וְכוּ', וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעזִיכְט אַ מַנְהִיג, דֶעי אַ שִׁיכּוֹר וְכוּ', דֶעי אַ רוֹצֵחַ וְכוּ', און עֶר הָאט זֵיי אַוַודַאי גֶעפִירְט אוֹיפְן דֶרֶךְ הַיָשָׁר... אַז אָךְ און וֵויי אַז מֶען גֵייט נָאךְ פַארְקְרִימְטֶע וֶועגְן.

**מִיר** הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעטְרָאטְן אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן פוּן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּקֶערְן כְּהַיא זֶה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קכ״ג) הָעִיקָר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטָן וְדָבָר גָּדוֹל. וּלְבִלְתִּי לִנְטוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים (סִפְרֵי פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים) אֲפִילוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שְׂמֹאל וְכוּ׳. וּלְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת, וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ כְּאִילוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל, בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר. וְכָל זְמַן שֶׁנִּשְׁאַר אֶצְלוֹ שׁוּם שֵׂכֶל עַצְמוֹ, אֵינוֹ בִּשְׁלֵימוּת, וְאֵינוֹ מְקוּשָּׁר לְהַצַּדִּיק וְכוּ׳ עַיֵּין שָׁם.

**דָאס** הֵייסְט אַז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת אִיז צוּ פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק אוּן נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן זַיינֶע דִיבּוּרִים, נָאר דָאס הֵייסְט אֱמֶתְ׳ע הִתְקָרְבוּת צוּם צַדִּיק, אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְוַוייזְן פוּן ווִי עֶר נֶעמְט זַיינֶע דִיבּוּרִים, דַארְף מֶען פוּן אִים זִיךְ זַייעֶר דֶערְוַוייטֶערְן, בִּפְרַט וֶוען סְ׳אִיז נוֹגֵעַ צוּ עִיקָרֵי אֱמוּנָה, ווִי בַּאווּאוּסְט אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן גֶעוֶוען דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ל״ה וְסִימָן ר״כ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער נִסָּיוֹן זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, סְ׳וֶועט זַיין אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס זֵיי וֶועלְן פַארְפִירְן זֵייעֶרֶע נָאכְשְׁלֶעפֶּערְס, עַיֵּין שָׁם.

**זִיסְן** דַארְפְסְטוּ וויסְן דָאס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן יֶעצְט מִיט דִי יוּגְנְט, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט יוּנְגַאטְשֶׁעס פַאר זִינְגֶערְ'ס, אוּן כְּלוֹמֶרְשְׁ'ט הֵייסְט דָאס חַסִידִישֶׁע זִינְגֶערְ'ס, אוּן דִי יוּגְנְט לוֹיפְט זֵיי נָאךְ, אוּן זֵיי זֶענֶען פַארְנַאפְט אִין זֵיי, אוּן צוּבִּיסְלִיךְ וֶוערְט אָפְּגֶעטוּן פוּן זֵיי אִינְגַאנְצְן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, וָוארוּם דִי גְרָאבֶּע יוּנְגֶען דִי זִינְגֶערְ'ס וַוארְפְן זִיךְ בַּיים זִינְגֶען אַזוֹי וִוי אַ נִיגֶער אַ שְׁוַוארְצֶער צִיגַיינֶער וְכוּ' וְכוּ', אוּן לֵיידֶער דִי יוּגְנְט מֵיינְט אַז זֵיי וֶועלְן דָארְטְן שֶׁעפְּן אַמְפֶּערְס מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ'.

**סְ'אִיז** אַ בּוּשָׁה אוּן אַ חֶרְפָּה צוּ זֶען בַּיי אַ חַסִידִישֶׁע חֲתוּנָה פוּן הַיימִישֶׁע אִידְן לַאדֶענְט מֶען אַיין אַזַא יוּנְגַאטְשׁ פַאר אַ זִינְגֶער, אוּן אַלֶע שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוּם צוּ קוּקְן וִוי דֶער צִיגַיינֶער וַוארְפְט זִיךְ אוּן זִינְגְט, אוּן דֶערְוַוייל פַארְגֶעסְט מֶען אִינְגַאנְצְן פוּן חָתָן, עֶר דַארְף זִיצְן אִין דִי זַייט וְכוּ' וְכוּ'.

**אַזַא** פָּנִים הָאבְּן דִי יוּנְגֶעלַייטְלֶעךְ וָואס עֶס הָאט זִיךְ פַארְגְלִיסְט פַאר זֵיי צוּ זַיין מַנְהִיגִים פִירֶערְ'ס (פַארְפִירֶערְ'ס), עֶס אִיז דָא אִין לִקּוּטֵי תְּפִילוֹת כַּמָּה וְכַמָּה תְּפִילוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיךְ זָאל טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶתְ'ן מַנְהִיג וָואס וֶועט מִיר נִישְׁט פַארְפִירְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ל"ט) אַז מֶען דַארְף בִּיטֶער וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים לוֹיט אוּנְזֶערֶע נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה, עֶר זָאל אוּנְז שֶׁענְקְן אַ מַנְהִיג רוֹעֶה נֶאֱמָן וָואס קֶען אִין

אוּנְז אַריינְשַׁיינֶען גֶעטְלִיכְקֵייט, אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פוּן יֶעדֶע זַאךְ וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, גֶעבּ אַכְטוּנְג מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן, אוּן מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן וָוארוּם דִי וֶועלְט נַארְט אַיךְ; אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַריין דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְצְן אַריין, אוּן הַאלְט זִיךְ נָאר בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן יִרְאֵי הַשֵּׁם וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יִרְאָה חֵלֶק ב' סִימָן ט') אֵלּוּ הַמְקוֹרָבִים לְיִרְאֵי הַשֵּׁם גַּם הֵם זוֹכִים לְיִרְאָה וּלְדַעַת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער תָּמִיד**

## רעה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר דְּבָרִים ב' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵוי צוּ הֶערְן וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דִי חַזַ"ל הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט (סוּכָּה נב:) אִם פָּגַע בְּךָ מְנוּוָל זֶה מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ אִם אֶבֶן הוּא נִימוֹחַ אִם בַּרְזֶל הוּא מִתְפּוֹצֵץ; אוֹיבּ דֶער מְנוּוָל דֶער

עֶקְלְדִיגֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ אִין דִיר אַרַיינְגֶעכַאפְּט, זָאלְסְטוּ אִים אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶעמָאלְט, אֲפִילוּ עֶר וֶועט זַיין הַארְט ווִי אַ שְׁטֵיין אוּן שְׁטַארְק ווִי אַ אַייזְן וֶועט עֶר צוּגֵיין אוּן צוּקְלַאפְּט וֶוערְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז עֶר מְבַטֵל זַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:) אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע בָּרָאתִי תּוֹרָה תַּבְלִין כְּנֶגְדוֹ; דֶער זֶעלְבֶּער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער עֵצָה אִים צוּ צוּבְּרֶעכְן אִיז לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן שׁוֹין אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע תַּאֲווֹת אוּן טוּעֶן אָפּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן זֵיי זִינְקְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ חוֹק קָבוּעַ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָּךְ וְכָךְ אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זֵיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ, אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט דָאס כָּךְ וְכָךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימוּד חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס הַארְגֶעט אַוֶועק דֶעם יֵצֶר הָרַע אִינְגַאנְצְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט

אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה).

**יֶעצְט** אַז דוּ ווילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְפַאנְגֶען הַיינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה הָאט דֶעם כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית ווי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דֶער רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָ"ה, וָוארוּם דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט מֶען אַרוֹיס זַיין נֶפֶשׁ פוּן שְׁאוֹל; חַזַ"ל זָאגְן אוֹיבֶּעט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה כ"ב סִימָן ו') **אִם בָּא יִצְרְךָ לְהַשְׁחִיקְךָ דוֹחֵהוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה.**

**וֶועט** מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה מְבַטֵל צוּ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרַע, נָאר דוּרְךְ לִימוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין אַנְדֶערֶע עֵצוֹת, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט נִתְגַּבֵּר וֶוערְן אוֹיף דִיר דַיין יֵצֶר הָרַע, אִיז אַ סִימָן אַז דוּ לִיגְסְט נָאךְ אִין דַיין רִשְׁעוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן פ"א) **מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְבַטֵּל אֶת הַיֵּצֶר הָרַע עַל יְדֵי הַמְשָׁכַת אוֹתוֹ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ יֵדַע שֶׁעֲדַיִין בְּרִשְׁעוֹ קַיָּים.**

**אִיבֶּערְדֶעם** פָּאלְגְ מִיר, הֵייבּ אָן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר אַזוֹי ווִי אַ פַייעֶר וְכוּ' וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') **דָאס אַ מְשׁוּגֶעגֶער פַארְשְׁטֵייט**

נִישְׁט נָאר אַ שְׁטֶעקְן, פוּן דֶעם הָאט עֶר מוֹרָא, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ מְשׁוּגָע ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג') אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַ שְׁטֶעקְן וָואס עֶס צוּבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן פוּן דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא, אִיבֶּערְדֶעם זוּכְט דֶער יֵצֶר הָרַע אַלֶע עֶרְלֵיי מִצְווֹת וְכוּ' דֶער עִיקָר עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה, עֶר אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְווֹת אַבִּי לֶערְן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, וַוייל פוּן תּוֹרָה הָאט עֶר זֵייעֶר זֵייעֶר מוֹרָא.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער תָּמִיד**

## רעט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר דְּבָרִים ב' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן, וָואס דֶער אֱמֶת'ן בִּין אִיךְ גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ קַיין נַייעֶ זַאכְן, אִיךְ חַזֶר נָאר אִיבֶּער דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס וֶוערְטֶער, אִיבֶּערְדֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיף דִיר זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן אַלֶע

נַארִישְׁקַייטְן און דו הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ פִירְן ווִי אַ עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן.

**אָבֶּער** אִיךְ מִיז דִיר בֶּעטְן און דֶערְמָאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אָרְחוֹת צַדִיקִים שַׁעַר הַגַּאֲוָה) אַל יִתְעַצֵּל מִלְנַצֵּחַ יֵצֶר הָרַע יוֹם יוֹם, וְזֶה נִקְרָא מִלְחָמָה גְדוֹלָה. כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ בְּאֶחָד מִן הַחֲסִידִים. שֶׁפָּגַע בָּאֲנָשִׁים הַבָּאִים מִן הַמִּלְחָמָה וְשָׁלְלוּ שָׁלָל גָדוֹל. אָמַר לָהֶם, שַׁבְתֶּם מִמִּלְחָמָה קְטַנָּה, וַעֲדַיִין אַתֶּם עֲתִידִים לַמִּלְחָמָה גְדוֹלָה. אָמְרוּ לוֹ, מַה הִיא הַמִּלְחָמָה? אָמַר לָהֶן, הַיֵּצֶר וְחֵילוֹתָיו! כִּי כָּל אוֹיֵב שֶׁיֵּשׁ לְךָ, שֶׁתְּנַצֵּחַ אוֹתוֹ פַּעַם אַחַת אוֹ שְׁתַּיִם אוֹ שָׁלֹשׁ, אָז יַנִּיחַ אוֹתְךָ; אֲבָל הַיֵּצֶר אֵינוֹ פּוֹסֵק מִמְּךָ אַף אִם יִהְיֶה נָצוּחַ מֵאָה פְּעָמִים, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, וְאַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ (אָבוֹת פ"ב מ"ד), כִּי כָּל יָמֶיךָ יֶאֱרַב לְךָ אוּלַי תַּעֲלִים עֵינֶיךָ מִמֶּנּוּ, וְאִם יְנַצְּחֶךָ בְּקַל שֶׁבְּקַלּוֹת - סוֹף יְנַצְּחֶךָ בְּחָמוּר שֶׁבַּחֲמוּרוֹת.

**דָאס** הֵייסְט בְּקִיצוּר דָאס בַּיי סְתַּם אַ מִלְחָמָה אֵיינְמָאל מֶען אִיז מְנַצֵּחַ דֶעם פַיינְט הָאט מֶען מְנוּחָה פוּן אִים אָבֶּער מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר אִיז אַ מִלְחָמָה אוֹיפְן גַאנְץ לֶעבְּן, און אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (מֶדְרַשׁ תְּהִילִים מִזְמוֹר ל"ד) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ"ה, כ"א) "אִם רָעֵב שׂוֹנַאֲךָ הַאֲכִילֵהוּ לֶחֶם". בַּמֶּה הַכָּתוּב מְדַבֵּר, זֶה יֵצֶר הָרַע. אָדָם מְהַלֵּךְ עִם חֲבֵירוֹ שָׁעָה אַחַת נַעֲשֶׂה אוֹהֲבוֹ, וְיֵצֶר הָרַע נוֹלַד עִם הָאָדָם וְגָדֵל עִמּוֹ כָּל יָמָיו. שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית ח' כ"א) "כִּי יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְּעוּרָיו". אִם מָצָא

מָקוֹם לְהַפִּילוֹ בֶּן עֶשְׂרִים, בֶּן מ׳, בֶּן ע׳, בֶּן פ׳, הוּא מַפִּילוֹ. יֵשׁ לְךָ שׂוֹנֵא גָּדוֹל מִזֶּה. אָמַר רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן אִם עָמַד עָלֶיךָ יֵצֶר הָרַע הַאֲכִילֵהוּ מִלְחָמָה שֶׁל תּוֹרָה.

**דָאס** הֵייסְט אַז אֵיין מֶענְטְשׁ מִיט אַ צְוֵויטְן זֶענֶען יֶעצְט שׂוֹנְאִים אוּן אֵיין שָׁעָה קֶענֶען זֵיי וֶוערְן גוּטֶע פְרֵיינְד, אָבֶּער נִישְׁט דֶער יֵצֶר הָרַע, עֶר וֶוערְט גֶעבָּארְן מִיטְן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר וַואקְסְט מִיטְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר קֶען אִים אַרָאפְּוַוארְפְן וַוארְפְט עֶר אִים גְלַייךְ אַרָאפּ, אַז עֶר קֶען אִים אַרָאפְּוַוארְפְן וֶוען עֶר אִיז אַלְט צְוָואנְצִיג יָאר וֶוערְט עֶר נִישְׁט מִיד אוּן עֶר וַוארְפְט אִים אַרָאפּ דֶעמָאלְטְס, וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט אִים אַרָאפְּוַוארְפְן נָאר בַּיי דִי פֶערְצִיג וַוארְפְט עֶר אִים אַרָאפּ בַּיי דִי פֶערְצִיג, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי זִיבֶּעצִיג אוּן בַּיי דִי אַכְצִיג וֶוערְט נִישְׁט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיד, אוּן עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, כָאטְשֶׁע דוּ הָאסְט מִיךְ צוּגֶעזָאגְט אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין זַיין גוּט, זָאלְסְטוּ זַיין גֶעוָוארְנְט פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע עֶר זָאל דִיר נִישְׁט מַכְשִׁיל זַיין וָוארוּם דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אוֹיף אֵיינְמָאל, אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן אָן רַחְמָנוּת, אוּן דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אַן אַלְטֶער גָרוּשׁ וְכוּ׳, מַמָשׁ עֶלְנְד (אַ הָאמְלֶעס בְּלַעֲ״ז), דַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט דִיר וְכוּ׳, קֵיינֶער וֶועט זִיךְ אוֹיף דִיר נִישְׁט אוּמְקוּקְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם זַיי זִיךְ גוּט מְיַישֵׁב וָואס דוּ טוּהסְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"ח)
אִיבֶּער אַ תַּאֲוָה פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה קֶען מֶען אָנְוֶוערְן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט, אוּן מִיט דֶעם לָשׁוֹן הָאט עֶר גֶעזָאגְט "אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא". דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מה.) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמִי שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; וְאָמַר הֶחָכָם "אֵין חוֹצֵץ בִּפְנֵי הַתַּאֲוָה כְּעֲצִימַת הָעֵינַיִם" וְאָמַר "אֵין לְךָ אֵבֶר בְּאֵבְרֵי הָאָדָם שֶׁיִגְרוֹם לוֹ מִכְשׁוֹל כְּמוֹ הָעֵינַיִם", עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא אָפְּהִיטֶער פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַז עֶס זָאל נִישְׁט בְּרֶענֶען אִין אִים דֶער יֵצֶר הָרַע וִוי הִיטְן דִי אוֹיגְן, אַז מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין שְׁמוּץ, בְּרֶענְט נִישְׁט אִין אִים דֶער יֵצֶר הָרַע.

**אִיךְ** הָאף אַז אִיךְ וֶועל דִיר נִישְׁט דַארְפְן מֶער שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם, נָאר בַּאטְרַאכְט גוּט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין שְׁלֶעכְטֶע וֶועג וְכוּ' וְכוּ', וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אַן אַלְטֶער גָרוֹשׁ אָן רַחְמָנוּת, וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן וַואלְגֶערְן פוּן פְּלַאץ צוּ פְּלַאץ, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ זֵייעֶר בִּיטֶער זַיין אִין לֶעבְן וְכוּ', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין זֵייעֶר שְׁפֶּעט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער תָּמִיד**

# רפ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר דְּבָרִים ב' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, וָוארוּם פּוּנְקְט וִוי מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען, אַזוֹי דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן ר"מ סְעִיף כ"ד) חַיָּיב אָדָם לְכַבֵּד חָמִיו; אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר בֶּן אִישׁ חַי - הִלְכוֹת שָׁנָה שְׁנִיָּה - פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, חַיָּיב בִּכְבוֹד חָמִיו וְלָכֵן דָּוִד הַמֶּלֶךְ קָרָא אֶת שָׁאוּל חָמִיו אָבִי, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוּאֵל א' כ"ד) וְאָבִי רְאֵה גַּם רְאֵה וְגוֹ' וְהוּא הַדִּין דְּחַיָּיב בִּכְבוֹד חֲמוֹתוֹ, וְכֵן הָאִשָּׁה חַיֶּיבֶת לְכַבֵּד חָמִיהָ וַחֲמוֹתָהּ.

**אוּן** דוּ זָאלְסְט וויסְן דָאס עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וָואס עֶס צוּבְּרֶעכְט דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק וִוי דֶער מַאן רֶעדְט אוֹיף זַיין וַוייבּ'ס עֶלְטֶערְן, אָדֶער דָאס וַוייבּ רֶעדְט אוֹיף דִי מַאן'ס עֶלְטֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף דָאס יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין זַייעֶר צוּזַאמְלֶעבְּן דִי עֶלְטֶערְן, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אַ עַזוּת פָּנִים נִישְׁט פַאר טַאטֶע מַאמֶען, אוּן נִישְׁט פַאר שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק וָואס זֵיי נֶעמֶען

דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין גֶעדַאנְק אַז זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי זָאלְן נָאר נִישְׁט טוּן, דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן.

**עֶס** אִיז לֵיידֶער דָא עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען קְלֵיין קֶעפְּל'דִיג, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט פּוֹעֶל'ן בַּיי זִיךְ וואוּ אִיז מַיין זוּהְן אָדֶער מַיין טָאכְטֶער אַוֶועק פוּן אוּנְז און חֲתוּנָה גֶעהַאט וְכוּ', טוּעֶן זֵיי אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ שְׁטֶערְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת, זֵיי הֶעצְן אוֹיף אָדֶער דֶעם זוּהְן אוֹיף זַיין וַוייבּ, אָדֶער דִי טָאכְטֶער אוֹיף דִי מַאן וְכוּ', און אַזוֹי וִוי מֶען לֵייגְט הָאלְץ אוֹיף אַ פַּייעֶר בְּרֶענְט דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק וְכוּ', אַזוֹי אוֹיכֶעט אַז מֶען הֶעצְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס אִיז מֶען גוֹרֵם אַז דָאס פָּארְפָאלְק זָאל זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן, בִּיז עֶס קוּמְט צוּ אַ גֶט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף דָאס פָּארְפָאלְק פָּארְנֶעמֶען זִיךְ אַז זֵיי מִישְׁן נִישְׁט אַרַיין אִין זֵייעֶר צוּזַאמְלֶעבְּן בֵּיידֶע'נְס עֶלְטֶערְן, וִוי דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב') "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד", מֶען מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין עֶלְטֶערְן אִין דָאס פָּארְפָאלְקְס צוּזַאמֶען לֶעבְּן, אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט הֶערְן הֶעצֶעֲרֵיי פוּן עֶלְטֶערְן, נִישְׁט דֶער מַאן אוֹיפְן וַוייבּ, און נִישְׁט דֶער וַוייבּ אוֹיפְן מַאן, עֶטְץ הָאטְס חֲתוּנָה גֶעהַאט, זָאלְט עֶטְץ יֶעצְט פִירְן עֶנְקֶער אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן.

**אַז** דוּ און דַיין וַוייבּ וֶועלְן מִיר פָאלְגְן און וֶועלְן זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועט עֶטְץ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אַוַודַאי און

אַוודַאי דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, און כִּיבּוּד חָמִיו וְחַמוֹתוֹ, דָאס אִיז אַלֶעס זַיי צוּ גֶעבְּן כָּבוֹד, און נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וִויכּוּחִים מִיט זַיי, אָבֶּער וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט אִין עֶנְקֶער צוּזַאמֶען לֶעבְּן, דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קַיין הֶעצֶעַריי.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רפא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר דְבָרִים ב' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶעה צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט אַ מִנְיָן שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וֶועט נִמְשָׁךְ וֶוערְן אוֹיף דִיר דִי הַשְׁגָּחָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים כִּבְיָכוֹל וֶועט אוֹיף דִיר שְׁטֶענְדִיג קוּקְן, ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֵיינֶער הָאט אַ קְבִיעוּת צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרַיי תְּפִילוֹת, אוֹיבּ עֶר פַארְפֶעלְט אֵיין תְּפִלָּה פְרֶעגְט שׁוֹין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִים, ווי אִיז עֶר?, און וֶוען דִי הַשְׁגָּחָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, דֶעמָאלְט וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ גֶדֶר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין טָאג דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן, עֶס וֶועט דִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט, דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, ווִידֶער זָאגְן דִי חַזַ"ל (בְּרָכוֹת ח.) אֵימָתַי עֵת רָצוֹן בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְלִין; וֶוען מֶען דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן דֶעמָאלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

## רפב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר דְּבָרִים ג' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ'.

דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ טִיפְן לִימּוּד (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן; דָאס וָואס דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן אוּן בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ מוֹרָא'דִיגְן עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁט ווַייל דוּ שְׁפִּירְסְט אַז

דו הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיפְן רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', דָאס וַוייזְט אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה אוּן דוּ וֵוייסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּן זַאכְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט טוּן וְכוּ', אָבֶּער דַארְפְסְטוּ ווִיסְן מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט דַיין וֵוייטָאג, דָאס אַלֵיין וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגְן אַז דוּ זָאלְסְט אִין זִיךְ אַריינְנֶעמֶען אַז דוּ הָאסְט אַ תַּקָּנָה אוּן דוּ קֶענְסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, וָוארוּם דֶער זֶעלְבֶּער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זִינְדִיגְן וְכוּ', דֶער זֶעלְבֶּער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז עֶר אִים מְקַבֵּל גְלַייךְ וְכוּ'.

דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') אִיז ווִידוּי דְבָרִים, מֶען דַארְף זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוֹיסְזָאגְן יֶעדֶע זַאךְ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, ווִי עֶר זָאגְט דָארְטְן "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַודּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח" וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן דִי זִינְד גֵייעֶן אַרַיין אִין זַיינֶע בֵּיינֶער אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִילִים לד) "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", וֶוער הַארְגֶעט אָפּ דֶעם רָשָׁע? דֶער רָעָה, דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָוארוּם דוּרְךְ יֶעדֶע לַאו וָואס אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר חָלִילָה וְחַס, וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער דֶער חֵטְא, אוּן דָאס אִיז זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים.

**דֶערְפַאר** זֶעט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן פַאלְט עֶר אַרַיין אִין אַ מוֹרָא'דִיגֶע דִיפְּרֶעסְיֶע, עֶר וֶוערְט מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג אוּן צוּבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', (נִישְׁט ווִי טִיפְּשִׁים זָאגְן, אָהָ וַוייל עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ דֶעם אָדֶער יֶענֶעם דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ עַצְבוּת וְכוּ', אָדֶער עֶר לֶערְנְט זוֹהַר אָדֶער תִּיקוּנִים דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ עַצְבוּת וְכוּ') טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט מֶען נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיבּ מֶען זֶעט אֵיינֶער אִיז מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג אֵיינֶער אִיז צוּגֶעלֵייגְט, אֵיינֶער אִיז דֶערְבִּיטֶערְט, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, בִּפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית, וָואס דָאס אִיז מְטַמְטֵם דֶער הַארְץ אוּן מְטַמְטֵם דֶעם מוֹחַ, אוּן עֶר הָאט פִיל מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען דַארְף גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה גֵייעֶן אַרוֹיס דִי עֲווֹנוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה מַרְגִישׁ צוּ זַיין אֱלֹקוּת, פוּן וַואנֶעט וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין אֱלֹקוּת? וֶוען ס'קוּמְט אִין אִים אַרַיין אַ מֶעכְטִיגֶע שִׂמְחָה אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן זַיין תְּשׁוּבָה, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ" דָארְטְן הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, אוּן

דָאס אִיז דֶער סִימָן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זַיין תְּשׁוּבָה אִיז מְקוּבָּל גֶעוָוארְן אִין הִימְל, אוֹיבּ עֶר אִיז גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַן אַנְדֶערְן, אָבֶער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ נָאךְ דֶערְשְׁלָאגְן, דֶעפְּרֶעסְט, טְרוֹיעֶרִיג וְכוּ' וְכוּ', אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דַארְף נָאךְ אַסַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר פַארְרֶעכְטְן אַלְסְדִינְג אוּן קֶען קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין דִי וֶועלְט, אוּן פַארְקֶערְט וָואס נִידְרִיגֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעפַאלְן, אוֹיבּ עֶר טוּט תְּשׁוּבָה קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ד) מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין שָׁם צַדִיקִים גְמוּרִים אֵינָם יְכוֹלִים לַעֲמוֹד; וָוארוּם אַז אֵיינֶער אִיז אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אוּן עֶר שְׁפִּירְט בֶּאֱמֶת זַיין וֵוייטָאג, דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַז עֶר זָאל גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער וְכוּ'.

**זְוִיסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אַזוֹי ווִי סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְבָרִים א' כ"ז) "וַתֵּרָגְנוּ בְאָהֳלֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ בְּשִׂנְאַת הַוַיָ"ה אֹתָנוּ הוֹצִיאָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" וְגוֹ'. זָאגְט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ, וְהוּא הָיָה אוֹהֵב אֶתְכֶם אֲבָל אַתֶּם שׂוֹנְאִים אוֹתוֹ וְכוּ'; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאגְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל זָאגְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז עֶר הָאט עֶנְק לִיבּ, נָאר אִיר הָאט אִים פַּיינְט

וְכוּ', דָאס מֵיינְט דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט יֶעדְן אִיד לִיבּ, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אִיז זַיין קִינְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים יד) "בָּנִים אַתֶּם לְהַוָיָ"ה אֱלֹקֵיכֶם" נָאר דֶער מֶענְטְשׁ מַחֲמַת זַיינֶע זִינְד וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים פַּיינְט, אָבֶער אִין דֶער אֱמֶת'ן הָאט דֶער וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט פַּיינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, רֶעדְט עֶר זִיךְ אַיין אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים פַּיינְט.

**אוּן** אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) פוּן אוֹיבְן קוּמְט נָאר אַרָאפּ אַ אוֹר פָּשׁוּט, כִּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ לֶעבְּט וָואס עֶר מַאכְט לֶעבְּטִיג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף מְצַייר זַיין אוּן אוֹיסְמָאלְן דֶעם לֶעבְּט לְטוֹבָה, אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר הִיט דִי תּוֹרָה אוּן דִי מִצְווֹת מָאלְט עֶר אוֹיס כִּבְיָכוֹל דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַאר גוּט, אַז עֶר אִיז גוּט צוּ מִיר, אוּן עֶר הָאט מִיךְ לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט מִיךְ אַוַודַאי הֶעלְפְן, עֶר הָאט מִיךְ גֶעהָאלְפְן אוּן הֶעלְפְט מִיר אוּן וֶועט מִיר הֶעלְפְן וְכוּ' וְכוּ'.

**אָבֶער** אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז אִים דֶער מֹחַ פָּגוּם אוּן ס'דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אִים נָאר שְׁלֶעכְט אוּן הָאט אִים פַּיינְט אוּן וִויל אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַזוֹי בּוֹיעֶט עֶר אוֹיף בַּיי זִיךְ אַ אַ פִינְסְטֶערְן בִּילְד, בִּיז עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז פוּן הִימְל דַארְף

מֶען אִים נִישְׁט הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן אוּן אַ אַיינְרֶעדֶענִישׁ וָואס סְ'קוּמְט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, וָוארוּם וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, דֶער וֵוייסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים לִיבּ, וְעָלָיו הָרְאָיָה, קוּק, דוּ הָאסְט אוֹיגְן אוּן דוּ קֶענְסְט זֶען, דוּ הָאסְט אוֹיעֶרְן אוּן דוּ קֶענְסְט הֶערְן, הָאסְט אַ נָאז אוּן דוּ קֶענְסְט אָטֶעמֶען, הָאסְט אַ מוֹיל אוּן דוּ קֶענְסְט רֶעדְן, הָאסְט הֶענְט אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ בַּאוֶועגְן, הָאסְט פִּיס אוּן דוּ קֶענְסְט גֵיין, אִלְמָלֵא סְ'זָאל אַזוֹי זַיין וִוי דוּ הָאסְט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ פַּיינְט, וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט נִישְׁט זֶען אוּן נִישְׁט הֶערְן אוּן נִישְׁט אָטֶעמֶען אוּן נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט בַּאוֶועגְן זִיךְ אוּן נִישְׁט גֵיין וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם אַרוֹיס דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת פוּן קָאפּ אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל זִיךְ נָאר נוֹקֵם זַיין

אִין דִיר וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס אַיינְרֶעדֶענִישְׁן וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם רֶעדְט אַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס עֶס וֶוערְט מִיט אִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וָואלְט עֶר זִיךְ מֶער בַּאפְלַייסְט צוּ דַאוֶונֶען עֶרְלִיךְ, אוּן לֶערְנֶען עֶרְלִיךְ אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹות עֶרְלִיךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וָואס אִיז שַׁיָּיךְ, אַ אִיד, טוּט עֶר אַזַא מַאךְ מִיט דִי הֶענְט וֶוערְט אַזוֹי אִין

דִי עוֹלָמוֹת, טוּט עֶר אַזוֹי אַ מַאךְ מִיט דִי הֶענְט וֶוערְט אַזוֹי אִין דִי עוֹלָמוֹת וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַז יֶעדֶע תְּנוּעָה אוּן תְּנוּעָה וָואס אַ אִיד טוּט אִיז עֶר גוֹרֵם גְרוֹיסֶע יִחוּדִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם אַרוֹיס פוּן זִיךְ דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט דִי אַרְגְסְטֶע זִינְד קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן וֶועט דָאס זַיין פַאר דִיר אַ מוֹרָא'דִיגְן זְכוּת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אִין אוּמַאן, אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינֶעט וֶועגְן, אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס זַיי הֵייסְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי, וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אִיבֶּערְדֶעם לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

**וּמִכָּל** שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם, וָוארוּם דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט קֶען עֶר פַארְרֶעכְטְן אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי גֶעפַאלְן וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז אִים שְׁוֶוער זַיי מְתַקֵן זַיין, אָבֶּער

ראֹשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר אַלֶעם מְתַקֵּן זַיין, וּבִפְרַט ראֹשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִּין מֶען מִשְׁפָּט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען מוּז הָאבְּן בַּיי אַ מִשְׁפָּט אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר, אַ אַדְוָואקַאט, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיסְפּוֹעֶל'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר פַאר דִיר אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רפג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּקַטְנוּת הַמּוֹחִין קֶען עֶר קוּמֶען צוּ דִי אַרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, לְהֵיפֶךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים דֶעמָאלְט אִיז עֶר בַּאשִׁיצְט אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג בְּגַדְלוּת הַמּוֹחִין, שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר

אִיז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וָואס מֶען זֶעט פַאר דִי אוֹיגְן דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַלֶעס אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף, אִין דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ גוּט אַרַיינְלֵייגְן, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן דֶעם שְׁטֶענְדִיג, וֶוערְט עֶר גֶערֵיינִיגְט פוּן אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיס נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיךְ טוּן.

**דֶער** גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן גָאוֹן רֶבִּי חַיִים וָואלָאזְשֶׁענֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּ דִי יְדִיעָה בְּרוּרָה, אַ לוֹיטֶערְע וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶערְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעי מִינוּט הָאט עֶר אַ יְשׁוּעָה, אָבֶער אַזוֹי וִוי נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, דָאךְ, אֶפְשָׁר וְכוּ', דֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן וְכוּ', דֶער וֶועט זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ וְכוּ', אִיךְ וֶועל טוּן דָאס וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אִיךְ וֶועל טוּן יֶענְץ וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז אִים אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אָבֶער דִי מִינוּט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר ווייסְט אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט וָואס זָאל אִים הֶעלְפְן נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעמָאלְט זֶעט עֶר אַ יְשׁוּעָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶע טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## רפד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**בָּאטְשֶׁע** מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועל אִיךְ אָפְּשְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז דֶער יְסוֹד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שִׂמְחָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ זֶען צוּ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, וָואס דָאס אִיז אַ שִׂמְחָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין, יֶעדֶע שִׂמְחָה קֶען זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אָנְטְשֶׁעפֶּען, אַזוֹי זֶעט אוֹיס אַ אִיד? אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן? אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה, אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ דָאס עֶר אִיז אַ אִיד אוּן עֶר גְלֵייבְּט אוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט דֶעם אִיז עֶר מְקַיֵּים אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, קֵיינֶער כַּאפְּט נִישְׁט, יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוַות עֲשֵׂה שֶׁל יִחוּד הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אִיךְ בִּין אַ אִיד, אוּן אִיךְ

גֵיי מִיט צִיצִית, אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הִיט שַׁבָּת אוּן עֶס כָּשֵׁר וְכוּ' וְכוּ', מִיט דֶעם אִיז עֶר מְקַיֵּים מִצְווֹת לָרוֹב, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶען מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן.

**עֶס** אִיז דָא אַ שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם דוּ טוּה גוּטְס, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מְמֵילֶא אַרָאפְּפַאלְן, דָאס הֵייסְט אַ אִיד דַארְף נָאר טוּן מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן מְקַיֵּים זַיין מִצְווֹת בְּשִׂמְחָה, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מְמֵילֶא אַרָאפְּפַאלְן.

**תְּשׁוּבָה** אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, וָואס אִיז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דָאס הֵייסְט ווִידּוּי דְבָרִים, אוּן חַזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁמִּיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲווֹנוֹתֵיהֶם מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם שֶׁנֶּאֱמַר (וַיִּקְרָא כ"ו) "וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם וְאֶת עֲוֹן אֲבוֹתָם בְּמַעֲלָם אֲשֶׁר מָעֲלוּ"; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען שְׁטֶענְדִיג זָאגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, אוּן עֶר וֶועט דִיךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין.

**נָאר** זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן רֶעד שְׁטֶענְדִיג מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן שִׂמְחָה, אוּן זַיי מְחַזֵּק מֶענְטְשְׁן וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

**הַמְּאַחֵל לְךָ שַׁבָּת שָׁלוֹם וּמְבוֹרָךְ**

# רפה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**נֶעכְטְן** בַּיינַאכְט לֵיל שִׁשִּׁי אַנְשְׁטַאט דֶעם וָואכֶענְדִיגְן שִׁיעוּר, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַ הֶסְפֵּד אוֹיף דֶעם טַייעֶרְן אִינְגֶעלֶע לֵייבֶּעלֶע זַ"ל וָואס אִיז אַזוֹי טְרַאגִישׁ פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן, אוּן אוֹיף דֶעם צַדִּיק תָּמִים רֶבִּי אֶלְעָזָר אַבּוּחַצִירָא זַצַ"ל, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט פַאר וִויכְטִיג דָאס צוּ טוּן, וַוייל עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רַבֵּינוּ הַמְּאִירִי אוֹיף דִי גְמָרָא (יְבָמוֹת ע"ח) שָׁאוּל שֶׁלֹּא נִסְפַּד כְּהֲלָכָה וְכוּ', זָאגְט עֶר מִיט דֶעם לָשׁוֹן "צָרִיךְ לֵידַע שֶׁכָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁלֹּא נִסְפַּד כַּהֲלָכָה, רְאוּיִים הַצִּיבּוּר שֶׁנִּתְרַשְּׁלוּ בְּכַךְ לֵעָנֵשׁ עָלָיו" וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן אִיבֶּער צְוֵויי נְקוּדוֹת וְכוּ', אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז עֶס וֶועט זַיין דֶער גַאנְצֶער שְׁמוּעֶס אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, דֶערְוַוייל אִיז עֶס גֶעוֶוען אִיבֶּער צְוֵויי שָׁעָה.

**דֶער** תַּמְצִית אִיז גֶעוֶוען דָאס וָואס מֶען הָאט צוּשְׁנִיטְן דָאס טֵייעֶר קִינְד וְכוּ', דַארְף אוּנְז מְעוֹרֵר זַיין אַז מֶען נֶעמְט אוֹיף אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה קָאלִיקֶעס פַאר מְלַמְּדִים, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן עֶר אִיז אַ שְׁלִימַזָל וְכוּ', אוּן קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁלָאגְן צוּ קַיין שׁוּם פַּרְנָסָה וְכוּ', וֶוערְט עֶר אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי

זִיךְ אוּמְקוּמֶען מִיט קִינְדֶער, אַ קִינְד דַארְף מֶען נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן קַיין קִינְדֶער, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, דֶער קִינְד זָאל הָאבְּן אָפְּגֶעטוּן וָואס עֶר זָאל נָאר נִישְׁט הָאבְּן אָפְּגֶעטוּן, אַ קִינְד דַארְף מֶען אוֹיפְהֵייבְּן, דָאס אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵד, אָבֶער אוֹיבּ אַ מְלַמֵד קְלַאפְּט אַרָאפּ קִינְדֶער, שְׁפֶּעט פוּן קִינְדֶער, שְׁלָאגְט קִינְדֶער מִיט רְצִיחָה וְכוּ', דֶער אִיז אַ רוֹצֵחַ פּוּנְקְט ווִי דֶער רוֹצֵחַ וָואס הָאט גֶעהַארְגֶעט לֵייבֶּעלֶע זַ"ל, אוּן נָאכְמֶער, פַארְוָואס? וַוייל אוֹיבּ מֶען צוּבְּרֶעכְט אַ קִינְד וְכוּ', מֶען שְׁפֶּעט פוּן אִים פַאר אַלֶע קִינְדֶער וְכוּ', דֶעם שְׁנַיידְט מֶען זַיין נֶפֶשׁ אִינְגַאנְצְן, אוּן עֶר וֶוערְט אַ קַאלִיקֶע דָאס גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר פַארְלִירְט דִי זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְּרָאבְּלֶעם אִינְגְל, אוּן דִי קִינְדֶער גֵייעֶן רַחֲמָנָא לִישֵׁיזְבָן נָאכְדֶעם אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה.

[אִיךְ הָאבּ מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען מִיט סִיפּוּרִים וָואס אִיךְ וֵויים פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע הַאנְט וָואס בָּחוּרִים הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי מֶען הָאט זִיךְ מִיט זֵיי אוֹיפְגֶעפִירְט אִין חֵדֶר אוּן אִין שְׁטוּב וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן קַאלִיקֶעס אוֹיפְן גַאנְץ לֶעבְּן].

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁטָאכְן אַ צַדִיק תָּמִים צְוֵויי מָאל אִין הָארְץ, וָואס דָאס דַארְף זַיין אַ מוּסַר הַשְׂכֵּל וָואס עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ הַיינְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי שְׁטֶעכְן אַרַיין מֶעסֶערְס אוּן שַׁארְפֶע מֶעסֶערְס, אִין

הֶערְצֶער פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף זֵיי כָּל דָבָר אָסוּר, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט אַ מֶעסֶער אוּן מֶען שְׁנַיידְט, וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יִרְמְיָה ט׳ ז׳) ״חֵץ שָׁחוּט לְשׁוֹנָם מִרְמָה דִבֵּר בְּפִיו שָׁלוֹם אֶת רֵעֵהוּ יְדַבֵּר וּבְקִרְבּוֹ יָשִׂים אָרְבּוֹ״ דֶער צִינְג קֶען שֶׁחְטְ׳ן אַזוֹי וִוי אַ שַׁארְפֶער פַייל, מִיט דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אִיז גְרֵייט יֶעדְן מִינוּט אוֹיסְגֵיין פַאר אִים, דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע רְצִיחָה, אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט אַ שַׁארְפְן שְׁפִּיצִיגֶע מֶעסֶער אוּן מֶען שְׁטֶעכְט אִים אַרַיין אִין הַארְץ.

**אוּן** נָאךְ אַרְגֶער אִיז מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער צַדִיק הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דוּרְכְגֶעוֵוייקְט אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיט זֵיי אָפְּגֶעגֶעבְן טֶעג אוּן נֶעכְט, וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים וְכוּ׳, בִּיז עֶר הָאט זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט וְכוּ׳, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳, אוּן צוּם סוֹף דֶעי שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט אוּן רֶעדְן אוֹיף דֶעם צַדִיק כָּל דָבָר אָסוּר, וָוארוּם זֵיי מֵיינֶען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אוֹיבֶעט גֶעוָוארְן מַנְהִיגִים, פִירֶערְס (פַארְפִירֶערְס), אוּן זֵיי הָאבְן שׁוֹין אוֹיבֶעט כְּלוֹמַר׳שְׁט תַּלְמִידִים, אוּן זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים הָאבְן שׁוֹין אוֹיבֶעט כְּלוֹמַר׳שְׁט תַּלְמִידִים, בְּשַׁעַת קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁמוּצִיג אוּן מְזוֹהָם זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ׳.

[**אִיךְ** הָאב אִין דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, אוּן גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת אוּן בַּיישְׁפִּילְן וִוי אַזוֹי

מֶען גִיסְט הַיינְט דָאס בְּלוּט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וְאֵין פּוֹצֶה פֶּה וּמְצַפְצֵף].

גְלֵייב מִיר אַ שָׁאד מֶען הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעדְרִיקְט דֶעם הֶסְפֵּד וָואס הָאט גֶענוּמֶען צְוֵויי שָׁעָה, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן צְוֵויי מוֹרָא'דִיגֶע עִיקְרִים וָואס עֶס פַּאסִירְט בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶערְפַּאר זֶענֶען מִיר גֶעשְׁטְרָאפְּט גֶעוָוארְן אוּן בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים, פוּן אֵיין זַייט אִיז אַ יוּנְג טַייעֶרֶע קִינְד אַזוֹי בְּרוּטַאל צוּשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן אוֹיף טוֹיט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אַ צַדִיק תָּמִים גֶעשְׁטָאכְן גֶעוָוארְן אִין הַארְץ אַזוֹי בְּרוּטַאל אוֹיף טוֹיט, דָאס אִיז אוּנְז מְרַמֵז צוּ זַיין אַז מֶען דַארְף אָנְהֵייבְן מַאכְן אַ בֶּדֶק הַבַּיִת אוֹיף אַלֶע מְלַמְדִים ווִי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף אִין דִי קְלַאסְן מִיט דִי קִינְדֶער, צוּ מֶען שְׁלָאגְט אָדֶער מֶען דֶערְנִידֶערְט דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער וְכוּ', אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט דַארְף מֶען מַאכְן אַ בֶּדֶק הַבַּיִת צוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין שְׁטֶעכְן מִיט אַ שְׁמוּצִיגְן טָמֵא'נֶעם צִינְג עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זֶענֶען דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אִיךְ הָאף אַז עֶס וֶועט זִיךְ גֶעמֶען דִי מִיה אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אָפְּשְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצֶען הֶסְפֵּד, אוּן דָאס אָפְּדְרִיקְן, וָוארוּם אַ זַאךְ וָואס עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעדְרִיקְט בְּלַייבְּט לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, אוֹיכֶעט אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער רַמְבַּ"ם הָאט גֶעזָאגְט, אַ זַאךְ וָואס עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעדְרִיקְט אִיז אַזוֹי ווִי עֶר דַרְשֶׁנְט פַאר צֶען טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן, [אוּן הַיינְט לוֹיט דִי

טֶעכְנֶעלָאגִישֶׁע אַנְטְוויקְלִינְג פוּן דִי וֶועלְט, אַז מֶען דְרִיקְט עֶפֶּעס אָפּ קֶענֶען דָאס זֶען מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן].

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן, אוּן זָאלְן מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, גֶעבְּן אַ גוּטְן חִינוּךְ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף צַדִיקֵי אֱמֶת וָואס זֶענֶען דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר אִים יֶעדֶע מִינוּט, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן טִינוּף וִוי דוּ בִּיסְט גֶעלֶעגְן וְכוּ', אוּן עֶר הָאט דִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן אוּן אָנְגֶעטוּן שֵׁיינֶע זוֹיבֶּערֶע קְלֵיידֶער, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט דִיךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנֶה גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע קְלֵיידֶער פוּן דִי נְשָׁמָה, וְכוּ', וְכוּ', אַז אָךְ אוּן וֵויי וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף אַזַא צַדִיק וָואס הָאט זִיךְ פַאר דִיר מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, אוֹיף דֶעם הָאט שׁוֹין שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ גֶעשָׁאלְטְן (מִשְׁלֵי י"ז) "מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה לֹא תָמוּשׁ רָעָה מִבֵּיתוֹ".

**אַז** וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אִין זַיין הַארְץ, אוּן עֶר טוּט בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה, וֶועט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

# רפו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ה׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעדְרִיקְט אִין אַ בַּאזוּנְדֶער קוּנְטְרֵס דִי אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ.

**אִיךְ** מוּז דִיךְ זָאגְן, סְ'אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אוּן סְ'אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרוֹת, וָוארוּם וָואס מֶען דְרִיקְט אָפּ דָאס בְּלַייבְּט, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער רַמְבַּ״ם הָאט גֶעזָאגְט, אַ זַאךְ וָואס עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעדְרִיקְט אִיז אַזוֹי ווִי עֶר דַרְשֶׁנְט פַאר צֶען טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן, [אוּן הַיינְט לוֹיט דִי טֶעכְנָעלָאגִישֶׁע אַנְטְוִויקְלִינְג פוּן דִי וֶועלְט, אַז מֶען דְרִיקְט עֶפֶּעס אָפּ קֶענֶען דָאס זֶען מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן]. אוּן אִיךְ זֶעה אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר בְּרִיוו פַאר דִי וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֵיינֶען לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַ פִילֶער קוּנְטְרֵס, אִיבֶּער דֶעם זֶעה דָאס צוּ טוּן יֶעדֶע וָואךְ, וֶועט דָאס זַיין אַ אוֹצָר הַמְּנוּצָר, אוּן עֶס וֶועט מְחַזֵּק זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת, וְכוּ׳, וְכוּ׳.

**אוּן** דֶער אֱמֶת׳ן אַרַיין וֶוער אִיז הַיינְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וְכוּ׳ אוּן נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ וְכוּ׳, מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אָן פַּרְנָסָה וְכוּ׳, פַארְזִינְקֶען טִיף אִין חוֹבוֹת וְכוּ׳, מֶען לַיידְט פוּן קִינְדֶער וָואס לֵיידֶער גְלִיטְשְׁן זִיךְ אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁקֵייט וְכוּ׳, וויִפִיל קְרַאנְקֶע אִידְן לִיגְן אִין דִי שְׁפִּיטָעלֶער

וְכוּ', וויפִיל אִידְן לֵיידְער הָאבְּן זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶעְרְט מִיטְן גֶעזֶעץ אוּן זֵיי זִיצְן אִין דִי תְּפִיסוֹת וְכוּ', עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא קַיין הוֹיז וָואס דָארְטְן זָאל נִישְׁט זַיין עֶפֶּעס אַ צָרָה, אוּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים קֶענֶען רַאטֶעוֶועֶן אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען אַ הָאפְפֶענוּנְג וְכוּ', אוּן עֶס זָאל לֶעבְּטִיג וֶוערְן, מֶען זָאל שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זַיין גְרוֹיס רַחְמָנוּת וָואס עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') דָאס דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת אִיז מַמְשִׁיךְ דִי רַחְמָנוּת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה פוּן דִי וָואךְ אָפְּדְרִיקְן אֲפִילוּ פְּרָאוֶועזָארִישׁ דִי אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין דִי וָואךְ (אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט אָפְּגֶעטֵייפְּט פוּן פַּרְשַׁת מַסְעֵי) דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט קַיין אַהנוּנְג וָואסֶערֶע זְכוּת הָרַבִּים דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעטוּן, מַמָּשׁ אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים דֶערְקְוִויקְן זִיךְ פוּן דֶעם, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְץ חַיוּת, אַז וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַזַא זְכוּת הָרַבִּים.

וְוִיפִיל מֵיינְסְטוּ לֶעבְּט אַ מֶענְטְשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם? זִיבֶּעצִיג יָאר אָדֶער אַכְצִיג יָאר וְכוּ', אַזוֹי ווִי סְ'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צ') "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרוֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה" וְגוֹ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) דָאס דִי זִיבֶּעצִיג יָאר פְלִיט דוּרְךְ אַזוֹי ווִי אַ פֶערְטְל שָׁעָה, [ווִי אִיךְ קֶען דִיר מֵעִיד זַיין, אָט גֶעדֶענְקְט אִיךְ ווִי מְ'הָאט מִיר חַלַּקֶה'ט בַּיי דִי דְרֵיי יָאר, אוּן אָט בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ בֶּן שִׁבְעִים וְכוּ', עֶס אִיז דוּרְכְגֶעלָאפְן שְׁנֶעל ווִי אַ פֶערְטְל שָׁעָה].

**אִיבֶּערְדֶעם** כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט דַארְף עֶר טוּן חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן דֶער עִיקָר חֶסֶד אִיז אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן אִיד פוּן קַטְנוּת הַמוֹחִין וְכוּ', פוּן עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁט וְכוּ', צוּ גַדְלוּת הַמוֹחִין וְכוּ', עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט.

**גְלַייבּ** מִיר אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מְקַנֵא אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס דוּ טוּהסְט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר שֶׁענְקְן אַסַאךְ גֶעלְט זָאלְסְט קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## רפז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**הַיינְט** אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן דֶעם הָאֲרִ"י הַקָדוֹשׁ, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם דָגוּשׁ פַאר דִי תַלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן מִיט גְרוֹיס אַחְדוּת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען שְׁטַארְקְן זִיךְ הָאבְּן אַחְדוּת מִיט כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וָוארוּם לֵיידֶער אִיז דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ חָרוּב גֶעוָוארְן נָאר מֵחֲמַת שִׂנְאַת חִנָם, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ט') עֲדַיִין מְרַקֵד בֵּינָן; בִּיז הַיינְט טַאנְצְט בַּיי אוּנְז שִׂנְאַת

חִנָם, מֶען רֶעדְט אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן, מֶען שְׁטֶעכְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן מִיטְן שְׁפִּיצִיגְן שַׁארְפְן צִינְג וְכוּ'.

**דֶער** שַׁבָּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת חֲזוֹן, עַל שֵׁם דִי הַפְטוֹרָה וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ" וְכוּ', אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶעם שַׁבָּת וֶוער ס'הָאט לֶעכְטִיגֶע אוֹיגְן קֶען זֶען מִיט דִי עֵינֵי הַשֵּׂכֶל וִוי אַזוֹי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי וֶועט אוֹיסְזֶען.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן, מִיר זָאלְן זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן זִינְד פוּן שִׂנְאַת חִנָם, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן לֶעכְטִיגֶע אוֹיגְן, אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף מְקוֹמוֹת הַמְזוֹהָמִים וְכוּ', אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע עֶקְלְדִיגֶע גֶעמֵיינֶע פְּרִיצוּת וְכוּ', וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶעם שְׁלֶעכְטְץ.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוּן קוּק נִישְׁט וִוי מֶען טָארְף נִישְׁט קוּקֶען, וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" מֶען קֶען זָאגְן "יְשַׂבֵּרוּ" לָשׁוֹן צוּבְּרֶעכְן, אַז מֶען צוּבְּרֶעכְט דִי תַּאֲוָה וָואס דִי אוֹיגְן ווִילְן קוּקֶען וִוי מֶען טָארְף נִישְׁט, דָאס הֵייסְט עֶר הִיט דִי אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקֶען אוֹיף גֶעמֵיינֶע פְּרִיצוּת, דֶעמָאלְט וֶועט אִים קוּמֶען שֶׁפַע בְּעִתּוֹ וּבִזְמַנּוֹ, אוּן עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# רפה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ה׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן און וֶוער נִישְׁט פַארְלָארְן, וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט שְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט וְכוּ׳, און עֶר וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן גָארְנִישְׁט וְכוּ׳.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, כָאטְשֶׁע בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט דָאס אִים אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער וְכוּ׳, דָאס אִיז אַלֶעם וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה וְכוּ׳, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד זָאל הָאבְּן דֶעם רֵיינֶעם אֱמוּנָה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״ב) וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר וָואלְט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיז דָא בַּיי אִים לֶעבְּן אִים אִין אִים, און דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר גֶערֶעדְט מִיט אִים אָפֶען אַזוֹי ווי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ אַ צְוֵוייטְן וְכוּ׳, נָאר פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט

אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, זָאלְסְט וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶעם קְלַאפּ אִין פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אוֹיבְן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; אוּן אַז מֶען נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה דֶעמָאלְט גֶעוואוֹינְט מֶען זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וִויפֶער מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט גְרִינְגֶער אוֹיפְן הָארְץ.

**זָאלְסְט** וִויסְן אַז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַוֶועקְוָוארְפְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל אוּן וִויסְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס אִיז דִי שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה, גְלֵייבְן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז דָא, אוּן אַז עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶּוה אוּן מְקַיֵּים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַלֶעס אִיז עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן אוֹיף אַזַא אוֹפָן קֶען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה, וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ, וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ זָאלְסְטוּ אוֹיסְזָאגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ וֶועסְט פּוֹעֵלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין אַלֶע אִינְזִיכְטְן.

זֶעה מַאך שָׁלוֹם מִיט דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', וַוייל מֶען דַארְף זייעֶר זייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וָואס דָאס אִיז זייעֶר זייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאך, אוּן אַז מֶען אִיז מְצַעֵר עֶלְטֶערְן חָלִילָה וְחַס בַּאקוּמְט מֶען עֶס נָאכְדֶעם צוּרִיק פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם טוּה גְלַייך תְּשׁוּבָה אוּן בֶּעט מְחִילָה פוּן דַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען, אוּן בֶּעט זֵיי אִיבֶּער, אוּן זָאג זֵיי צִי אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין זַיין גוּט אוּן וואוּיל, שֶׁעם זִיך נִישְׁט, דָאס אִיז דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# רפט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט אוֹיף פִּדְיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל נִמְתָּק וֶוערְן פוּן דִיר אַלֶע דִינִים עַל יְדֵי פֶּלֶא עֶלְיוֹן, אוּן עֶס זָאל נִמְשָׁךְ וֶוערְן אוֹיף דִיר יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת.

זֶעה זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְמָאלְן ווִי דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז נָאר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דִי מַחְשָׁבוֹת

וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן דֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה, וָוארוּם אַז מֶען טְרַאכְט פוּן אֱלֹקוּת וֶוערְט דֶער מֹחַ אִינְגַאנְצְן רֵיין.

**זֶעה** צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וַוייל מִשְׁנֶ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אוּן דִי נְשָׁמָה אִיז מְלוּבָּשׁ מִיט צֶען לְבוּשִׁים, צֶען עֶרְלֵיי מַחְשָׁבוֹת, ווארויל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה הִיטְן שְׁטֶענְדִיג דִי מַחְשָׁבָה, סְ'אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקֶר אִיז דִי מַחְשָׁבָה, אוּן מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאר הִיטְן דִי מַחְשָׁבָה, אַלְסְדִינְג גֵייט דוּרְךְ אוֹיף דִי מַחְשָׁבָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְטְן אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְמָאלְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועסְטוּ אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט וֶוערְן פוּן אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס וֶועט נִמְתָּק וֶוערְן פוּן דִיר אַלֶע דִינִים, דֶער עִיקֶר אִיז זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ד) סְ'הָאט אַ פָּנִים אַז מֶען מוּז זִיךְ פוּן אַ הִרְהוּר זֵייעֶר הִיטְן, וָוארוּם אַ הִרְהוּר רַע רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אִיז פּוֹגֵם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וַוייל מִיט דִי מַחְשָׁבָה קֶען מֶען אַרוֹיפְגֵיין עַד אֵין סוֹף, מִיט דֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג מְצַיֵּיר זַיין דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מַחְשָׁבָה נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן קֵיין שְׁמוּץ אוּן נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אִין מֹחַ מַחְשָׁבָה

קַיין נַארִישְׁקֵייטְן פון צַייטוּנְגֶען און פון אַרְטִיקְלֶען פון אַלֶע מִינֵי שְׁרַייבֶּער'ס וְכוּ' וְכוּ' וָואס אִיז סְתַּם לָשׁוֹן הָרַע און רְכִילוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט** גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ') אַז דִי מַחְשָׁבָה קֶען מֶען בֵּייגְן וִוי מֶען וויל, אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט אַ פֶערְד הָאט דֶער פֶערְד לֵייצֶעס, און מֶען קֶען אִים דְרֵייעֶן וִוי אַהִין מֶען וִויל, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֹחַ מַחְשָׁבָה קֶען מֶען דְרֵייעֶן וִוי אַזוֹי מֶען וויל, הָאט אַ מֶענְטְשׁ אַ רָצוֹן און עֶר וויל דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען עֶר צוּקְלֶעבְּן זַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און סְ'וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, חָלִילָה וְחַס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶער רָצוֹן שְׁלֶעפְּט אִים דֶער מֹחַ מַחְשָׁבָה אִין אַלֶע שְׁמוּץ אַרַיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֵיי אַרוֹיס פון דִיר, הֶער אוֹיף צו טְרַאכְטְן נַארִישְׁקֵייטְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ לִיבּ, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען כְּאִילוּ דֶער כִּבְיָכוֹל אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְכוּ' וְכוּ', כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, מִיט אַ גוּטֶער מַחְשָׁבָה קֶען מֶען קוּמֶען צו דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין דִי בְּרִיאָה, אֵיין סֶעקוּנְד נָאר טְרַאכְטְן מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ אִיז שׁוֹין אַ מִצְוַות עֲשֵׂה פון יִחוּד הַוַיָ"ה, נָאךְ אַ סֶעקוּנְד אִיז נָאךְ אַ מִצְוַות עֲשֵׂה פון יִחוּד הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אִיבֶּערְדֶעם

זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי דִיר, גֶעוואוּין זִיךְ צִי, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְן וֶועסְטוּ זֶען ס'וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# רצ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... שֶׁיִּחְיוּ**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן עֶנְקֶער לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז מְקַצֵר זַיין, נָאר אִיךְ וֶועל עֶנְק שְׁרַייבְּן אַפָּאר נְקוּדוֹת.

**אַ** קִינְד דַארְף שְׁפִּירְן לִיבְשַׁאפְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן, עֶר דַארְף זֶען אַז דִי עֶלְטֶערְן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ אִין זַיין פְּרָאבְּלֶעם, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ קְלֵיין וְכוּ' דַארְפְן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז דִי טַאטֶע מַאמֶע לָאזְן זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵיי, אוּן אֲפִילוּ אַז זֵיי בֶּעטְן קְלֵיינִיקֵייטְן וְכוּ' וְכוּ', דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז בַּיי קִינְדֶער אִיז דָאס גְרוֹיסֶע זַאכְן, פּוּנְקְט ווִי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשׁ אַז עֶר בֶּעט עֶפֶּעס אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט וֶוערְט עֶר צוּבְרָאכְן, אוּן עֶר וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט וְכוּ' וְכוּ', פּוּנְקְט אַזוֹי אִיז אַ קְלֵיין קִינְד, בַּיי אִים אִיז יֶעדֶער קְלֵיינִיקֵייט גָאר גְרוֹיס, עֶלְטֶערְן דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן דַארְפְן ווִיסְן ווִי מַסְבִּיר זַיין דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין

פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דִי גֶעז, וַוייל דָאס קֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן בְּרֶענְגְן צוּ אַ אוּמְגְלִיק וְכוּ׳, דָאס קֶען בְּרֶענְגְן צוּ אַ פַייעֶר וְכוּ׳, מִיט פַּאטְשְׁן און שְׁלָאגְן און שְׁרֵייעֶן וְכוּ׳ וְכוּ׳, קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, אָבֶער מִיט שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין אַזוֹי ווִי מֶען אִיז מַסְבִּיר פַאר אַ גְרוֹיסְן דֶערְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, דָאס קֶען נִיצְן.

**אַז** מֶען גֶעט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט קִינְדֶער וַואקְסְן זֵיי אוֹיף שְׁרֶעקֶעדִיג, און פוּן דֶעם קוּמְט וָואס זֵיי מַאכְן זִיךְ נַאס בַּיינַאכְט וְכוּ׳, וַוייל זֵיי שְׁפִּירְן פַארְלָארְן וְכוּ׳, קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט פַּחַד און מִיט דִיפְּרֶעסְיֶע וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן אַז טַאטֶע מַאמֶע הָאבְן זֵיי נִישְׁט לִיבּ וְכוּ׳, טַאטֶע מַאמֶע גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט זֵיי וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְט עֶטְץ בֵּיידֶע ווִיסְן אַז מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגֶעבְּן, קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן זֵיי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן נָאכְדֶעם פוּן דֶעם, זֵיי וֶועלְן שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן אִינְטֶער שְׁרֶעק, בִּכְלַל ווערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אַז מֶען טָאר נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער אַז דֶער חַיָה רָעָה וֶועט דִיךְ צוּנֶעמֶען, דֶער קַאץ וֶועט קוּמֶען און וֶועט דִיךְ בַּייסְן, דֶער הוּנְט וועט דִיךְ בַּייסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד אַזֶעלְכֶע זַאכְן, דָאס שַׁאדְט מוֹרָא׳דִיג.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה פוּן הַיינְט אָן נָאר אַרוֹיסְוַוייזְן קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט, וֶועט עֶטְץ זֶען וָואסֶערֶע לֶעבְּטִיגֶע

קִינְדֶערְלֶעךְ אִיר וֶועט הָאבְּן, וּבִפְרַט אוֹיף דֶעם זוּהְן וָואס אִיר הָאט אַזוֹי פִּיל עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, בַּאשׁוּלְדִיגְט נִישְׁט דֶעם קִינְד, בַּאשׁוּלְדִיגְט וָואס אִיר הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אִים, אָבֶּער ס׳אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט, נֶעם פוּן יֶעצְט אָן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם קִינְד, אוּן אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְשְׁרַייעֶן, נָאר מַסְבִּיר זַיין אִים אַזוֹי וִוי פַאר אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ מֶען קֶען צוּפְלַאצְט וֶוערְן עֶטְלִיכֶע מָאל פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען אִים נָאכְאַמָאל מַסְבִּיר זַיין אוּן נָאכְאַמָאל מַסְבִּיר זַיין, וָוארוּם דֶערְוָואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוֹיכֶעט אוֹיף דִי נֶערְוְון וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֵייט מֶען זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן וְכוּ׳, פַארְוָואס וַוייל זֵיי קֶענֶען צוּרִיק שְׁלָאגְן וְכוּ׳, אוּן וַוייל דֶער אִינְגֶעלֶע קֶען נִישְׁט צוּרִיק שְׁלָאגְן אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיף אִים פַארְלֵייגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳,? עֶר אִיז ווִילְד וְכוּ׳? עֶר ווִיל עֶטֶענְטְשְׁן! עֶר ווִיל מֶען זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים! לָאזְט עֶר אוֹיס זַיין כַּעַס זַיין רְצִיחָה צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר, גֵייט נָאר מִיט גוּטְ׳ן מִיטְן קִינְד, וֶועט אִיר זֶען אַז אַלֶעם וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

וְעַל כּוּלָם זָאלְט אִיר בֵּיידֶע ווִיסְן, דֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע דַארְפְן גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן זֵיי זָאלְן הָאבְּן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, אוּן לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, זֵיי זָאלְן קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן אוֹיפְן אִידִישְׁן וֶועג, אַוַודַאי דַארְף מֶען זֵיי אַרַיינְגֶעבְּן נָאר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין אַ מֵיידְל שׁוּלֶע וָואס מֶען לֶערְנְט דָארְטְן

נָאר יִרְאַת שָׁמַיִם, און זֵיי הֶערְן נִישְׁט קַיין קַלּוּת וְכוּ', און מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט קַיין נִיגוּנִים פוּן זִינְגֶערְס פְּרָאסְטַאקֶעס יוּנְגַאטְשֶׁעס וְכוּ' וְכוּ', וָואס זֵיי שְׁלֶעפְּן אַרָאפּ דָאס יוּגְנְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט קֶענֶען גְרִינְג עֶרְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, און עֶנְקֶער שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ שְׁטוּבּ פוּן שִׂמְחָה, דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלְן זַיין פְרֵיילֶעךְ, וֶועט עֶטְץ זַיין פְרֵיילֶעךְ, און אַז עֶטְץ וֶועטְס זַיין פְרֵיילֶעךְ, וֶועלְן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זַיין פְרֵיילֶעךְ, און אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז פְרֵיילֶעךְ אִיז דִי גַאנְצֶע אַרוּם און אַרוּם פְרֵיילֶעךְ, און מֶען אִיז גֶעלַאסְן, און דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעלַאסְן, וָוארוּם קִינְדֶער וֶוערְן נָאר צֶעווִילְדֶעוֶועט וֶוען דִי שְׁטוּבּ אִיז אַ אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ, וָואס דִי שְׁטוּבּ אִיז אַזוֹי וִוי אַ גֵיהִנּוֹם אַז טַאטֶע מַאמֶע שְׁרַייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן, און מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער, און סְ'אִיז אַ אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין שְׁטוּבּ, דֶעמָאלְט לֶעבְּן דוּרְךְ דִי קִינְדֶער אַ טְרָאמֶע וְכוּ' וְכוּ', אַ שְׁרֶעק וְכוּ' וְכוּ', און זֵיי וַואקְסְן אוֹיף שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', צוּשְׁטֶערְטֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זֶעט אַז עֶנְקֶער שְׁטוּבּ זָאל זַיין נָאר אַ בַּאשֵׁיידְן שְׁטוּבּ, אַ רוּאִיג שְׁטוּבּ, אַ פְרֵיילִיךְ שְׁטוּבּ, אַ גֶעלַאסְן שְׁטוּבּ, אַלֶעס גֵייט נָאר מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט, וֶועט עֶטְץ הָאבְּן גְרוֹיס נַחַת.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# רצא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵף זַיין מִיט שְׁלָאפְן, אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מִיד דַארְף עֶר זִיךְ גֵיין לֵייגְן שְׁלָאפְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה זִיךְ צוּ נֵייטְן צוּ זַיין אוֹיף, אוּן דֶער מֹחַ אִיז פַארְשְׁלָאפְן, דֶעמָאלְט פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, דֶעמָאלְט גֵייט מֶען אַרוּם מְבוּהָל אוּן מְבוּלְבָּל וְכוּ', צוּטוּמְלְט אִינְגַאנְצְן וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען וֶוערְט מִיד דַארְף מֶען זִיךְ גְלַייךְ גֵיין אַרָאפְּלֵייגְן שְׁלָאפְן, מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן אוֹיף אַ שָׁעָה צְווֵיי, שְׁטֵייט מֶען אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט בְּרֵאשִׁית רֶמֶז ט"ז) "וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד" זוֹ שֵׁינָה. פְּרֶעגְן חֲזַ"ל אִיז דֶען 'שֵׁינָה' אַזוֹי גוּט? נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אַבִּיסְל שְׁטֵייט עֶר אוֹיף אַן אוֹיסְגֶערוּהְטֶער מִיט אַ לוֹיטֶערֶע מֹחַ' אוּן עֶר קֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ תּוֹרָה.

זָאלְסְט וויסְן אַז דֶער עִיקָר בְּזֶה הָעוֹלָם אִיז זִיךְ מַאכְן זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ טְרָאפֶּעלֶע רַמְבַּ"ן הַקָדוֹשׁ מִיט אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ יֶעדְן טָאג, אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

**אוֹיסֶער** דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת און לֶערְנֶען אֵיין פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה מְסַיֵּים זַיין אַ מַסֶכְתָּא הֵייבְּט מֶען אָן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז מֶען לֶערְנְט דוּרְךְ גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה.

**וְעַל** כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ גְּמָרָא כְּסִדְרָן, אָנְהֵייבְּן שַׁ"ס פוּן אָנְפַאנְג, און יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַפָּאר בְּלֶעטֶער, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶער טַעַם אִין לֶעבְּן.

**יֶעדְן** שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת, וָוארוּם וִויפִיל מֶען זָאל נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת אִיז נִישְׁט גֶענוּג, מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶרְן הִלְכוֹת שַׁבָּת, און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן כַּמָה וְכַמָה צַדִיקִים, אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט הִלְכוֹת שַׁבָּת, דֶער מוּז נִכְשָׁל וֶוערְן אִין חִילוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָוארוּם סְ'אִיז דָא אַזוֹיפִיל הֲלָכוֹתְ'ער אַז דֶער מֶענְטְש קֶען זִיךְ טוֹעֶה זַיין און פַארְקְרִיכְן און נִכְשָׁל וֶוערְן אִין חִילוּל שַׁבָּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ הִלְכוֹת שַׁבָּת, יֶעדְן שַׁבָּת דַיְיקָא, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן כַּמָה וְכַמָה פְּעָמִים גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת יֶעדֶעס יָאר, וָוארוּם אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן שַׁבָּת הִלְכוֹת שַׁבָּת, אִיז בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יָאר קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין עֶנְדִיגְן צְוֵויי אָדֶער דְרֵיי מָאל הִלְכוֹת שַׁבָּת.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר גֶעבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן לֶעבְּן, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילֶעךְ און זָאלְסְט נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן שַׁבָּת**

# רצב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ה' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו, מִיט דֶעם שְׁמוּצִיגְ'ן אַרְטִיקְל וָואס מֶען הָאט בַּאשְׁמוּצְט אוּנְזֶער קְהִילָה אִין יַבְנְאֵל וְכוּ' וְכוּ'.

**גְלֵייבּ** מִיר, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶער קְהִילָה, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אִיבֶּער דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג מִשְׁפָּחוֹת יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַלֶע גֵייעֶן זֵיי מִיט שְׁטְרַיימְל בֶּעקֶעטְשֶׁעס אוּן וַוייסֶע זָאקְן, דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אָפְּגֶעשָׁארְן כְּדַת וְכַדִין וָואס דָאס אִיז אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ אַז סְפַרְדִישֶׁע פְרוֹיעֶן זָאלְן גֵיין אָפְּגֶעשָׁארְן אִינְגַאנְצְן ווִי מֶען פִּירְט זִיךְ בַּיי אוּנְז, אוֹיכֶעט דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן זָאלְן גֵיין מִיט שְׁטְרַיימְל בֶּעקֶעטְשֶׁעס מִיט וַוייסֶע זָאקְן אִיז אוֹיכֶעט אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ, אָבֶּער מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע קְהִילָה, אוֹיסֶערְדֶעם הָאבְּן מִיר בָּתֵּי חִינוּךְ, אַ נוֹרְסֶערִי, אַ תַּלְמִיד תּוֹרָה, מִיט אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, יְשִׁיבָה קְטַנָה, אוּן יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, וָואס צוּזַאמֶען הַאלְטְן מִיר שׁוֹין אִיבֶּער זִיבְּן הוּנְדֶערְט קִינְדֶערְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ, אוּן דָאס בְּרֶענְט דִי רְשָׁעִים גֶעפֶערְלִיךְ, אִיז פוּן צַייט צוּ צַייט שְׁרַייבְּן זֵיי מִיאוּסֶ'ע אוּן שֶׁעדְלִיכֶע אַרְטִיקְלֶען, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן דֶעם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעזָאגְט, אוֹיבּ אֵיין טָאג מֶען שְׁרַייבְּט נִישְׁט אוֹיף אִים אִין צַייטוּנְג וְכוּ' מִיט שְׁפֶּעט אוּן גֶעלֶעכְטֶער וְכוּ', טוּט עֶר תְּשׁוּבָה, וַוייל אַזוֹי הָאט עֶר מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן פְרִיעֶדִיגֶע צַדִיקִים, וָוארוּם עֶרְלִיכֶע אִידְן מוּז מֶען בַּאלֵיידִיגְן אוּן רֶעדְן אוֹיף זֵיי וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע אַרְטִיקְלֶען וָואס דִי רְשָׁעִים שְׁרַייבְּן.

**שׁוּלְדִיג** אִיז דֶער שְׁטְרָאף פוּן שְׁטֶעטְל, עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן גָאוֹן רֶבִּי חַיִים סוֹפֵר זֵכֶר צַדִיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה בַּעַל מְחַבֵּר "מַחֲנֶה חַיִים" וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זי"ע אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט דִי בַּאן אוֹיפְן וֶועג מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן דָארְטְן צְווִישְׁן זֵיי אִיז גֶעזֶעצְן נֶעבֶּעךְ אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן הָאט גֶעגֶעסְן אַ חַזִיר סֶענְדְוִויטְשׁ, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים זִיךְ צוּ קְרִיגֶען, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער "מַחֲנֶה חַיִים" אַ פְרֶעג גֶעטוּהְן, וָואס טוּט זִיךְ דָארְטְן? הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַ אִיד עֶסְט דָבָר אַחֵר, הָאט עֶר פָארְגֶעהַאלְטְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף דֶעם אִיד נִישְׁט דַן זַיין, מֶען דַארְף אִים נָאר פְרֶעגְן וואוּ וואוֹינְט עֶר.

**הָאבְּן** זֵיי אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד, וואוּ וואוֹינְט אִיר, הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶר קוּמְט פוּן דִי שְׁטָאט אַרַאד, אָהּ עֶנְטְפֶערְט דֶער צַדִיק דֶער בַּעַל "מַחֲנֶה חַיִים", עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶר קוּמְט דָאךְ פוּן אַזַא שְׁטָאט וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע, אַ טָמֵא וּמְטוּמָא, אַ מוּמָר לְהַכְעִיס, אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא אֶת הָרַבִּים, אוּן זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען אַהֲרֹן חוֹרִינֶער, אוּן עֶר הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט אִיסוּרֵי כְּרִיתוּת אוּן סְקִילָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן בְּשֵׁם דָבָר אַ'חֵ'ר', וָוארוּם דֶער טָמֵא'נֶער רָב הָאט זִיךְ גֶעחַתְמֶ'ט אַ'הֲרֹן ח'וּרִינֶער רַ'בִּינֶער, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אַ'חֵ'ר', פְלֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר רוּפְן דֶער דָבָר אַחֵר, אוּן דֶער אִיד הָאט לֵיידֶער מוֹדֶה גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי עֶר קוּמְט פוּן דִי שְׁטָאט אוּן דָארְטְן הָאט מֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפַאלְן אִינְגַאנְצְן.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן אַ רָב (שְׁטְרָאף), אַזוֹי קֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי רָב, אוּן לֵיידֶער דָאס אִיז דָא אִין יַבְנְאֵל, וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַהִין פַאר פוּנְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז נָאךְ דָא, אַ רָב אַ שְׁטְרָאף פוּן שְׁטֶעטְל, אַ חוֹטֵא וּמַחֲטִיא אֶת הָרַבִּים, דִי מִקְוֶה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער אִין דִי בּוֹרוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעטוּבְלְ'ט

אִין אַ מִקְוֶה נָאר אִין אַ אַמְבַּטְיָה, און עֶר הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן.

**דָאס** אִיז נִישְׁט קַיין מַעֲשֶׂה דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וָואס קֶען זִיךְ גֶעפוּנֶען הַיינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין אַ שְׁטֶעטְל אַז דִי אוֹצְרוֹת זָאלְן זַיין לֵיידִיג, דֶעם עֵירוּב הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְרֶעכְטְן וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט נֶעמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט וְכו' וְכו', און מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט דָארְטְן בְּרֵישׁ גְלֵי טְרֵיפוֹת וּנְבֵילוֹת און אַלֶעס אוּנְטֶער זַיין הַשְׁגָחָה, און עַד הַיּוֹם דִי פְרֵייעֶ שֶׁעלְטְן אִים מִיט אַלֶע קְלָלוֹת וָואס עֶר הָאט זֵיי מַכְשִׁיל גֶעוֶוען, אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז דֶער רָשָׁע מְרוּשָׁע הָאט אוּנְטֶערְגֶעקוֹיפְט אַ צַייטוּנְג וָואס עֶר שִׁימְפְּט אוֹיף אוּנְז.

**אָבֶער** גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיר מַאכְן זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן פוּן אִים, אַדְּרַבֶּה מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק, אוּנְז הָאבְּן גֶעבּוֹיעֶט אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע מִקְוֶה אוֹיבֶעט אוֹיף אַזַא אוֹפָן ווִי מְ'הָאט גֶעבּוֹיעֶט אִין רוּסְלַאנְד פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר, בְּמַחְתֶּרֶת אִינְטֶערְגְרַאנְד, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז אִין הַיינְטִיגֶע צַייטְן הָאט מֶען גֶעדַארְפְט בּוֹיעֶן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַ מִקְוֶה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט וַוייל דֶער רָשָׁע הָאט גֶעמַסֶרְט, דִי קִינְדֶערְלֶעךְ לֶערְנֶען אִין קַרַאוַואנִים וָואס עֶס דֶערְמַאנְט דִי בַּארַאקְן פוּן אוֹשְׁוִויץ און בִּירְקְנַאוּ און מֵיידֶענְהַאק וְכו' וְכו', און וָואס מִיר הָאבְּן דָארְטְן אוֹיסְצוּשְׁטֵיין וֵוייסְט נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְטְן מִיר זִיךְ,

און מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע קְהִילָה, סְ'וֶוערְט גְרֶעסֶער און גְרֶעסֶער, און דִי טוּמְאָה וֶוערְט קְלֶענֶער און קְלֶענֶער, בָּאטְשֶׁע מֶען זֶעהְט נָאכְנִישְׁט קַיין סוֹף וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם יֶעדֶע פָּאר וָואכְן שְׁמִיצְן זֵיי דִי רְשָׁעִים אוֹיף אוּנְז כָּל דָבָר אָסוּר, און דֶער שְׁטְרָאף עֶר שְׁטֵייט אִינְטֶער דֶעם, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טוּעֶן מִיר גָארְנִישְׁט, מְ'שְׁוַוייגְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפְּ אִיז אַ תֵּירוּץ אוֹיף אַלְסְדִינְג.

**עֶם** אִיז אַ פַּחַד אֲפִילוּ אַזַא זַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן און דֶערְמַאנֶען, חַבַּ"ד הָאט אַרַיינְגֶעשִׁיקְט דָארְטְן אַ שָׁלִיחַ (ווִי זֵיי רוּפְן דָאס), הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן פַּאר דֶעם שָׁלִיחַ "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָא טוּהְן מִיסְיָאנֶערִישֶׁע אַרְבֶּעט וֶועסְטוּ פוּן דַאנֶעט פְלִיעֶן" וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער סְ'אִיז חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה קוּמְט צוּ אוּנְז, שׁוּמוּ שָׁמַיִם, אֵיינֶער וָואס עֶר גֵייט מִיט אַ שְׁטְרַיימְל בֶּעקֶעטְשֶׁע וָואס עֶר רוּפְט זִיךְ אַ "רָב" זָאל זָאגְן אוֹיף אִידִישְׁקֵייט מִיסְיָאנֶערִישֶׁע אַרְבֶּעט? דָאס אִיז נִישְׁט צוּ גְלֵייבְּן, אָבֶער דָאס אִיז אַ פַאקְט.

**עֶם** אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן וָואס דַארְפְן דִי רְשָׁעִים הָאבְּן רַבָּנִים, זֵיי גְלֵייבְּן דָאךְ אִין גָארְנִישְׁט? וָואס גֵייט זֵיי אַזוֹי אִין לֶעבְּן סְ'זָאל זַיין אַ "רַבָּנוּת הָרָאשִׁית" סְ'זָאל זַיין רַבָּנִים וְכוּ', נָאר דֶער טָמֵא הַיָדוּעַ הָאט גֶעוְויסְט אַז דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן קֶען מֶען נִישְׁט מַעֲבִיר זַיין עַל הַדָת נָאר אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן קָאנְטְרָאלִירְן דִי רַבָּנִים, אַ רָב מִטַעַם הַמְדִינָה אִיז אִינְטֶערְגֶעקוֹיפְט פוּן זֵיי, טוּט עֶר וָואס זֵיי זָאגְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאבְּן זֵיי אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט טְרֵיפָה'נֶע רַבָּנִים וָואס דִי מִקְוֶה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִקְוֶה, אַזוֹי וִוי דָא אִין יַבְנְאֵל, מְמֵילָא הָאט מֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט כְּרִיתוּת, דִי פְלֵייש אִיז רַחֲמָנָא לִיצְלָן גֶעוֶוען טְרֵיפָה הָאט מֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אִין "אִגֶּרֶת תֵּימָן" דָאס וֶוער ס'עֶסְט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, מִיט אִים אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן דִבְרֵי אֱמוּנָה, וָוארוּם וִויפֶער מְ'הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטָאפְּט מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מַכְשִׁיל אִין אַנְדֶערֶע אִיסוּרִים, פְּסוּלֵי חִיתּוּן וְקִידוּשִׁין רַחֲמָנָא לִיצְלָן, נִישְׁט מֶען קוּקְט וֶוער הָאט חֲתוּנָה מִיט וֶועמֶען וְכוּ' וְכוּ', מֶען אִיז מַרְבֶּה מַמְזֵרִים בְּיִשְׂרָאֵל רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶיע זֶענֶען דִי רַבָּנִים אִין אַלֶע פַארְוָוארְפֶענֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם.

**לֹא** בְּחִינָם דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל אַבּוּחַצִירָא זי"ע (בַּאבַּא סַאלִי) הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן הֵיילִיגְן סַאטְמַארֶ'ער רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" וָוארוּם עֶר קוּמְט פוּן מַארוֹקוֹ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן מִיט זַיינֶע אוֹיגְן וִויפִיל צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מָארוֹקַאנֶער אִידְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָּת אוּן גֶעמַאכְט פוּן זֵיי גוֹיִים גְמוּרִים, אוּן קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט צוּ שְׁרֵייעֶן, מְ'הָאט מוֹרָא פוּן דִי רְשָׁעִים, נָאר דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַלֶע יָארְן אִיז גֶעוֶוען

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" דֶערְפַאר הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "וַיוֹאֶל מֹשֶׁה" אַז דָאס אִיז הוֹילֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

(**דָאס** הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט זַיין גַבַּאי אֵלִיָהוּ אַלְפַסִי ז"ל, וָוארוּם עֶר הָאט אִים בַּאדִינְט שְׁטֶענְדִיג, הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶעם צַדִיק דֶעם בַּאבַּא סַאלִי, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מְשַׁבֵּחַ גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל") וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וָואס וֶוערְט פוּן דִי אַלֶע עֵדוֹת פוּן מַארוֹקוֹ וִויפִיל זֵיי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גוֹיִים גְמוּרִים, מוּמְרִים לְהַכְעִיס רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן.

**דֶערְפַאר** לַיידְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין יַבְנְאֵל, וָוארוּם פוּן דָארְטְן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער רַעְיוֹן הַצִיוֹנִי, וִוי בַּאוואוּסְט אַז פוּן דָארְטְן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער עוֹכֵר יִשְׂרָאֵל, וָואס הָאט זִיךְ גֶערוּפְן שְׁמוּאֵל יַבְנְאֵלִי שֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב, וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן אוֹיף תֵּימָן פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ רָב, אוּן עֶר הָאט זֵיי אַלֶע אַיינְגֶערֶעדְט זֵיי זָאלְן קוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִין יַבְנְאֵל דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹשְׁוִויץ פוּן דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן, אוּן פוּן דִי תוּנִיסֶ'ער אִידְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן יֶעצְט זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען, אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְטְן מוֹסְדוֹת הַחִינוּךְ, אוּן אַזַא שֵׁיינֶע קְהִילָה פוּן בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים, אִיז

נִישְׁט קַיין וואונְדֶער אַז דֶער רָשָׁע מְרוּשָׁע וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דֶער רָב וָואס אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ שְׁטְרָאף זֶעהְט יֶעדֶע פָּאר וָואכְן אוּנְז צוּ בַּאשְׁמִיצְן אִין אַלֶע צַייטוּנְגֶען וְכוּ׳, עֶר לוֹיפְט צוּ רַבָּנִים וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי מִיר רוֹדֶפְ׳ן אִים וְכוּ׳, פּוּנְקְט וִוי קָאזַאק הַנִגְזָל וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס זֵיי רוּפְן אָן דֶעם לָשׁוֹן הָפוּךְ עַל הָפוּךְ, דִי רְשָׁעִים שְׁרֵייעֶן אַז מֶען רוֹדֶפְ׳ט זֵיי... פִּלְאֵי פְּלָאִים, אִידְן כַאפְּן מַכּוֹת רֶצַח פַארְן מוֹחֶה זַיין אוֹיף שַׁבָּת, אוּן אוֹיף אוֹיסְרַייסְן קְבָרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן וָואס בְּרֶענְגְט דֶער נַייעֶס? אַז חֲרֵדִים הָאבְּן צַאמְגֶעשְׁלָאגְן פָּאלִיצֵיי... פָּאלִיצֵיי זֶענֶען פַארְוואוּנְדֶערְט גֶעוָוארְן... אִיז דָאס נִישְׁט קַיין גֶעלֶעכְטֶער? וֶוען מֶען זֶעהְט דֶעם פַאקְט וֶוער אִיז דֶער שְׁלֶעגֶער וְכוּ׳ אוּן וֶוער זֶענֶען דִי רוֹצְחִים וָואס זֵיי גֶעבְּן קְלֶעפּ מַכּוֹת רֶצַח וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט פוּן אוּנְז אוּן פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט מֶענְטְשְׁן, זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן בֶּעט מִיט דִי פַּאזְשַאמֶעס אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, אוּן קֵיינֶער הָאט פוּן דֶעם נִישְׁט גֶעוּויסְט, נָאר וֶועגְן עֲלִילוֹת שָׁוְא וָשֶׁקֶר וְכוּ׳, מֶען הָאט אֵיינְמָאל אַיינְגֶעזֶעצְט אַלֶע צֶען טִיטְשֶׁערְס פְּרוֹיעֶן אִין דְרֵיי פָּאלִיס קַארְס, אוּן קֵיינֶער הָאט פוּן דֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט, אוּן קֵיינֶער הָאט פוּן דֶעם נִישְׁט גֶעוּויסְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיז גְרִינְג צוּ הֶערְן דֶעם רָב דֶעם שְׁטְרָאף וָואס עֶר לֵייגְט אוֹיף אוּנְז אַרוֹיף כָּל דָבָר אָסוּר וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**נָאר** מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער עִיקָּר הַתְּשׁוּבָה אִיז יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק; מֶען לַיידְט אוּן מֶען לַיידְט אוּן מֶען לַיידְט, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אוּנְז הֶעלְפְן אוּן עֶר הֶעלְפְט אוּנְז.

**מִיר** הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שֵׁיינֶע קְהִילָּה, אוּן עֶס אִיז כְּדַאי צוּ קוּמֶען בַּאזוּכְן וֶועט מֶען נִבְהַל וְנִשְׁתּוֹמֵם וֶוערְן, אִין אַ פַארְשְׁטִיפְּטְן דָארְף וָואס קֵיינֶער הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוְוּסְט ווִי דָאס אִיז, דָארְטְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן מִיט דִי תּוּנִיסֶ'ער אִידְן, צְוֵויי הֵיילִיגֶע עֵדוֹת, אוּן דָארְטְן דַוְקָא הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט בָּתֵּי חִינוּךְ, מֵיידְל שׁוּלֶע, תַּלְמוּד תּוֹרָה, יְשִׁיבָה קְטַנָּה, יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, אוּן אַ כּוֹלֵל לְהוֹרָאָה, אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען דִי הוֹרָאָה, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם אַ גְרוֹיסְן כּוֹלֵל, עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן בִּיז מֶען קוּמְט נִישְׁט אַלֵיין דָאס זֶעהְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען נִישְׁט קֵיין הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פַאר דִי שְׁמוּץ וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיף אוּנְז גֶעשְׁמוּצְט, וָוארוּם דָאס דַארְף אוּנְז גֶעבְּן דֶער כֹּחַ, וָוארוּם חָלִילָה וְחַס וֶוען דִי רְשָׁעִים וָואלְטְן פוּן אוּנְז גֶעהַאלְטְן, אוּן וֶוען דִי רְשָׁעִים וָואלְטְן אוּנְז מְשַׁבֵּחַ גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס וָואלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וָוארוּם אוֹיבּ דִי רְשָׁעִים זֶענֶען מְשַׁבֵּחַ עֶרְלִיכֶע אִידְן דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶער סִימָן וְכוּ', פַארְקֶערְט, דָאס וַוייזְט אַז חָלִילָה וְחַס מֶען הָאט אַ שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי, אָבֶּער אוֹיבּ

די פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים דִי פּוּרְקֵי עוֹל רֶעדְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, דָאס אִיז אַ גוּטֶער סִימָן, עֶס וַוייזְט אַז מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן דִי שְׁמוּץ וָואס זֵיי הָאבְּן אוּנְז בַּאשְׁמִיצְט הַיינְט אִין צַייטוּנְג מִיט גִיפְטִיגֶע רֵייד, דָאס אִיז אַלֶעס הֶבֶל הֲבָלִים וְכוּ' וְכוּ'.

**אֱמֶת** אַ גִיפְט פוּן אַ שְׁלַאנְג מַאכְט אָן צָרוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקְן אַז נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיּוּת כְּדֵי אוּנְז מְעוֹרֵר זַיין בִּתְשׁוּבָה, בֶּעט אִיךְ דִיר, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט זֵיי זָאלְן זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פוּן דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## רצג

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְבָרִים ו' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיווּ.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיךְ, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חַלִישׁוּת הַדַעַת, זָאלְסְט וִויסְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיּוּת, דוּ

דַארְפְסְט זִיךְ נָאר צוּגְעוואוֹינֶען גֵיין מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג, וָואס עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיבּ אַ אִיד דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן זָאל עֶר גֵיין אִין אַ בַּאזִינְדֶער פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו') אוֹפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים יב, ט), "כְּרֻם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם", אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם, וּמַאי נִיהוּ תְּפִלָּה; תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וָוארוּם קֵיינֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט פָאר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען מֶען בַּאקְרִיגְן אַלֶעס, אַוַודַאי נֶעמְט עֶס צַייט, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ מֶסֶךְ הַמַּבְדִּיל וְכוּ', אַ חוֹמָה שֶׁל בַּרְזֶל צְווִישְׁן אִים אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אוּן עֶר בֶּעט טָאג אַיין אוּן טָאג אוֹיס, שָׁעָה אַיין שָׁעָה אוֹיס וְכוּ' וְכוּ', בַּיים דֶעם סוֹף צוּבְּרֶעכְט עֶר דֶעם מֶסֶךְ הַמַּבְדִּיל, דֶער וַואנְט וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט דוּרְךְ זַיינֶע זִינְד וְכוּ', אוּן סְ'וֶוערְט אַלֶעס בָּטוּל אוּן מְבוּטָל, אוּן עֶר זֶעהְט אַ יְשׁוּעָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָן, הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דוּ דַארְפְסְט

הָאבְּן, זָאלְסְט גִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר אִים, און וֶוען מֶען קֶען עֶס נָאךְ בַּאוַואשְׁן דִי תְּפִילוֹת מִיט טְרֶערְן אִיז נָאךְ בֶּעסֶער.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן צ"ג) פַּארְוָואס קְרִיגְט מֶען אוֹיף אִים, וָוארוּם גָאר זַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה, און אַזוֹי ווי אוֹיף תְּפִלָּה שְׁפֶּעט יֶעדֶער אֵיינֶער, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז בִּילִיג בַּיי יֶעדֶעם אֵיינֶעם, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט עוֹסֵק אִין תְּפִלָּה, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְט מֶען אוֹיף אִים, וָוארוּם זַיין זַאךְ אִיז נָאר תְּפִלָּה, עֶר אִיז אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר אַז מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ.

**אֲפִילוּ** בַּיים אָנְפַאנְג שְׁפִּירְט מֶען גָארְנִישְׁט דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַ יֶעדֶע תְּפִלָּה יֶעדֶע תְּחִינָה יֶעדֶע בַּקָּשָׁה גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פַאר גָארְנִישְׁט חָלִילָה וְחַס וְכוּ' וְכוּ', וַוייל יֶעדֶע תְּפִלָּה וָואס אַ אִיד בֶּעט שְׁפַּאלְטְן אַלֶע הִימְלֶען, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז עֶר קֶען אוֹיפְטוּן פּוֹעֵל'ן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְט צוּ זַיין תְּפִלָּה, אִיבֶּערְדֶעם אִיז מֶען זִיךְ מִתְרַשֵּׁל פוּן תְּפִלָּה,

**אָבֶּער** וֶוען אַ אִיד זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, און דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז נָאר אַלֶעס עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, און עֶר אִיז מְחַיֶה און

מְהַוֶּוה און מְקַיֵּים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, וָוארוּם דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וֶוען אַ אִיד זָאל דָאס שְׁפִּירְן וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר וָואלְט נִישְׁט מִיד גֶעוָוארְן, עֶר וָואלְט גֶעוֵויינְט און גֶעבֶּעטְן און גֶעבֶּעטְן און גֶעוֵויינְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ צוּ עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיךְ

דוּרְךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַּאנְג וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶעהְן קַיין שׁוּם יְשׁוּעָה, סְ'וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דִיר וְכוּ', עֶס וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס וְכוּ', זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת, וָוארוּם דִי דִמְיוֹנוֹת זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דַיינֶע זִינְד, דִמְיוֹנוֹת דָאס אִיז קְלִיפּוֹת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים פַּיינְט, דָאס אִיז אַ קְלִיפָּה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיךְ טוּהְן, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט.

**וֶוען** דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס תְּפִלָּה אִיז, וָואלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן תְּפִלָּה, שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת,

און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן

דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נָאר אוֹיף שִׂמְחָה, אַז מֶען זָאל זַיין פְרֵיילֶעךְ, אַז מֶען אִיז פְרֵיילֶעךְ וֶוערְט נִתְרַחֵב דָאס הַארְץ אוּן מֶען קֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רצד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ו׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אַז מֶען הָאט דִיךְ אוֹיפְגֶעזָאגְט דַיין שְׁטֶעלֶע וְכוּ׳, וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז פַּרְנָסָה אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי טוּט דִיר וֵויי, דוּ הָאסְט לִיבּ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אוּן דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֶענֶען הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה׳לֶעךְ אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ׳, אוּן מֶען הָאט דִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט וְכוּ׳ נָאר וֶועגְן פָּאלִיטִיק וְכוּ׳.

**אָבֶער** פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה בִּיז דַיין וַוייבּ זָאל דֶערְקֶענֶען אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צוּוֶועלֵייגְט, עֶס טָאר נִישְׁט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ, אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס יֶעדֶע זַאךְ וָואס

עֶס וֶוערְט גֶעטוּהְן אִיז אַלֶעס בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעפִירְט אַלֵיין.

**פַּרְנָסָה** אִיז אִין דִי הֶענְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ג׳) אַלֶעס קֶען אַ מֶענְטְשׁ פּוּעֵלְ'ן, אָבֶּער דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט נָאר אִין דִי הֶענְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה, זָאלְסְט נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, ווָארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים דָאס דֶער פָּסוּק (דְבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אִיז דֶער סוֹפֵי תֵּיבוֹת דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה חַ'תַ'ךְ', מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ פַּרְנָסָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ ווִילְסְט וַוייטֶער זַיין אַ מְלַמֵד וֶועט עֶר פִירְן מִיט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַ מְלַמֵד.

**ווִידֶערְאוּם** אַז מֶען ווִיל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַ מְלַמֵד אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ'.

**אֱמֶת** עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי דָאס הַארְץ הָאסְט פַאר גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', נָאר וֶועגְן פָּאלִיטִיק הָאט מֶען דִיר אוֹיפְגֶעזָאגְט וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ צוּרִיק גֶעבְּן שֶׁענֶערֶע פַּרְנָסָה, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח.

**זָאלְסְט** זֶעהְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג פַּרְשַׁת הַמָּן מִיט דִי תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם, אוֹיבֶעט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת הֶעלְפְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען הָאט פַּרְנָסָה.

**זָאלְסְט** זֶעהְן צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר פְּרֵיילִיךְ, וָואס דָאס אִיז אוֹיבֶעט אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן.

**הַמְּאַחֵל לְךָ שָׁבוּעַ טוֹב**

## רצה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ו' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶם** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז מֶען פַּארְדְרֵייט דִיךְ דֶעם קָאפּ וְכוּ', מֶען פַּארְפִירְט דִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אַרַיין וְכוּ', וָוארוּם וֶוער סְ'רֶעדְט אַקֶעגְן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא וְכוּ'.

**וָוארום** וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אוּן עֶר זָאגְט דִיךְ אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, אוּן עֶר פַּארְשְׁטֵייט דִיךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן לֵייגְט אִין דִיר אַרַיין הַתְמָדָה וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְטְס אִיז אַ אַנְדֶערֶע זַאךְ, אָבֶּער גֵיין רֶעדְן אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוּן פַאר וֶועמֶען? פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט קַיין חוּמָשׁ, פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶר ווֵייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס מִשְׁנַיוֹת אִיז, פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט קַיין גְמָרָא נִישְׁט, דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פִּיסְט אוּן פַּאר, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ' אוּן מֶען קוּמְט אִים אָפְּרֶעדְן פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דֶער אִיז דָאךְ אַ רָשָׁע מְרוּשָׁע וְכוּ' וְכוּ', דֶער אִיז דָאךְ אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא אֶת הָרַבִּים וְכוּ' וְכוּ', וָואס אַרְט דָאס דִיר אַז אַ בָּחוּר זִיצְט אוּן לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט מִשְׁנַיוֹת מִיט גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ'.

**בִּיז** יֶעצְט הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט קַיין סֵפֶר, עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען רֵייכֶערְן צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, אוּן הָאט זִיךְ גֶעחַבֶרְט מִיט גֶעמֵיינֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶנְדְלִיךְ הָאט מֶען אִין אִים אַרַיינְגֶעשַׁיינְט דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, עֶר הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דִי צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, אַזַא בָּחוּר רֶעדְט מֶען אָפּ פוּן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד? דֶער וָואס עֶר רֶעדְט אָפּ אִיז אַ רָשָׁע מְרוּשָׁע אוּן אַ טָמֵא מְטוּמָא.

מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פוּן אִים ווִי גְרוֹיס עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אִיז אוֹיבֶּעט זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס און אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן אִים, זֵיי גֵייעֶן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מַאכְן צוּטוּהְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, און זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, וָוארוּם אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ״ה סְעִיף י״ג) מִיוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר; אַז מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בִּיז פְרַייטָאג אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב, און אַזוֹי פַּסְקֶ׳נְט דֶער מְחַבֵּר, אֶמֶת דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער ווִי עֶס וַוייזְט זִיךְ אַרוֹיס אַז מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף עֶרֶב שַׁבָּת אִיז מֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ. און אִין מִשְׁנָה בְּרוּרָה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט דֶער גְרָ״א, עַיֵּין שָׁם. וָוארוּם דָאס אִיז מִדִינָא דִגְמָרָא.

און אַזוֹי זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג חַזֶרְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, סְ׳אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ, און סְ׳נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן אַלֶע בְּלָאטֶע׳ס, און אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיבֶּעט חַזֶרְן דַפִּים גְמָרָא כְּסִדְרָן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אִין אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט אִין דִיר אַרַיינְגֵיין דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, און דִי חֲבִיבוּת פוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, בִּיז דוּ וֶועסְט וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

מַאךְ זִיךְ נִשְׁט צוּטוּהְן אוּן קוּק אוֹיף קֵיינֶעם נִשְׁט, נָאר זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בַּאֲרִיכוּת אִין זַיינֶע שִׂיחוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִשְׁט נַארְן אוּן פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן וָואךְ**

## רצו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**לֶעצְטְנְס** הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרִיקְן אוּן צוּ שְׁרַייבְּן דִי בְּרִיוו אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם דָא אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר בָחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ פַארְשְׁטֵיין לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, כָאטְשׁ אִיךְ שְׁרַייבּ שׁוֹין אִיבֶּער זִיבְּן אוּן פֶערְצִיג יָאר בְּרִיוו, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן צְוֵויי אוּן נַיינְצִיג כְּרָכִים בְּשֵׁם שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אֲשֶׁר בַּנַּחַל, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט מֶען מִיר גֶעבֶּעטְן דָא זָאל אִיךְ נָאר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אִידִישׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַזוֹי וִוי ס'גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', זֶע צוּ קוּקְן אוּן לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו וָואס מֶען הָאט דָא גֶעדְרִיקְט אוֹיף אִידִישׁ,

וָוארוּם יֶעדֶער בְּרִיוו אִיז פַּאר דִיר, מְמֵילֶא זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן מְחַזֵק זַיין.

**וָוארוּם** דֶער עִיקָר אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְחַזְקוּת זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר אַלֵיין הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף זִיךְ פַּארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵיגָה? וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; בְּזֶה הָעוֹלָם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, סְ'גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְש אַזוֹיפִיל חֲלִישׁוּת הַדַעַת מִיט נִסְיוֹנוֹת קָשִׁים וּמָרִים, שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע פְּרוּוואוּנְגֶען וָואס מֶען פְּרוּאווּט דֶעם מֶענְטְש וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וְכוּ'.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער הַיינְט דוּרְכְצוּגֵיין אַ גַאס אוּן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן קוּק, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן גֶעדַאנְק וְכוּ' אִיז אַ נֵס, וָוארוּם עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן דָאס אִיז דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן אוּנְזֶער דוֹר, וָואס מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן דִי אוֹיגְן, וָוארוּם דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְש אִיז דִי אוֹיגְן, וֶוען אַ אִיד הָאט רֵיינֶע אוֹיגְן אִיז דִי גוּף אִים רֵיין, ווִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַ רֶמֶז וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה פַּרְשָׁה ד' סִימָן ג') כַּלָה שֶׁעֵינֶיהָ יָפוֹת אֵין כָּל גוּפָהּ צָרִיךְ בְּדִיקָה; אוֹיב דִי אוֹיגְן זֶענֶען שֵׁיין אוּן רֵיין, דַארְף מֶען נִישְׁט בּוֹדֵק זַיין דִי מִדוֹת פוּן אַ מֶענְטְש, וָוארוּם עֶר הָאט זִיכֶער גוּטֶע מִדוֹת, לֹא כֵּן נִישְׁט אַזוֹי אוֹיב אַ מֶענְטְש הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, אוּן שְׁמִירְט

אַיין דִי אוֹיגְן מִיט אַלֶע מִינֵי שְׁלֶעכְטֶע קוּקְן וְכוּ', אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע הִסְתַּכְּלִיוֹת וְכוּ', דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער גַאנְצֶער גוּף זַיינֶע פוּל מִיט מִדוֹת רָעוֹת.

**דֶער** עִיקָר אִיז תָּלוּי אִין דִי אוֹיגְן, בִּפְרַט יֶעצְט זוּמֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶעדְן אִשָּׁה וָואס סְ'גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן גַאס וְכוּ' וְכוּ'. סְ'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט מְשׁוּגָע אִין דֶעם, אוּן סְ'אִיז נִתְקַיֵּים גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי דִי פָּסוּק אִין תּוֹכָחָה (דְבָרִים כח) "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְשׁוּגָע נָאר פוּן וָואס עֶר זֶעהְט מִיט זַיינֶע אוֹיגְן אַלֶע מִינֵי פְּרִיצוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶעהְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן; אוּן אַז מֶען הָאט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן הָאט מֶען שׁוֹין אַ הֵיילִיגְן גוּף, הָאט מֶען שׁוֹין גוּטֶע מִדוֹת, וָוארוּם אוֹיב מֶען זֶעהְט אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטְן מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁלָאגְן זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס, "דוּ בִּיסְט דָאךְ פָּגוּם בִּבְרִית, דוּ טוּסְט שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים!" (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמ"ט); וָוארוּם דֶער וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית דֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר אִיז בְּכַּעַס; אוּן אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין כַּעַס - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) - טְרַייבְּט עֶר פוּן זִיךְ אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה, לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת;

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט, וָואס דוּ טְרַייבְּסְט מִיט דֶעם אַוֶועק דַיין פַּרְנָסָה אוּן דַיין גֶעלְט. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ"ט) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין כַּעַס פַארְשִׁיקְט עֶר פוּן זִיךְ דִי גֶעלְט וָואס מֶען וִויל אִים גֶעבְּן פוּן אוֹיבְּן.

**זְויסְן** זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז כַּעַס נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶע מֶענְטְשׁ, הֵין אוֹיף זַיין וַוייבּ, הֵין אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן הֵין אוֹיף מֶענְטְשְׁן; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין פַארְשֶׁעמֶען, מִיט דֶעם וָואס דוּ רֶעגְסְט זִיךְ אוֹיף זֶעהְן אַלֶע אַז דוּ בִּיסְט פָּגוּם בִּבְרִית, אוּן אַזוֹי דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז וֶוער עֶס אִיז אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער דֶער אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם.

**דֶערִיבֶּער** זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, וָואס סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אוּן דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגְן אַלֶעם גוּטְס, אוּן קוּק אַרַיין אִין דִי מְפוֹרְשִׁים אוֹיף רַשִׁ"י. אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט - הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם הָאט מֶען גֶעדְרִיקְט חוּמָשׁ

מִיט רַשִׁ"י מִיט אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף אִידִישׁ, אוּן עֶס אִיז גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת פוּן הַיינְטִיגְן דוֹר, דְרִיקְט מֶען אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע סְפָרִים אוּן מֶען בְּרֶענְגְט דָאס נֶענְטֶער צוּם הָמוֹן עַם זַיי זָאלְן וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן זַיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דֶעם רָצוֹן אוּן וֶועלְן לֶערְנֶען, אוּן אַז מֶען וִויל קֶען מֶען.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן 'אִיךְ קֶען נִישְׁט', זָאג 'אִיךְ וִויל נִישְׁט' וְכוּ', 'וִויל, וֶועסְטוּ קֶענֶען' וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ גוּטְן רָצוֹן, אוֹיבּ עֶר וִויל וֶועט עֶר עֶס הָאבְּן, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רצז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** דַארְפְסְט נָאר קוּקְן אוֹיף דִיר, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן וֶוער נִישְׁט פַארְנַאפְּט אוּן צוּנַארְט פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גְעוֶוען אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג) "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נָאר בִּבְחִינַת 'אֶחָד', עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט. שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר: אִין זַיין דוֹר אִיז גְעוֶוען נָאר גֶעצְן-דִינֶער עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט מַכִּיר גְעוֶוען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיין מֶענְטְשׁ אַלֵיין קֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר אִיז גְעוֶוען שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן דָאס הָאט אִים דֶערְהַאלְטְן.

**הָאט** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַזוֹי דַארְף יֶעדֶער אִיד בַּיי זִיךְ טְרַאכְטְן אַז נָאר עֶר גֶעפִּוּנְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר קוּקֶען אוֹיף זִיךְ; אִיבֶּערְדֶעם, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, דוּ הָאסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָארְטְן זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן דַיין גַאנְצְן מֹחַ דַיין גַאנְצְן קָאפּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן הִתְחַזְקוּת, וָוארוּם דָאס גַאנְצֶע הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז תָּלוּי נָאר מִיט לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת וָואס אִיז גֶעדְרִיקְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, מֶער פוּן דֶעם אִיז אַלֶעם דִמְיוֹנוֹת.

**לָאז** דִיךְ נִישְׁט פָּאפְּן וָואס יֶעדֶער נַארִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן וְכוּ' ווִיל זִיךְ מַאכְן אַ מַנְהִיג אוּן זָאגְן דֵיעוֹת וְכוּ'; קוֹדֶם

זָאל עֶר פַארְרֶעכְטְן זַיין פְּגַם הַבְּרִית וָואס עֶס שְׁטִינְקְט פוּן אִים וְכוּ' וְכוּ', לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט. הַיינְט אִיז דָא אַסַאךְ פִירֶערְס וָואס זֶענֶען פַארְפִירֶערְס, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן זַ"ל אַלֶעם אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, אִיז בְּמֵילָא דַארְפְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

**אַוַודַאי** דַארְף מֶען הָאבְּן אַ גוּטְן חַבֵר וָואס זָאל דִיר מְחַזֵק זַיין, מְקַיֵים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, אָבֶער דֶער עִיקֶר אִיז נָאר בַּאפְלַייסְן זִיךְ אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז אַ יְסוֹד מוּסָד אִין בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת. מִיר הָאבְּן אֵיין רֶבִּי'ן, דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי ווִי פַאר צְוַויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, עֶס הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוּישְׁט. נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט בַּאֲרִיכוּת (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, שְׁלוּחִין הֲלָכָה ה') דָאס אִין יֶעדְן דוֹר אִיז דָא תַּלְמִידִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְפַרֵשׁ דִי תּוֹרָה פוּן צַדִיק, אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן דָאס נֶענְטֶער צוּם הֲמוֹן עַם, אָבֶער דָאס אִיז נָאר תַּלְמִידִים, אַ רֶבִּי הָאבְּן מִיר נָאר אֵיין רֶבִּי'ן דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע, אַז ווַאוּיל אִיז דֶער וָואס עֶר פָאלְגְט אִים אוּן עֶר אִיז מְקַיֵים זַיין רָצוֹן וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) דָאס פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אִיז בְּתוֹךְ הַסֵפֶר; אִין דֶעם סֵפֶר פוּן צַדִיק דָארְטְן קֶען מֶען טְרֶעפְן זַיין פָּנִים זַיין שֵׂכֶל זַיין נְשָׁמָה, אִין דֶעם סֵפֶר רוּהְט דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן צַדִיק, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ בַּאפְלַייסְן זִיךְ אִין דִי סְפָרִים פוּן דִי צַדִיקִים, אוּן דָארְטְן וֶועט עֶר טְרֶעפְן דִי צַדִיקִים.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ עֶפֶּעס אַ פִּירֶער וָואס לֵיידֶער אִיז עֶר אַ פַארְפִירֶער וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם אוֹיבּ אֵיינֶער צוּבְּרֶעכְט דֶעם צְווייטְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז דָאס אִיז אַ שָׁלִיחַ פוּן סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

**זָאלְסְט** נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, זָאלְסְט נֶעמֶען דַיין הִתְחַזְקוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ אוֹיפְמַאכְן דֶעם מֹחַ אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען נָאכְדֶעם לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים, וָוארוּם דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל דוּרְכְגֵיין אַלֶע סְפָרִים, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ח) עֶס אִיז זֵייעֶר גְלַייךְ צוּ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב דִי סִפְרֵי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע אוּן פוּן גְרוֹיסְן מַגִיד זי"ע, נִישְׁט וִוי אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע סְפָרִים, סְ'אִיז אַ טָעוּת, פַארְקֶערְט, בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים קֶענֶען זַיין אַ בָּקִי אִין אַלֶע סִפְרֵי חֲסִידוּת, סְ'אִיז נָאר אַ לָשׁוֹן הָרַע אַזוֹי וִוי אַלֶע לָשׁוֹן הָרַע'ס וָואס מֶען טְרֶעפְט אוֹיף אוֹיף בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז גֶעדְרִיקְט

אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, דַארְפְן וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דַעַת. צִי זִיךְ נִישְׁט צוּ יֶעדְן פּוּסְטְן שְׁטְרוֹי זַאק וְכוּ' וְכוּ', וָואס עֶר אִיז נָאךְ פוּל מִיט פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ', וָוארוּם אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הֶערְן רֶעדְן פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּגוּם בִּבְּרִית, אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר, אַ אִינְגֶערְמַאנְטְשִׁיקְל אֲפִילוּ עֶר גֵייט מִיט אַ בְּרֵייטְן קַאפֶּעלִיטְשׁ וְכוּ', אוּן מִיט שְׁוַוארְצֶע זָאקֶעלֶעךְ וְכוּ', אָבֶּער עֶס שְׁטִינְקְט פוּן אִים דֶער פְּגַם הַבְּרִית, וָוארוּם אוֹיבּ עֶר רֶעדְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער אִיז פָּגוּם בִּפְגַם הַבְּרִית, פוּן דֶעם דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן.

**וָוארוּם** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) אַז בִּלְעָם הָאט גֶעהַאט אַזַא טְרֵיפָה'נֶעם פִּיסְק אַז דֶער אָטֶעם זַיינֶער הָאט שׁוֹין גֶעשַׁאדְט פַאר דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְן אִים, וּמִכָּל שֶׁכֵּן וֶוער ס'הָאט אִים גֶעהֶערְט רֶעדְן (בִּילְן), אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, וָוארוּם זַיין אָטֶעם הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערְן, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָארְט, אַזוֹי יֶעדֶע רָשָׁע דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן אֲפִילוּ פוּן זַיין אָטֶעם וָואס עֶר אָטֶעמְט וְכוּ', נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְן אִים, וָוארוּם עֶר אָטֶעמְט אַרוֹיס גִיפְטִיגֶע ווִינְטְן אוּן לוּפְט וְכוּ', (וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף עֶנְגְלִישׁ דְזְשֶׁערוּמְס) אוּן דָאס אִיז יֶעדֶער נוֹאֵף, אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג

פון די וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי.

**דו** זָאלְסְט נָאר לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, חַזֶרְן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶס קֶענֶען אוֹיסֶענְוֵויינִיג, נָאכְדֶעם קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען אַלֶע חַסִידִישֶׁע סְפָרִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן דָאס אַלֶעס ווילְן אֵיין זַאךְ, נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן און צוּבְּרָעכְט נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד מוּסָד אוֹיף דִי וֶועלְט. מִיר לֶעבְּן אַזוֹי קוּרְץ, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים צ') "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרוֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", וויפִיל הָאט אַ מֶענְטְשׁ בְּזֶה הָעוֹלָם? זִיבֶּעצִיג אָדֶער אַכְצִיג יָאר, און סְ'פְלִיט דוּרְךְ אֵיינְס צְוֵויי, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) **אַז** דִי זִיבֶּעצִיג יָאר פְלִיט דוּרְךְ אַזוֹי ווִי פוּפְצְן מִינוּט, און סְ'אִיז נִישְׁט קַיין גוּזְמָא; לוֹינְט זִיךְ אִין דִי פוּפְצְן מִינוּט רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת לֵיצָנוּת וְכוּ' וְכוּ', אָפְּצוּרֶעדְן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וְכוּ' וְכוּ', אָדֶער זַיין פַארְווִיקְלְט אִין מַחְלוֹקֶת און קְרִיגֶערַייעֶן וְכוּ' וְכוּ'?

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס יֶעדְן טָאג דַאוֶוענְט עֶר מִיט מִנְיָן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, און עֶר אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, עֶר לֶערְנְט חוּמָשׁ וְרַשִׁ"י מִיט תַּרְגוּם פון דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, און עֶר זָאגְט אַזוֹי פִיל פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר

דֶעם נֶפֶשׁ, בִּפְרַט פוּן אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וֶוען עֶר חַזֶרְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט אִים דָאס אַרַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה אוֹיף הַתְמָדַת הַתּוֹרָה צוּ זִיךְ בַּאפְלֵייסְן לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא מִיט רַשִׁ"י, אוּן אִיבֶּערְחַזֶרְן דֶעם דַף עֶטְלִיכֶע מָאל, וָוארוּם אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר וָוֵי הָעַמּוּדִים פוּן דֶעם זוּן פוּן דֶעם שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ, אַז עֶס דַארְף זַיין אַ חִיוּב אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא רַשִׁ"י מִיט תּוֹסְפוֹת אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אַ חִיוּב צוּ לֵייגְן תְּפִילִין; עַל כָּל פָּנִים זָאלְסְטוּ זֶעהְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, הֶער נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן דוּ קוּק נָאר אוֹיף דִיר.

דֶער עִיקַר הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוען עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם, וָוארוּם יֶענֶער וֶועט דִיךְ צוּבְּרֶעכְן, יֶענֶער וֶועט דִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ' אוּן סִימָן פ"א) אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאךְ אַרְגֶער ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע, וָוארוּם דֶעם יֵצֶר הָרַע הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן כּוֹחוֹת נָאר ווִיפִיל דֶער מֶענְטְשׁ קֶען אִיבֶּערְטְרָאגְן, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן יֶענֶעם אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, ווַייל זֵיי זֶענֶען מוֹרָא'דִיגֶע מוֹנְעִים, זֵיי זֶענֶען מוֹנֵעַ מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע.

**אִיבֶּערְדֶעם** הֶער אוֹיף צוּ אַרַיינְגֵיין מִיט וִויכּוּחִים מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ:

אַוודַאי הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, דוּ וֶועסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן יֶעדְן טָאג וֶועט זַיין בַּיי דִיר אַ טָאג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה) "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" אוֹיבּ אִיר ווִילְט הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְט אִיר ווִיסְן אִיר הָאט נִישְׁט נָאר "הַיּוֹם" נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ פַּארְמֶעגְן, אוֹיבּ מֶען נִיצְט עֶס אוֹיס ווִי מֶען דַארְף עֶס אוֹיסְנִיצְן אִיז דָאס אַ פַּארְמֶעגְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, קוּק נָאר אוֹיף דִיר, אַזוֹי

ווִי דוּ לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פָּאפְּן בַּיים עֶסְן אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט עֶסְן פַאר דִיר, וָוארוּם אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט עֶסְן וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן הוּנְגֶערִיג וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ בְּרוּחְנִיּוּת קֵיינֶער קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען פַאר דִיר, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען פַאר דִיר, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת פַאר דִיר,

**אִיבֶּערְדֶעם** הֶער אוֹיף נָאכְצוּלוֹיפְן נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ' וְכוּ', אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וָואס זֶענֶען פָּגוּם בִּבְרִית, זֵיי

דַארְפְן אַלֵיין הָאבְּן נָאךְ אַ גְרוֹיסְן תִּיקוּן, זֵיי וֶוערְן פִּירֶערְס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מֶער ווִי פַארְפִירֶערְס, דוּ הָאסְט פַאר דִיר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, חַזֵר אִין דֶעם בִּיז סְ'וֶועט זַיין שָׁגוּר אוֹיף דַיין מוֹיל אוֹיסְנְווֵייניג. אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אַז עֶר

נֶעמְט זִיךְ אַרַיין אִין קָאפּ אַז עֶר וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קֶען עֶר, אוֹיבּ עֶר חַזֶר'ט אַסַאךְ זַיינֶע סְפָרִים, נָאר דָארְטְן לִיגְט זַיין בַּאהַאלְטֶענֶעם לֶעבְּט.

**אִיךְ** הָאבּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דוּ זָאלְסְט זָאגְן פַאר דַיינֶע צְוֵויי חֲבֵרִים ... נֵרָם יָאִיר, אַז אִיךְ מֵיין פַאר זֵיי אוֹיבֶּעט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיווּ, אוּן זֵיי מֶעגְן מַאכְן פוּן דֶעם אַ הֶעְתֵּק.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רחצ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה אִיךְ הָאבּ אַז אִיר קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּן אִיר רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אוּן רֶעדְן פוּן אִים, אוּן אַז מֶען רֶעדְט פוּן אִים קוּמְט אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִרְהוּר

תְּשׁוּבָה, וָוארוּם וֶוער עֶס אִיז צוּגֶעוואוֹינְט און רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוערְט זַיין הַארְץ דֶערְוֶועקְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אַזַא אוֹפָן וָואס מֶען גֶעפוּנְט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') דָאס עֶס אִיז דָאךְ אַ מִצְוָה פוּן זָאגְן תוֹכָחָה פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יט) "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ" אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אִיז רָאוּי מוֹכִיחַ צוּ זַיין, מוּסָר זָאגְן פַאר יֶענֶעם, וָוארוּם וֶוען מֶען זָאגְט אֵיינֶעם מוּסָר ווארְפְט מֶען אִים אַרָאפּ, דֶער עִיקָר מוּסָר דַארְף זַיין רֶעדְן נָאר פוּן הִתְחַזְקוּת, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ מִמֵּילָא נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען דַארְף רֶעדְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדֶע מִצְוָה, דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדֶע הַנְהָגָה טוֹבָה, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדְן מִנְהַג יִשְׂרָאֵל, און מֶען טָאר נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קַיין שׁוּם מִנְהָג, וָוארוּם יֶעדֶע מִנְהַג יִשְׂרָאֵל תּוֹרָה הוּא.

און דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אוֹיבּ אֵיינֶער פְרֶעגְט אוֹיף אַ מִנְהָג וִוי ס'שְׁטֵייט? דַארְף מֶען וִויסְן עֶר אִיז אַ אַפִּיקוֹרֶס! וָוארוּם דָאס אִיז תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אַלֶע מִנְהֲגֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן אַ מְקוֹר, אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וְכוּ', אִיז דָאס דַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען זֶעהְט אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל פִירְן זִיךְ מִיט אַזַא מִנְהָג יֶעדֶע עֵדָה און עֵדָה בַּאזוּנְדֶער פִירְן זִיךְ מִיט דֶעם מִנְהָג, טָאר מֶען נִישְׁט אָפְּשְׁפֶּעטְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** פְרֵייט אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר קוּמְט זִיךְ צוּזַאם
אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּן אִיר רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן
רֶבִּי'ן וָואס דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלָה צוּ הַאֲרֶן אוּן
נִישְׁטֶערְן אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

**עֶם** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "מָאוֹר וָשָׁמֶשׁ" (דְּבָרִים)
וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי
אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע, אַז אַסַאךְ מָאל הָאט פַּאסִירְט אַז
זַיין רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין חָצֵר אוּן עֶם אַרוּם אִים גֶעשְׁטַאנֶען
דִי תַּלְמִידִים, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַ פְּשׁוּטֶע מַעֲשֶׂה, אוּן
יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַנְדֶערְשׁ
דִי מַעֲשֶׂה אוּן עֶר הָאט גֶעוֵויינְט, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט
אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ אִים, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען רְמָזִים
פוּן דִי מַעֲשֶׂה פַאר זִיךְ, עַיֵין שָׁם. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, דֶעם
כֹּחַ פוּן אַ הֵיילִיגְן צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל
עוֹלָמִים בְּבִיטוּל כָּל הַרְגָשׁוֹתָיו, וֶוען עֶר רֶעדְט קֶען מֶען זִיךְ
טְרֶעפְן אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען, אִין רֶעדְט נָאר פוּן הֵיילִיגְן
רֶבִּי'ן, קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן
אִין קַיין פָּאלִיטִיק אוּן שְׁקָרִים, וָוארוּם צְווִישְׁן בְּרֶסְלְבֶר
חֲסִידִים הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט כָּל מִינֵי נַארִישֶׁע
פָּאלִיטִיקְ'ן וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל נָאר דֶעם
בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְטְס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק
פוּן שֶׁקֶר.

**אוּן** דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז"ל אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען זָאל נָאר וֶועלְן דִינֶעם דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַזוֹי גֵייט דָאס מִדוֹר דוֹר, דִי אַלֶע עֶרְנְסְטֶע בְּרֶסְלֶבֶר חֲסִידִים מִישְׁן זִיךְ נִישְׁט אִין קַיין מַחְלוֹקֶת, אוּן וֶוער ס'מִישְׁט זִיךְ אִין מַחְלוֹקֶת וַוייזְט אַז עֶר מֵיינְט נִישְׁט עֶרְנְסְט, ס'אִיז בַּיי אִים דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַ לֵיצָנוּת, עֶר קוּמְט דָא וָוארוּם עַבְדָא בְּהֶפְקֵירָא נִיחָא לֵיהּ וְכוּ', עֶר טוּט וָואס עֶר ווִיל וְכוּ'.

**אָבֶּער** דֶער אֱמֶת'ן אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מִיר הָאבְּן אַ הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער יְסוֹד מוּסָד בַּיי אִים אִיז רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָאס גַאנְץ לֶעבְּן גֵייט אִים אַנְדֶערְשׁ, דֶעמָאלְטְס דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ פוּן עַלְמָא דְאָתֵי, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּן עַלְמָא דְאָתֵי, עֶר דַארְף זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט, אוּן הִיטְן דֶעם זִכָּרוֹן וְכוּ', אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הִיט דֶעם זִכָּרוֹן אוּן עֶר טְרַאכְט אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט אוּן פַארְגֶעסְט נִישְׁט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען קַיין שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים אוּן קַיין פָּאלִיטִיק שֶׁל שֶׁקֶר, ווִי הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַסַאךְ רֶבִּי'לֶעךְ וְכוּ' אִין בְּרֶסְלֶבֶר חֲסִידוּת וְכוּ', אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער וַוארְפְט אוֹיפְן אַנְדֶערְן שְׁמוּץ, אַז אָךְ אוּן וֵויי אַזוֹי לֶערְנֶען זֵיי, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר אַהֲבָה אוּן אַחְדוּת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיבּ ס'וֶועט זַיין צְווִישְׁן עֶנְק אַהֲבָה וְאַחְדוּת הָאט עֶטְץ נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה צוּ וָואסֶערֶע מַדְרֵיגוֹת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן נָאר רֶעדְן פוּן שְׁבַח פוּן צְוֵוייטְן, זוּכְן דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֶועט רֶעדְן נָאר דָאס גוּטְס פוּן צְוֵוייטְן דָאס וֶועט אִים מְקָרֵב זַיין מֶער אוּן מֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**הִיט** זִיךְ זֵייעֶר פוּן לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת אוּן לֵיצָנוּת וְכוּ' וְכוּ', מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן, ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג וָואס מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן עֶפֶּעס אַ אוּמְגְלִיק וְכוּ' וְכוּ', דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן קַיין אוּמְגְלִיקְן וְכוּ' וְכוּ', אִיז ווִי קֶען מֶען רֶעדְן פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְן אַנְדֶערְן? דֶער שְׁלֵימוּת אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ז) אַז מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק עֶפְנְט עֶר אוֹיף דִי אוֹיגְן, אוּן דֶער עִיקָר אִיז קוּקְן אוֹיף זִיךְ.

**חַזֵר** דָאס אַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט "הָעִיקָר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ" דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ קוּקְן אוֹיף זִיךְ ווִי הַאלְט אִיךְ מִיט מַיינֶע מִידוֹת, בִּין אִיךְ אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ? פַארְוָואס בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט? אִיז מַיין מוֹיל הֶפְקֵר? פַארְוָואס אִיז מַיין מוֹיל הֶפְקֵר? הָאבּ אִיךְ שְׁמוּצִיגֶע

אויגן? פאַרְוָואס הָאבּ אִיךְ שְׁמוּצִיגֶע אויגְן? דָאס הֵייסְט יִשּׁוּב הַדַעַת, און אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן, מִיט יֶעדֶע זַאךְ זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט"ו) אַז אַ אִיד מִשְׁפָּט זִיךְ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט פַארְוָואס טוּט עֶר אַזוֹי? דֶעמָאלְטְס פַאלְט פוּן אִים אַוֶועק אַלֶע יִרְאוֹת חִיצוֹנִיוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט הֶערְן אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, און דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ דִי חֲבֵרִים נָאר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, און אִיר וֶועט נִישְׁט וֶועלְן אֵיינֶער זָאל גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיפְן צְוֵויטְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רצט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

שָׁלוֹם רַב אֶל ... תִּחְיֶה

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דִי** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז וָואלְט אִיךְ גֶערָאטְן אַז מֶען זָאל בּוֹדֵק זַיין דִי מְזוּזוֹת, וָוארוּם אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס אִיז דָא פְּחָדִים אִיז אַ סִימָן אַז דִי מְזוּזוֹת זֶענֶען נִישְׁט כָּשֵׁר, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען בּוֹדֵק זַיין דִי מְזוּזוֹת.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט קְרִיגֶען זִיךְ, וָוארוּם אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ בַּאשַׁאפְט מֶען דָארְטְן אַלֶע קְלִיפּוֹת, ווִידֶערְאוּם פַּארְקֶערְט אוֹיבֶעט, סְ'אִיז דָא שְׁטוּבֶּער וָואס סְ'אִיז גוֹרֵם מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן סְ'אִיז דָא אַ בְּחִירָה, אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עוּקְצִין פֶּרֶק ג') לֹא מָצָא הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחְזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָא הַשָׁלוֹם.

**שָׁלוֹם** דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער כֵּלִי, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְט אִיר זֶעהְן נָאר זַיין בְּשָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, וֶועט דֶער גַאנְצֶער שְׁטוּבּ גֵיין אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע אוֹפָן.

וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ צִינְדְט מֶען אָן צְוֵויי לֶעכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מִיט אוֹיל כְּנֶגֶד שָׁמוֹר וְזָכוֹר, אוֹיסֶערְדֶעם צִינְדְט מֶען אָן פִיר חֵלֶב לֶעכְטֶעלֶעךְ, דָאס הֵייסְט צוּזַאמֶען אִיז זֶעקְס לֶעכְטֶעלֶעךְ, אַזוֹי פִירְן זִיךְ אוּנְזֶערֶע לַייט ווִיפֶער מְ'הָאט חֲתוּנָה אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ צִינְדְט מֶען צְוֵויי לֶעכְטֶעלֶעךְ פוּן אוֹיל, וָואס דָאס אִיז כְּנֶגֶד זָכוֹר וְשָׁמוֹר, אוּן פִיר לֶעכְט פוּן חֵלֶב וָואס דָאס אִיז כְּנֶגֶד דִי פִיר אוֹתִיוֹת פוּן שֵׁם הַוַי"ה בָּרוּךְ הוּא, אוּן וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט סְ'וֶוערְט גֶעבָּארְן אַ זוּהְן אָדֶער אַ טָאכְטֶער לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לֶעכְטֶעלֶע, אוּן אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע קִינְד לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לֶעכְט, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט ווֶינְצִיגֶער, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ.

מֶען דאַרְף אַכְטוּנג גֶעבְּן נִישְׁט צוּלֵייגְן און נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען לֶעכְט, נָאר שְׁטֶענְדִיג דִי זֶעלְבֶּע לֶעכְט צִינְדֶען, סֵיידִין מֶען פָּארְט אַוֶועק עֶרְגֶעץ וַוייט אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן דֶעמָאלְט צִינְדְט מֶען נָאר צְוֵויי לֶעכְט, אָבֶער וֶוען מֶען אִיז אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פִירְן, זָאלְסְטוּ צִינְדֶען דִי זֶעקְס לֶעכְט, און וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶנְק אִם יִרְצֶה הַשֵׁם הֶעלְפְן דָאס אִיר וֶועט הָאבְּן אַ זוּהְן אָדֶער אַ טָאכְטֶער זָאלְט אִיר צוּלֵייגְן אַ לֶעכְט.

וֶוען מֶען צִינְדְט לֶעכְט זָאל מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן און גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, און אוֹיף גֶעזוּנְט, אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵת רָצוֹן ס'זָאל דִי תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

## ש

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנָּן ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אֵיינְמָאל אַ בְּרִיוו, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵף זַיין מִיטְן שְׁלָאף, אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט

זִיךְ מִיד זָאל עֶר זִיךְ גֵיין צוּלֵייגְן אוֹיף אַ שָׁעָה צְווֵיי, וָוארוּם וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אוֹיף אַ שָׁעָה צְווֵיי רוּהְט מֶען זִיךְ אוֹיס דִי נֶערְוְון קֶען מֶען נָאכְדֶעם אַסַאךְ תּוֹרָה לֶערְנֶען, אוּן אוֹיבֶעט קֶען מֶען מִתְפַּלֵל זַיין מִיט לוֹיטֶערֶע מוֹחִין, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵף זַיין מִיטְן שְׁלָאפְן, אַ פֶּערְד שְׁלָאפְט אוֹיבֶעט זֵייעֶר וִוינְצִיג, אָבֶער עֶר בְּלַייבְּט אַ פֶּערְד וְכוּ׳, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַ אִיד וָואס עֶר אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַעַל דַארְף וִויסְן אוֹיבּ סְ׳פַּאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שְׁלָאף זָאל עֶר זִיךְ גֵיין צוּלֵייגְן אוֹיף אַ שָׁעָה צְווֵיי שְׁטֵייט עֶר אוֹיף נָאכְדֶעם אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט רוּאִיגֶע נֶערְוְון.

**גֶעבּ** אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ זִיצְן אוּן פְּלַאפְּלֶען שָׁעָה׳ן נַארִישְׁקֵייט, וָואס דָאס אַלֵיין מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיד.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין גֶעלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי פַּארְלִירְן גֶעלְט וְכוּ׳, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְבַטֵל אַזוֹיפִיל פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה בִּיז עֶר פַארְדִינְט דִי גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט נֶעמְט עֶר עֶס צוּ, הָאט עֶר אִים צוּגֶענוּמֶען זַיינֶע טֶעג זַיינֶע וָואכְן זַיינֶע חֳדָשִׁים וְכוּ׳ וְכוּ׳ וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זִיךְ פְּלָאגְן פַארְדִינֶען דִי גֶעלְט, הָאט עֶר עֶס נָאכְדֶעם צוּגֶענוּמֶען", אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין מְבַטֵל גֶעוֶוען פוּן אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין דִי גֶעלְט, דַארְף עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט.

**עֶם** פְלֶעגְט זִיךְ מַאכְן אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט בַּיי אִים בַּאקְלָאגְן אַז עֶר הָאט פַארְלָארְן זַיין גֶעלְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִים זֵייעֶר גֶעמוּסֶרְט, אַנְשְׁטָאט מְחַזֵּק זַיין הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעמוּסֶרְט, ווי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַזַא בַּטְלָן? ווי קֶען אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְן גֶעלְט? אִיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיפְן וֶועג גֶעבּ אִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוּן קוּק אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ מִיט מִיר דִי גֶעלְט וְכוּ', אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען, אַז דָאס וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ חָזַר עַל פַּכִּים קְטַנִּים וְכוּ', הָאט דֶען יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעדַארְפְט הָאבְּן דִי פַּכִּים קְטַנִּים אַז עֶס זָאל אִים אַזוֹי אָנְגֵיין וְכוּ' וְכוּ'? נָאר צַדִּיקִים גֶעבְּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט אָנְצוּבְּרֶענְגְן דִי צַייט, אוּן אוֹיבּ סְ'הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז מֶען הָאט גֶעמוּזְט אָנְבְּרֶענְגְן דִי צַייט כְּדֵי עֶס זָאל קוּמֶען דִי שֶׁפַע גֶעבְּן זֵיי אַכְטוּנְג אוֹיף דִי שֶׁפַע עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין לְאִיבּוּד.

**מִיט** גֶעלְט קֶען מֶען טוּהְן גוּטֶע זַאכְן, אָבֶער מִיט גֶעלְט קֶען מֶען פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט אוֹיבֶעט, אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן מִיט דֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט קַארְגְן פוּן דַיין וַוייבּ, דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן וָואס זִי דַארְף הָאבְּן, אוּן דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיסְפַּאטְשְׁקֶען דִי גֶעלְט אוֹיף שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** צוּ טוּהְן אַסַאךְ צְדָקָה וָחֶסֶד פַּאר קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר אִין הִימְל, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא׳דִיג הֲנָאָה אַז דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אָפּ מִיט קְרַאנְקֶע אוּן דוּ בַּאלַאנְגְסְט צוּ בִּיקוּר חוֹלִים, אוּן דוּ אָרְגֶענֶעזִירְסְט מֶענְטְשְׁן זָאלְן פָּארְן בַּאזוּכְן קְרַאנְקֶע אוּן הֶעלְפְן זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער מִצְוָה, סְ׳אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן דֶעם, אוּן הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד דָאס אִיז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיבּ מֶען אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָדֶער נִישְׁט וְכוּ׳, אוֹיבּ מֶען הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, חָלִילָה וְחַס אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל נִישְׁט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן דָאס ווַייזְט אַ פְּגַם אִין זַיין נְשָׁמָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיף דַיין גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ הֶעלְפְסְט אַרוֹים קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל שִׁיקְן אַ

רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַאר אַלֶע חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, אוּן זֵיי זָאלְן אַלֶע אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ בֶּעטְן פַאר אַלֶע קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן גֶעזוּנְט וֶוערְן, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַז בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב זָאל נִישְׁט זַיין קַיין קְרַאנְקֶע, אִיבֶּערְדֶעם אִיז ווַאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר בֶּעט שְׁטֶענְדִיג פַאר קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג**

## שב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי שֵׁיין דֶער שַׁעַר מִיטְן קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים", דִי דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַז דוּ קֶענְסְט עוֹסֵק זַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אָפְּדְרִיקְן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס אִיז מְקָרֵב אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן טוּט זֵיי שְׁטַארְקְן אוּן אַרַיינְבְּלָאזְן אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט אִין לֶעבְּן, בִּזְכוּת דֶעם זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן פַּרְנָסָה בְּנֵיקְל, וָוארוּם מֶען קֶען

נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דִי מַעֲלָה פוּן אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי שְׁטֶעגְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם וֶוער סְ'אִיז מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אוּן טוּט הֶעלְפְן מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַאר אִים עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף אַלֶע טוֹיעֶרְן אִין הִימְל.

אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בִּיָדָא דְחַיָיבָא, [קוּם אוּן זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָק הָכִי בַּר נַשׁ אַחְרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיעֶךְ הוֹיעֶךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחְרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחְרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טֵייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקַרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זַיי אַיינֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב') "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם"

וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [און אויף דעם מענטש איז געזאגט געווארן דער פָּסוּק אַז מַיין בונד וועט זַיין מיט אים און עס וועט רוען אויף אים דאס לעבן און דער שָׁלוֹם, און ער וועט זוֹכֶה זַיין צו זעהן קינדער פון זַיינע קינדער, און ער וועט זוֹכֶה זַיין גליקליך צו זַיין אויף די וועלט און אויף יענער וועלט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שום מְקַטְרֵג קען נישט מְקַטְרֵג זַיין נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט] עָאָל בִּתְרֵיסָר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִימְחֵי בְּיָדֵיהּ [און ער גייט אַריין אין די צְוועלף טויערן פון אַלע צוועלעף שְׁבָטִים, און קיינער קען אים נישט שטערן] וְעַל דָא כְּתִיב [און אויף אים איז געזאגט געווארן דער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי"ב) "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ'.

**גְלַייב** מיר איך בין דיר זייער מְקַנֵא אויף דַיין הייליגע אַרְבֶּעט, נאך אַזעלכע שְׁבָחִים וואס עס שטייט אין זוהַר אויף איינעם וואס איז מְקָרֵב רְחוֹקִים צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווּאוּנְטְשׁ איך זיך צו האבן אַ חֵלֶק מיט דיר.

**דער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל איבערדרייען די טעג עס זָאל ווערן יָמִים טוֹבִים, און מען זָאל זוֹכֶה זַיין צום בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**הַמְאַחֵל לְךָ נֶחָמָה שְׁלֵימָה**

## שג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**קוֹדֶם**, קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ הָאסְט אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים", וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זְכוּת הָרַבִּים, ווִי בַּאוואוּסְט אַז קַיין שׁוּם צַדִיק הָאט נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דַוְקָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר פּוֹעֵלְ'ן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס אַגַאנְץ יָאר אִיז שְׁוֶוער צוּ פּוֹעֵלְ'ן נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵיידֶער פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן אִיז מוֹנֵעַ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס עֶס וֶוערְט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי תַּחְבּוּלוֹת, קוֹדֶם אִיז דָאס וַוייבּ אַ גְרוֹיסֶע מְנִיעָה, זִי שְׁטֶערְט דִי מַאן פוּן קוּמֶען מִיט אַלֶע מִינֵי אוֹיסְרֵייד וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אוּן** נָאכְדֶעם אִיז דֶער מְנִיעָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מְנִיעַת הַמּוֹחַ, וָוארוּם עֶס קוּמֶען דָארְטְן צוּזַאם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, אוּן

עֶס פַאלְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', הַזֹאת נָעֳמִי? אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיסְזֶעהְן? וָוארוּם עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַסַאךְ קַשְׁיוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**אָבֶּער** וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? מַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא בַּיי מִיר אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶּעלְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַגַאנְץ יָאר.

**וִוידֶערְאוּם** הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן ת"ה) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, לֹא מִיבָּעְיָא עֶטְץ אַלֶע דַארְפְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן, קוּקְט עֶר אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן עֶר קוּמְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אֲפִילוּ דָארְטְן אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וָואס גֵייט מִיךְ אָן, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה וְכוּ', אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ רְפוּאָה וְכוּ', קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט.

**אַזוֹי** ווי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף חָלִילָה גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל און עֶר זֶעהְט דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וֶועגְן דֶעם וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט מוֹנֵעַ זַיין פון גֵיין דָארְטְן, וָוארוּם עֶר גֵייט אַרַיין זִיךְ הֵיילְן, די זֶעלְבֶּע זַאךְ עֶס קוּמֶען זִיךְ צְוַואם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן פון די גַאנְצֶע וֶועלְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, און יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין צָרָה מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ' וְכוּ', אִיז בְּמֵילָא דַארְף עֶר נִישְׁט קוּקֶען אויף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר פָארְן זִיךְ צוּ הֵיילְן, און עֶס הַארְט נִישְׁט וָואסֶערְע מִנְיָן עֶר דַאוֶוענְט, אַבִי עֶר זָאל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים" וָואס דֶער עִיקָר קוּנְטְרֵס אִיז פַאר די פְרוֹיעֶן וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אַנְדֶערֶער אִיז מוֹנֵעַ און שְׁטֶערְט פָארְן אִיז וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר? אָבֶּער אַ וַוייבּ זָאגְן די חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כד.) אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ; מִיט אִיר דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען וָוארוּם מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ בְּשָׁלוֹם, און אויף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען, און עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּשְׁטֶערְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת פון אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק, און אַזוֹי ווי נִישְׁט יֶעדֶע פְרוֹי וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פון רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', אָדֶער אַ חַבֶר'טָארְן הָאט אִיר אָנְגֶערֶעדְט אַקֶעגְן וְכוּ', אִיז פַאר אִיר גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דֶער קוּנְטְרֵס אוֹיפְצוּקְלֶערְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון אַ פְרוֹי וָואס לָאזְט פָארְן דֶעם מַאן אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

**דָאס** וָואס דו פְרֶעגְסְט דָאס דַיין ווייבּ דַארְף דֶעמָאלְט הָאבְּן אַ קִינְד וָואס זָאלְסְטוּ טוּהְן זָאלְסְטוּ פָארְן אָדֶער נִישְׁט? אִיז קוֹדֶם נָאךְ דָא גַאנְצֶע זִיבְּן וָואכְן, בִּיז דֶעמָאלְט קֶען זִי נָאךְ הָאבְּן דָאס קִינְד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען פָארְן, אָבֶער אוֹיבּ זִי וֶועט נִישְׁט הָאבְּן בִּיז דֶעמָאלְט דָאס קִינְד, מוּזְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אִיר, וָוארוּם וֶוען אַ פְּרוֹי גֵייט צוּם קִינְד שְׁרֶעקְט זִי זִיךְ זֵייעֶר, אוּן זִי דַארְף הָאבְּן דֶעם מַאן לֶעבְּן זִיךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין ווילְדֶע זַאכְן, נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי ווייבּ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרִית טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין הֶפְקֵירוּת אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס ווייבּ מִיטְן קִינְד אַלֵיין.

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַז דוּ לֶערְנְסְט חוּמָשׁ וְרַשִׁ"י מִיט מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ', אַז וואוֹיל אִיז דִיר, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ ווי לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאהֶעפְט עֶר זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס וֶוערְט נִשְׁפָּע אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער לֶעבְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער תּוֹרָה מַאכְט רַייךְ בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיכֶעט.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי טֶעג עֶס זָאל וֶוערְן יָמִים טוֹבִים, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**הַמְּאַחֵל לְךָ נֶחָמָה שְׁלֵימָה**

## דש

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ח׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים מְרִירוֹת אוּן מַכְאוֹבִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, ס׳אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים עֶפֶּעס אַ אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֶה בְּכֹה וְזֶה בְּכֹה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, וּבִפְרַט אַז דוּ בִּיסְט מְחַזֵּק אַ אַנְדֶערְער מִיזְטוּ הָאבְּן מֶער הִתְחַזְקוּת ווִי אַלֶע.

**דֶער** עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אַז עֶס זָאל זַיין אַהֲבָה אוּן אַחְדוּת צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט אַלֶע מִינֵי אוֹפַנִּים שֶׁבָּעוֹלָם עֶס זָאל זַיין פֵּירוּדִים, עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט, ווַייל בַּיים סוֹף וֶועט אַלֶעס בָּטֵל וֶוערְן, וָוארוּם כָּל זְמַן מְ׳הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען אִיז דָא הַצְלָחָה, אָבֶּער ווִיפֶּער עֶס הֵייבְּט אָן זִיךְ צוּ שְׁפִּילְטֶערְן אוּן צוּ בְּרֶעקְלֶען וֶוערְט עֶס אַלֶעס בָּטֵל, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל גֶעזָאגְט שְׁטֶענְדִיג

פַּאר אוּנְזֶערֶע לַייט אִיךְ הָאבּ מֶער צַעַר פוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן אִינֶעוֵוייניג ווי דִי מַחְלוֹקֶת פוּן דְרוֹיסְן וְכוּ' וְכוּ'.

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן זָאגְן אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין מַחְלוֹקֶת וְכוּ', סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין פֵּירוּדִים וְכוּ', לֵיידֶער אִיז יָא דָא, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וויל אוּנְז צוּבְּרֶעכְן אוּן צוּשְׁפִּילְטֶערְן, עֶר וֶועט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין וֶוען אִיךְ בִּין אַזַא עַקְשָׁן שׁוֹין אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר מְ'הָאט פְּרָאבִּירְט מִיךְ צוּבְּרֶעכְן פוּן אַלֶע זַייטְן אוּן סְ'אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אוּן אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים סְ'וֶועט זֵיי נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַליין אוּן דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִין, נִכְלָל וֶוערְן אִין אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן אַריינְשַׁיינֶען אִין אַ אַנְדֶערְן אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע הַרְגָשָׁה עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ' וְכוּ' דֶעמָאלְט קֶען מֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהְן, מֶען קֶען אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס צוּ צוּבְּרֶעכְן וְכוּ', מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהְן וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וֶועמֶען צוּ טוּהְן וְכוּ' וְכוּ'.

**אוֹיבּ** אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים לֶעבְּט עֶר אַ חַיִים טוֹבִים, אוּן עֶר הָאט אַ עַיִן טוֹבָה, אַ גוּט אוֹיג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַּארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, זֶעה עֶס זָאל נָאר זַיין

אַחְדוּת און אַהֲבָה צְווִישְׁן די תַּלְמִידִים פון הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ,
וֶועסְטוּ זֶען מִיר וֶועלְן הָאבְּן גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה.

מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, און וָואס וָואס מֶען זֶעהְט און וָואס מֶען הֶערְט און וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִיז אַלֶעס אֱלֹקוּת, וָוארוּם דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וֶוער סְ'נֶעמְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ דֶער לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים אַ חַיִּים מְתוּקִים וְכוּ' וְכוּ', אַ זִיס לֶעבְּן, אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן וְכוּ', וָוארוּם סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זִיסְקֵייט און אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט ווִי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר נִכְלָל וֶוערְן און בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַנְדֶערֶע אוֹיכֶעט.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן אַז דוּ הָאסְט בָּחוּרִים און דוּ קֶענְסְט מִיט זֵיי רֶעדְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ מִיט זֵיי מַרְבֶּה זַיין בְּשִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים פוּן צַדִיקִים, וָואס דָאס הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צִיעֶן דִי הֶערְצֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דֶער עִיקֶר זָאלְסְטוּ זֵיי אַרַיינְלֵייגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם אַ נְשָׁמָה וָואס אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט וָואס עֶס אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי ווִי סְ'הַיינְט דָא נֶעבֶּעךְ פְּגוּם'דִיגֶע בָּחוּרִים וְכוּ' וְכוּ', זָאלְן זֵיי אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, עֶנְדִיגְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן אַנְדֶערְן, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן בֶּענְקֶענִישׁ, אַז וואוּיל

איז דעם בָּחוּר וָואס עֶר איז זוֹכֶה צו לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זייעֶר אַסאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און די זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאל עֶר זָאגְן אַסאךְ דַפִּים גְמָרָא, וָואס דָאס צוּשְׁנַייט די קְלִיפּוֹת, ווִי די חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קו:) גְמָרָא גְמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא; הָאבְּן צַדִיקִים גֶעטַייטְשְׁט אַז דָאס איז מִלָּשׁוֹן אַזֵמֵר כָּל עָרִיצִים וְכוּ׳, אַז מֶען לֶערְנְט און מֶען זָאגְט גְמָרָא צוּשְׁנַייט דָאס אַלֶע קְלִיפּוֹת.

**איבֶּערדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ זייעֶר שְׁטַארְק, און פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, און אִיךְ בֶּעט דִיר זייעֶר נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל זֶעה צו טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין חָלִילָה וְחַס בַּיי אוּנְז קַיין פִּירוּדִים, וָוארוּם דֶעמָאלְט וֶועט עֶס שַׁאדְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ וֵוייס אַז דו בִּיסְט נִישְׁט גוֹרֵם צו מַחְלוֹקֶת און פִּירוּדִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער לֵיידֶער דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם רוּהְט נִישְׁט אַיין אַ מִינוּט און עֶר וִויל נָאר צוּבְּרֶעכְן די גַאנְצֶע חֲבוּרָה, זָאלְסְטוּ זֶעהְן דָאס נִישְׁט צו צולָאזְן.

**אִיךְ** הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קְהִילָה פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, און סְ׳איז מִיר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט זֵיי צו הַאלְטְן צוּזַאמֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער דָאךְ בִּין אִיךְ זוֹכֶה זֵיי הַאלְטְן צוּזַאמֶען, און דָאס איז די גַאנְצֶע הַצְלָחָה.

די רְשָׁעִים פַּרְאבִּירְן מַסֶר׳ן פוּן אַלֶע זַייטְן וָואס זֵיי קֶענֶען נָאר, און זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט מַצְלִיחַ, און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, פַארְוָואס? וַוייל מִיר זֶעעֶן אִינֶעוֵוייניג אַזוֹי

בְּאַחְדוּת וּבְאַהֲבָה בִּפְרַט דִי פְרוּיֶען הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אַרוּים, וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט קֶענֶען אוּנְז בַּייקוּמֶען.

**דֶעם** פְרַייטָאג אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁמוּצְט אוֹיף אוּנְז אִין אַ צַייטוּנְג דִי אַרְגְסְטֶע שְׁמוּץ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, דִי אַרְגְסְטֶע לִיגְנְטְס אוּן לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת אוּן נִיבוּל פֶּה וָואס מֶען קֶען זִיךְ אֲפִילוּ פָארְשְׁטֶעלְן אַז דָאס קֶען וֶוערְן גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ צַייטוּנְג וְכוּ', וָואס פְרֵייעֶ הָאבְּן שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז פָּשׁוּט אַ גוּזְמָא וְכוּ', זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן וְכוּ', אוּן דִי בּוּשׁוֹת אוּן דִי חֶרְפּוֹת וָואס מִיר לַיידְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אוּן וֶוער שְׁטֵייט אִינְטֶער דֶעם, אֵיין טָמֵא מְטוּמָא, וָואס עֶר דַארְף זַיין דֶער רָב פוּן שְׁטֶעטְל וָואס עֶר אִיז אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא אֶת הָרַבִּים וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַף עַל פִּי כֵן שְׁטַארְקְן מִיר זִיךְ אוּן מִיר וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, נָאר מִיר דֶערְהַאלְטְן זִיךְ מִיט אַלֶע מִינֵי אוֹפַנִים שֶׁבָּעוֹלָם, אוּן דָאס אִיז אַ דַאנְק דִי אַחְדוּת וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן אוּנְז.

**אוּן** דָאס הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַלֶע תַּלְמִידִים, אַז מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת וָואס הָאט גֶעמַאכְט אָפְּקִילְן מֶענְטְשְׁן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן פוּן לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה וְכוּ' וְכוּ', נָאר דִי פִּירוּדִים וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה לְהַתְמָדָה אִיז וֶוען מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אוּן מֶען

פְּרַאבִּירְט צוּ זַיין בְּאַחְדוּת מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶעמָאלְט הָאט מֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אָבֶּער דִי מִינוּט מְ'הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן אוֹיף דֶעם אָדֶער אוֹיף דֶעם אָדֶער אוֹיף יֶענֶעם אָדֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וְכוּ' וְכוּ' פַארְלִירְט מֶען דֶעם חֵשֶׁק פוּן לֶערְנֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, טוּה וָואס דוּ זָאלְסְט טוּהְן אַלֵיין צוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע, אוּן דֶער עִיקָר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אֵיין נְקוּדָה עֶס זָאל זַיין נָאר אַחְדוּת אוּן אַהֲבָה, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט צוּנֶעמֶען דַיין שְׁטֶעלֶע וְכוּ', דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַז דֶער דִמְיוֹן דָאס אִיז דֶער אַרְגְסְטֶער יֵצֶר הָרַע, וַוייל דָאס פַארְשְׁטֶעלְט אֱלֹקוּת וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹן אוּן קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל; וָואס אִיז דֶער שֵׂכֶל? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיפְן שֵׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָבָר, וָואס דָאס אִיז דִי אֱלֹקוּת וָואס סְ'בַּאהַאלְט זִיךְ אִין יֶעדֶע זַאךְ, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפוּנְט זִיךְ אִיבֶּערָאל, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג צוּ קוּקֶען נָאר אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט וֶועט אִים קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְּאַחֵל לְךָ נֶחָמָה שְׁלֵימָה**

# שה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ח׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו מִיט אַלֶע בִּילְדֶער פוּן דִי יְשִׁיבָה.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ דַארְפְּסְט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן, ווָארוּם בָּזֶה הָעוֹלָם מוּז מֶען הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים בִּיטֶערְנִישׁ מִיט ווַייטָאגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֶה בְּכֹה וְזֶה בְּכֹה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל אִים גֵיין גְרִינְג דֶער לֶעבְּן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קי"ט) אַז עֶס זֶעהְט אוֹיס אַז דָא אִיז גָאר דֶער גֵיהִנּוֹם, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה וְכוּ׳, אָדֶער גַּן עֵדֶן אָדֶער גֵיהִנּוֹם.

**אַז** אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הָאט רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר אִיז מְחַיֶּה אוּן מְהַוֶּוה אוּן מְקַיֵּים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַלְסְדִינְג אִיז אֱלֹקוּת, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּהְן אַלֵיין נָאר בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; [אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען רוּפְט אוֹיס קוֹדֶם אִין

הִימְל] ווידֶער זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלוֹא נִימָא; [אֵיין מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען דֶעם צְוֵייטְן אוּן אֵיין קֶענִיגְרַייךְ קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם צְוֵייטְן אֲפִילוּ ווִי אַ פָּאדִים] וָוארוּם יֶעדֶע זַאךְ אִיז מוּשְׁגָח בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיּוּת.

מֶען קֶען זִיךְ עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי וַוייט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וַוייט דָאס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.) אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא מִן שְׁמַיָּא מַנוּ לֵיהּ; [אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז מְמוּנֶּה אוֹיף דִי בּוֹרוֹת אוּן דִי מִיסְט אִיז אוֹיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען פוּן הִימְל], עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זַאךְ וָואס אִיז אַלֵיין, אַלֶעס אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

מִיר דַאכְט זִיךְ אַז דָאס גַאנְצֶע בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז אוֹיפְגֶעבּוֹיעט גֶעוָוארְן יֶעצְט אִין קֶעמְפּ בְּמֶשֶׁךְ צְווֵיי דְרֵיי טֶעג אִיז אַ אָפֶּענֶער מוֹפֵת וְכוּ', אַ אָפֶּענֶער צֵייכֶענוּנְג אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס אִיז הַיינְט אוֹיבֶּעט דָא צַדִּיקִים וְכוּ', ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זַ"ל (שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"ן סִימָן קצ"ב) וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי וֶועלְט גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אַזוֹי ווִי אִין דִי פְרִיעֶדִיגֶע דוֹרוֹת, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוֹיב מֶען גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען גְלֵייבְן אַז עֶס אִיז אוֹיךְ דָא צַדִּיקִים,

וָוארוּם אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפוּנְט זִיךְ אַזוֹי אִיז דָא צַדִיקִים אִין יֶעדֶער דוֹר, עַיֵין שָׁם.

**נָאר** מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר טוּט שְׁמוּץ וְכוּ', גֵייט אִים אַרוֹיף צוֹאָה אוּן טִינוּף אִין קָאפּ וְכוּ', אוּן פַארְדְרֵייט אִים אִינְגַאנְצְן וְכוּ', בִּיז עֶר שְׁפֶּעט פוּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְגַלֶה גֶעטְלִיכְקֵייט וְכוּ', אוּן זֶענֶען מְקַרֵב אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּן גְלֵייבְּן אַז הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא אַזַא מַדְרֵיגָה וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (עָמוֹס ג' ז') "כִּי לֹא יַעֲשֶׂה אֲדֹנָ"י אֱלֹקִי"ם דָבָר כִּי אִם גִלָה סוֹדוֹ אֶל עֲבָדָיו הַנְבִיאִים" אוּן דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בְּחִירָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ו) אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים זֶעהְן אָפֶּענֶע מוֹפְתִים אוֹיף שְׁרִיט אוּן טְרִיט וְכוּ', עַיֵין שָׁם.

**וֶוען** דוּ וָועלְסְט זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶמִיץ הָאטְס אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט דֶעם בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה, דָאס בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ אַ דְרִיקֶערֵיי וְכוּ' וְכוּ', דָאס אַלֵיין אִיז אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע וואוּנְדֶער, מַמָשׁ וִוי דִי חֲזַ"ל

זָאגְן (נִדָּה ל׳) לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסּוֹ; מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע זַאךְ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא אִין קֶעשֶׁענֶע אַ פְּרוּטָה אַחַת וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס קֶען קֵיינֶער נִישְׁט גְלֵייבְּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט עֶנְק אַלֶע גֶעטוּהְן אַזוֹיפִיל אָפֶענֶע נִסִּים, זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת, וּבִפְרַט אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה דַארְפְן זָאלְט אִיר לֵייגְן דֶעם גְרֶעסְטְן דָגוּשׁ, אוֹיפְנֶעמֶען מְלַמְּדִים יִרְאֵי הַשֵּׁם, אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַלֶ״ף בֵּי״ת, אוּן סִידוּר, אוּן חוּמָשׁ, אוּן מִשְׁנָיוֹת, אוּן גְמָרָא, וְכוּ׳, יֶעדֶער קְלַאס בַּאזוּנְדֶער, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיסְמִישְׁן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט דִי יְשִׁיבָה, וָוארוּם דִי יְשִׁיבָה אִיז אַ ווָאוּנְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק פַארְלוֹירֶענֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶער דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה זֶענֶען דָאךְ רֵיינֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמָה׳לֶעךְ, תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁאֵין בָּהֶם חֵטְא, אוֹיף זֵיי דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אוֹיבּ עֶטְץ וֶועטְץ מִיר פָאלְגְן וֶועט עֶטְץ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אַזוֹי וִוי אִיר זֶעהְט וָואס אִיר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט.

**בִּפְרַט** אִיר הָאט גֶעוָואלְט טוּהְן אַ ווִילְדֶע זַאךְ בְּרֶענְגְן אַן אַלְטְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם פַארְפָאלְטֶע טְרֶעילֶער, אוּן נָאךְ צָאלְן צֶען טוֹיזֶענְט דָאלְלֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, בְּשָׁעַת אִיר הָאט גֶעפָאלְגְט הָאט עֶטְץ אַ שֵׁיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, [לֵיידֶער הָאט דֶער גוֹי נִישְׁט צוּרִיק גֶעגֶעבְּן פוּנְף טוֹיזֶענְט דָאלְלֶער וָואס

מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן פַאר דִיפַּאזִיט, דָאס אִיז וַוייל מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט שׁוֹאֵל עֵצָה קוֹדֶם וְכוּ׳, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קמ"ג) אַז מֶען פְרֶעגְט אַן עֵצָה פוּן אַ צַדִיק הָאט מֶען הַצְלָחָה].

**פַארְגֶעסְט** נִישְׁט אֵיין מִינוּט וָואסֶערֶע נֵס אִיר הָאט גֶעהַאט מִיטְן אִינְסְפֶּעקְטֶער וְכוּ׳, וֶוען אִיר וֶועט וַוייטֶער זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים וֶועט אִיר זֶעהְן נָאךְ גְרֶעסֶערֶע נִסִים אוּן מוֹפְתִים.

**דֶער** עִיקָר אִיז אַרַיינְשַׁיינֶען אִין דִי בָּחוּרִים שִׂמְחָה, זֵיי זָאלְן שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, אָבֶער גְלֵייכְצֵייטִיג אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי עִיקְרֵי יַהֲדוּת, פָּשׁוּט אִידִישְׁקֵייט, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער וְכוּ׳, אוּן גֵיין מִיט אַ טַלִית קָטָן וְכוּ׳, אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת וְכוּ׳, אוּן דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, נִישְׁט אוֹיסֶענְוֵוייניג, וָוארוּם אַ בָּחוּר קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וְויאַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט, עֶר מוּז שְׁטֵיין אִין אֵיין פְּלַאץ אוּן אַרַיינְקוּקֶען נָאר אִין סִידוּר, אוּן מְכַוֵּן זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף וְכוּ׳, אוֹיךְ וַואשְׁן זִיךְ צוּם עֶסְן וְכוּ׳, אוּן בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן זִיךְ בִּיז מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט נֶעגְל וַואסֶער, אוּן נַאטִירְלִיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה כְּנוּסַח הָאֲרִיזַ"ל.

**בָּאטְשׁ** דִי אַלֶע זַאכְן זֶעהְט אוֹיס קְלֵיינִיגְקֵייטְן אָבֶער דָאס אִיז עִיקְרֵי יַהֲדוּת, יְסוֹדוֹת פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן אַלֶעם

דַארְף זַיין גֶעטוּהְן נָאר מִיט שִׂמְחָה, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו.

**עֶם** קוּמְט יֶעצְט תִּשְׁעָה בְּאָב דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן און עֶר אַלֵיין זָאל אוּנְז אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא קַמָּא ס:) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלַי לְשַׁלֵּם אֶת הַבְּעֵרָה שֶׁהִבְעַרְתִּי אֲנִי הִצַּתִּי אֵשׁ בְּצִיּוֹן שֶׁנֶּאֱמַר (אֵיכָה ד' י"א) וַיַּצֶּת אֵשׁ בְּצִיּוֹן וַתֹּאכַל יְסוֹדוֹתֶיהָ וַאֲנִי עָתִיד לִבְנוֹתָהּ בָּאֵשׁ שֶׁנֶּאֱמַר (זְכַרְיָה ב' ט') "וַאֲנִי אֶהְיֶה לָּהּ חוֹמַת אֵשׁ סָבִיב וּלְכָבוֹד אֶהְיֶה בְתוֹכָהּ".

**נַאטִירְלִיךְ** דַארְף מֶען זֶעהְן דָאס דִי בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג גַאנְץ תִּשְׁעָה בְּאָב, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי שְׁלָאפְן, בַּיי אוּנְז אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג מֶען לֵיינְט מְגִילַת אֵיכָה בַּיינַאכְט און אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי אַזוֹי ווי דֶער גְרָ"א הָאט זִיךְ גֶעפִירְט.

**מֶען** דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דָאס דִי בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט רֵייכֶערְן קַיין צִיגַארֶעטְלֶעךְ, כָאטְשֶׁע סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע תַּאֲוָה, אָבֶער אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אוּנְזֶערֶע לַייט מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן, דַארְף מֶען אִים פָאלְגְן.

**אִיךְ** הָאף אַז עֶנְק וֶועלְן גוּט אַרַיינְלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֵייט דָא אִין הַארְץ, וֶועט עֶטְץ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**הַמְּאַחֵל לְךָ נֶחָמָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**קוֹדֶם** בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט אַוֶועק וַוארְפְן פוּן זִיךְ דִי כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס ס'הֵייסְט בְּלֶעקְבֶּערִי וָואס דָאס אִיז פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה, בֵּית הַזוּהֲמָא מַמָשׁ, אוּן לֹא בְּחִינָם אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְט דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם (מִשְׁלֵי כט) "וְרֹעֶה זוֹנוֹת יְאַבֶּד הוֹן" אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַזַא כְּלִי טָמֵא אִין זַיין קֶעשֶׁענֶע וָואס עֶר קֶען דֶערְמִיט זֶעהְן אַלֶע שְׁמוּץ אִין דֶער וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ', פַאְרְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וְכוּ' אוּן מֶען וֶועט אִים וַוארְפְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן וְכוּ'.

**יֶעצְט** אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ הָאבְן פַּרְנָסָה בְּנִיקְל, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת שִׁיקְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַסַאךְ פַּרְנָסָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקי"א) אַז עֶר ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע פַּרְנָסָה, אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל אַרוּמְגֵיין אַ גַאנְצְן טָאג אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט בִּטָחוֹן וְכוּ', זָאל עֶר טוּהְן אַ פְּעוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, דָאס הֵייסְט עֶר זָאל הָאבְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע פַּרְנָסָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר

אויסְגֶעלָאזְט אַז דֶער עִיקֶר אִיז בִּטָחוֹן. אִיבֶּערְדֶעם אַז סְ'אִיז דִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַ מַחְשָׁבָה צו טוּהְן עֶפֶּעס אַ כְּלִי פַאר פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ עֶס זֶעהְן צו טוּהְן, אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט בִּטָחוֹן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דַיין טוּהְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר וַוארְף אַוֶועק אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס דוּ הָאסְט בַּיי דִיר, וָוארוּם נִיאוּף אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה, אוּן דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אָרֶעם, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צו הָאבְּן חוֹבוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז שִׂמְחָה אִיז דֶער סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים דָאס דֶער פָּסוּק (דְבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אִיז דֶער סוֹפֵי תֵּיבוֹת דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה חַ'תָ'ךְ', מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ פַּרְנָסָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנָּן י' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר לַייד צו הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט יֶעצְט בְּדַחְקוּת אִין פַּרְנָסָה וְכוּ', אוּן אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דִיר שוּלְדִיג

אַסַאך חוֹבוֹת וְכוּ׳, וָואס זָאל אִיך דִיר זָאגְן, אֵיינֶע פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין אַ בִּיזְנֶעס, אִיז שְׁטֶענְדִיג אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אַז יֶענֶער זָאל קוֹדֶם גֶעבְּן אַ אַיינְגַאבֶּע (דִיפַּאזֶעט בְּלַעַ״ז) וָוארוּם מְ׳הֵייבְּט נִישְׁט אָן צוּ אַרְבֶּעטְן פַאר יֶענֶעם בִּיז יֶענֶער לֵייגְט נִישְׁט אַרַיין עֶפֶּעס גֶעלְט, וָואס מִיט דִי גֶעלְט קוֹיפְט מֶען דִי סְחוֹרָה וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אוֹיבּ** אֵיינֶער גֶעבְּט נִישְׁט קַיין אַיינְגַאבֶּע (דִיפַּאזֶעט בְּלַעַ״ז) אוּן זָאגְט דִיך וָואס? דוּ גְלֵייבְּסְט מִיר נִישְׁט? דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט דִיך נִישְׁט בַּיים בַּאצָאלְן, אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ אָנְהֵייבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן פַאר אִים? אוּן דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, אוּן וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט שׁוֹין יָא אַיינְגַאבֶּע (דִיפַּאזֶעט בְּלַעַ״ז), וֶוען דוּ הַאלְסְט שׁוֹין אִינְמִיטְן אַרְבֶּעטְן דַארְפְסְטוּ נֶעמֶען פוּן אִים נָאך גֶעלְט וְכוּ׳, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיים סוֹף עֶנְדִיגְסְטוּ נִישְׁט בִּיז עֶר גֶעבְּט דִיך נָאך אַ סְכוּם וְכוּ׳, דָאס אִיז פָּשׁוּט שֵׂכֶל, אוּן עֶס נֶעמְט זִיך פוּן עֶרְפַארוּנְג (עֶקְסְפִּירִיעֶנְס בְּלַעַ״ז), וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם כְּלַל אִין אַ גֶעשֶׁעפְט וְכוּ׳, אָדֶער אִין אַ אַרְבֶּעט, אִיז נִישְׁט כְּדַאי אָנְצוּהֵייבְּן.

**אַוַודַאי** דַארְף מֶען גֶעבְּן קְרֶעדִיט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶער עֶר דַארְף זִיך צוּשְׁטֶעלְן אוֹיבֶעט, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז עֶר אִיז אַ אָרֶענְטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, (וָואס לֵיידֶער טָאר מֶען הַיינְט קֵיינֶעם נִישְׁט גְלֵייבְּן, אָבֶער אַז אֵיינֶער גֶעבְּט עֶפֶּעס, אִיז לְכָל הַפָּחוֹת זֶעהְט מֶען אַז עֶר מֵיינְט דָאס עֶרְנְסְט), אָבֶער סְתָם צוּ אַרְבֶּעטְן בְּחִינָם וַוייל עֶר וֶועט דִיך

אַמָאל בַּאצָאלְן דָאס אִיז אַ שְׁטוּת וְכוּ', אוּן עֶר אִיז אַ מְאַבֵּד עַצְמוֹ לָדַעַת, אוּן אוֹיף אַזַא אוֹפֶן בַּאנְקְרָאטִירְט מֶען בַּיים סוֹף, אוּן מֶען פַאלְט אַרַיין אִין חוֹבוֹת, דָאס אִיז דִי אַלֶ"ף בֵּי"ת פוּן אַ גֶעשֶׁעפְט וְכוּ', אָדֶער אַ אַרְבֶּעט וְכוּ', אָדֶער אַ בִּיזְנֶעס וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, פָּאלְג מִיר, דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע פַאךְ אִין דִי הַאנְט, אוּן עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאל הָאבְּן אַ פַאךְ אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקָ"א) אַז עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע פַּרְנָסָה, אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל אַרוּמְגֵיין אַ גַאנְצְן טָאג אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט בִּטָחוֹן וְכוּ', זָאל עֶר טוּהְן אַ פְּעוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, דָאס הֵייסְט עֶר זָאל הָאבְּן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע פַּרְנָסָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט אַז דֶער עִיקָר אִיז בִּטָחוֹן וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג זָאלְסְט נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ דַיין בֶּעסְטְן חַבֵר, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אַ אִיד הָאט פַארְלָארְן גֶעלְט אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין וְכוּ' וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיף אִים מַקְפִּיד גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְבַטֵל אַזוֹיפִיל פוּן תוֹרָה אוּן תְּפִלָּה בִּיז עֶר פַארְדִינְט דִי גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִיט

אַ קְלֵיינִיקֵייט נֶעמְט עֶר עֶס צוּ, אוּן דֶערְוַוייל הָאט עֶר אִים צוּגֶענוּמֶען זַיינֶע טֶעג זַיינֶע וָואכְן זַיינֶע חֳדָשִׁים וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זִיךְ פְּלָאגְן פַארְדִינֶען דִי גֶעלְט, הָאט עֶר עֶס נָאכְדֶעם צוּגֶענוּמֶען״.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין מְבַטֵּל גֶעוֶוען פוּן אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין דִי גֶעלְט, דַארְף עֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רפ״א, חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקמ״ז). עֶס אִיז פַארְפַאלְן, מֶען טָאר נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קֵיינֶעם נִישְׁט, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט זַיינֶע וֶועגְן ווִי אַרַיינְצוּוַוארְפְן מֶענְטְשְׁן אִין אַ צָרָה וְכוּ׳, אִים פַארְפְּלָאנְטֶערְן אִין אַ פְּלָאנְטֶער וְכוּ׳, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין קְלִיג אוּן ווִיסְן פוּן פָארְאוֹיס וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן.

**אוּן** דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ב׳) צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם וְכוּ׳ רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד; אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם) צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ רָעָה שֶׁיִּתְרַחֵק מִמֶּנָּה הָאָדָם וְכוּ׳ רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, הַלֹּוֶה וְאֵינוֹ מְשַׁלֵּם; וָוארוּם וֶוען אֵיינֶער אִיז אַ רוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג וָואס וֶועט זַיין וְכוּ׳, דֶער פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין וֶועמֶען יָא צוּ בָּארְגְן אוּן גֶעטְרוֹיעֶן, אוּן וֶועמֶען נִישְׁט צוּ בָּארְגְן אוּן גֶעטְרוֹיעֶן.

**וְעַל** כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ פְּלָאנְטֶער פוּן חוֹבוֹת.

**אִיךְ** הָאבּ אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועסְטוּ מִיר פָּאלְגְן, און דוּ וֶועסְט מְקַיֵים זַיין וָואס דָא שְׁטֵייט, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין דַיין פַאךְ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס דוּ טוּהסְט אוֹיף מִיט דַיין הַדְפָּסָה, מֶענְטְשְׁן זֶוענְען זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶה מִיט דִי סְפָרִים, דֶער זְכוּת זָאל דִיר בֵּיישְׁטֵיין, און זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן און שְׁלֶעכְטְס.

**וָואס** דוּ פְרֶעגְסְט וָואס טוּט מֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה אַז דִי וַוייבּ אִיז אַקֶעגְן? וְכוּ', זָאלְסְטוּ וויסְן אַז דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ מָאנְטָאג אִיז שׁוֹין חֲמִשָׁה עָשָׂר בְּאָב, וָואס עֶס אִיז פּוּנְקְט פֶערְצִיג טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט אוֹיף דֶעמָאלְט דֶעם קוּנְטְרֵס אוֹיף אִידִישׁ "רֹאשׁ הַשָׁנָה בַּיי צַדִיקִים" וָואס דָארְטְן רֶעדְט מֶען צוּ אַלֶע פְרוֹיעֶן און מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, און וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְכְדֶעם, און עֶס אִיז אַ טוֹבָה פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, וָוארוּם לֵיידֶער אִיז דָא אַזוֹיפִיל עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים, בִּיטֶערֶע מַחֲלוֹת און קְרֶענְק וְכוּ', שְׁוֶוערֶע צָרוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט וְכוּ', פַארְשִׁידֶענֶע אוּמְגְלִיקְן וָואס עֶס קוּמְט פָּאר וְכוּ', און דָאס אַלֶעם וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן וֶוען מֶען וָואלְט גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** דְרוּק עֶס שׁוֹין אָפּ מִיר זָאלְן עֶס קֶענֶען
אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן צְווִישְׁן אִידִישְׁן עוֹלָם, דִי פְּרוּיעֶן
זָאלְן טְרַייבְּן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן
רֶבִּי'ן אוּן זָאלְן אוֹיסְפּוּעֶלְ'ן אַ גוּט יָאר, אוּן אִין דֶעם זְכוּת
וֶועט דַיין וַוייבּ דִיךְ לָאזְן פָּארְן וְכוּ', אוּן אוֹיבּ נִישְׁט פְּרֶעגְט
מֶען נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת וְכוּ', אוּן מֶען פָּארְט וְכוּ'.

**וָוארוּם** מֶען דַארְף מַאכְן אַ פָּשׁוּט'ן חֶשְׁבּוֹן, לֵיידֶער מַיין
גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט פָּאר
אוֹיף דֶער וֶועלְט וְכוּ', וָואס פַאר אַ גְזֵירָה עֶס אִיז חָלִילָה
וְחַס נִגְזַר גֶעוָוארְן אוֹיף אוּנְז, אָדֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער וְכוּ',
אִיז אַ חָכָם כַאפְּט הֶענְט אוּן פִּיס מִיט זַיין טַלִית אוּן תְּפִילִין,
אוּן אַנְטְלוֹיפְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ
הַשָּׁנָה, אוּן עֶר פּוּעֶלְ'ט דָארְטְן אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר,
אוּן עֶר מִיט זַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן
שְׁטַארְק אוּן זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּהַרְחָבָה וְכוּ' וְכוּ'.

**אֱמֶת** דָאס גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ אִיז בַּיים אָנְפַאנְג בְּרוֹגֶז וְכוּ', ווִי
הָאסְטוּ דָאס מִיר גֶעקֶענְט טוּהְן אַזַא זַאךְ כַאפְּן הֶענְט
אוּן פִּיס אוּן אַנְטְלוֹיפְן וְכוּ', אָבֶּער וֶוען זִי הֶערְט אוּן זִי זֶעהְט
וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם נֶעבֶּעךְ אַ גַאנְץ יָאר וְכוּ', ווִיפִיל
צָרוֹת מִיט יִסוּרִים מִיט חוֹבוֹת אוּן אוּמְגְלִיקְן פַּאסִירְט לֵיידֶער
וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט אוֹיבּ זִי הָאט שֵׂכֶל דַאנְקְט זִי דֶעם מַאן
וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף
רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען אַלֶע גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן אוֹיף זֵייעֶרֶע מֶענֶער פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָן זֵייעֶר רְשׁוּת וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבְלָאזְן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט דִי מֶענֶער כְּדַרְכָּם וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז וְכוּ', אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר בֶּעט זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אִיבֶּער וְכוּ', וָוארוּם עֶס קוּמְט אַזָא הֵיילִיגְן טָאג וָואס מִיר בֶּעטְן מְחִילָה סְלִיחָה כַּפָּרָה פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַארְשְׁטֵייט דִי גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ אַז מֶען דַארְף אוֹיכֶעט מוֹחֵל זַיין פַארְן מַאן, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּהְן צוּ לְהַכְעִיס, עֶר הָאט עֶס גֶעטוּהְן נָאר אוֹיף אוֹיסְצוּפוּעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח אוּן גֶעזוּנְט מִיט נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס צוּ טוּהְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען** דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ה׳) אַז דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, אוּן סְ׳אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַייְדְען כָּל מִינֵי מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרֶענְק רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דִי אַלֶע קְרֶענְק נֶעמְט זִיךְ פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר פִּילְט אַז אַלְסְדִינְג אִיז בְּלוֹיז אֱלֹקוּת, הָאט עֶר אַ רְפוּאָה, בִּפְרַט אֵיינֶער וָואס עֶר לַייְדְט אוֹיף דִי נֶערְוְון, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ דִי קְרֶענְק וְכוּ׳ אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ דִי קְרֶענְק וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז אַ נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט וְכוּ׳, מִיט אֱמוּנָה וֶועט עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

**אֱמוּנָה** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״א) דַארְף מֶען הָאבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, עֶס טוּט זִיךְ גָארְנִישְׁט אַלֵיין, אַלֶעס פִירְט זִיךְ פוּן אוֹיבְן, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; [אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין

קְלֵיין פִינְגֶערְ'ל אויבּ מֶען הָאט נִישְׁט קוֹדֶם אויסְגֶערוּפְן אִין הִימְל] אַלֶעס אִיז פוּן אוּיבְן גֶארְנִישְׁט טוּט זִיךְ אַלֵיין.

**אוּן** דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלוֹא נִימָא; [דָאס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן דֶעם צְוֵוייטְן גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז פַארְשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אִים], אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת נח.) אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִיתָא מִן שְׁמַיָּא מַנוּ לֵיהּ; [דָאס אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פָּשׁוּטֶע פַּרְנָסָה וִוי צוּ זַיין מְמוּנֶה אוֹיף דִי מִיסְט אוּן אוֹיף דִי בּוֹרוֹת אִיז אוֹיבֶּעט פוּן הִימְל]. אוּן אַז מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ אוּן אִין הַארְץ, דָאס הֵייסְט אֱמֶת'ע אֱמוּנָה, בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

**אָבֶּער** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה אוּן קַיין שֵׂכֶל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּבְּרֶעכְן וְכוּ', אוּן לֶעבְּן אִין אַ שְׁטֶענְדִיגֶע שְׁרֶעק וְכוּ', טָאמֶער הָאבּ אִיךְ דֶיע מַחְלָה וְכוּ', טָאמֶער הָאבּ אִיךְ יֶענֶע מַחְלָה וְכוּ', דָאס אִיז אַ אַיינְרֶעדֶענִישׁ וְכוּ', וָואס דָאס קוּמְט פוּן דִי נֶערְוְון, [וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט אַז אַיינְרֶעדֶענִישׁ אִיז מֶער וִוי אַ קְרֶענְק], אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין נֶערְוֶועז אוּן זִיךְ שְׁרֶעקְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ וְכוּ', אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **אַז** דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אוֹיכֶעט אַז שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע מַחֲלוֹת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה אוּן דָאס אַלֵיין הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת עַצְבוּת סִימָן ח') עַל יְדֵי עַצְבוּת אָדָם נֶחְלָשׁ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט עֶר שְׁוַואךְ, ווִידֶערְאוּם זָאגְט עֶר (שָׁם סִימָן כ"ד) עַל יְדֵי יָגוֹן בָּא כְּאֵב לֵב; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס אַלֵיין שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וְכוּ'.

**אַוַודַאי** אוֹיבּ ס'טוּט וַויי עֶפֶּעס וְכוּ' דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסֶען דָאקְטֶער אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן זִיךְ וְכוּ', [אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער מֵיינְט וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶרְפַארוּנְג, עֶר אִיז שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אַ דָאקְטֶער]. אוּן אַזוֹי אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מֶען גֵייט שׁוֹין יָא צוּ אַ דָאקְטֶער זָאל מֶען גֵיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ ס'טוּט עֶפֶּעס וַויי גֵייט מֶען צוּ אַ דָאקְטֶער, אוּן אוֹיבּ עֶר זָאגְט אַז ס'אִיז גָארְנִישְׁט דַארְף מֶען וויסְן אַז דָאס אִיז אַ אַיינְגֶערֶעדְטֶע קְרֶענְק וָואס דָאס אִיז נָאךְ אַרְגֶער פוּן אַ קְרֶענְק, אוּן דָאס קוּמְט פוּן נֶערְוְון.

**דֶער** "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל" זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זוּכְט גֶעפוּנְט מֶען, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט זוּכְן וֶועט מֶען נִישְׁט גֶעפוּנֶען, פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן אַז ס'טוּט עֶפֶּעס וַויי בֶּעט

מֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל צוּשִׁיקְן אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער עֶר זָאל זַיין דֶער שָׁלִיחַ עֶר זָאל צוּטְרֶעפְן אַ רְפוּאָה, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ"א) "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" מִכַּאן שֶׁנִּיתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת; און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ג') אַז אוֹיבּ מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער, זָאל מֶען גֶעבְּן קוֹדֶם פַאר אַ צַדִּיק אַ פִּדְיוֹן און נָאכְדֶעם קֶען מֶען גֵיין זִיךְ הֵיילְן, און מֶען וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה, און עֶר אִיז מְגַלֶּה אַ סוֹד, דָאס וְרַפֹּא יְרַפֵּא (מִיט דִי צְווֵיי וֶוערְטֶער) בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ וָוארוּם דֶער עִיקָר רְפוּאָה אִיז נָאר דוּרְךְ אַז מֶען גֶעבְּט אַ פִּדְיוֹן פַאר אַ צַדִּיק, און דֶעמָאלְט וֶוערְט נִמְתָּק אַלֶע דִינִים.

**אוּנְזֶערֶע** לַייט פִירְן זִיךְ אוֹיבּ מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער לֶערְנְט מֶען קוֹדֶם דֶעם מַאֲמַר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ג', און מֶען זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי תְּפִלָּה אִין לִקוּטֵי תְּפִילוֹת חֵלֶק ב' תְּפִלָּה ג', און מֶען גֶעבְּט אוֹיךְ אַ פִּדְיוֹן, און דֶעמָאלְט גֵייט מֶען צוּ אַ דָאקְטֶער, און מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אַוודַאי און אַוודַאי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין סְתָם צוּ אַ דָאקְטֶער אַ לֶערְן יוּנְג וָואס עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן יְמִינוֹ וּשְׂמֹאלוֹ, און אוֹיף אַזַא דָאקְטֶער הָאט דֶער רֶבִּי מַזְהִיר גֶעוֶוען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ') אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דָאקְטוֹרִים.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן פַארְקְרִימְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי רֶעדְן אָפּ אַנְדֶערֶע גֵיי נִישְׁט צוּ אַ דָאקְטֶער,

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע אַחֲרָיוּת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז דִי אַלֶע אִינְיֶקְצִיאָנֶען וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער מוּז מֶען גֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ וִוינְטֶער וֶוען ס'אִיז גְרוֹיסֶע פְרֶעסְט זָאל מֶען גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער אוּן נֶעמֶען דִי אַלֶע אִינְיֶקְצִיאָנֶען (אַלֶע שַׁאטְס בְּלַעַ"ז) וִוי אַקֶעגְן מִיזֶעלְס וְכוּ', אָדֶער פָּאלְיָא וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען (עַיֵּין אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל סִימָן ל"ד), אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט וָוארוּם אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט נִישְׁט פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִינְיֶקְצִיאָנֶען אִיז עֶר אַ שׁוֹפֵךְ דָמִים, אוּן אֲפִילוּ מֶען וואוֹינְט וַוייט פוּן שְׁטָאט, זָאל מֶען פָארְן אֲפִילוּ וִוינְטֶער אִין דִי גְרוֹיסֶע פְרֶעסְט צוּ אַ דָאקְטֶער אוּן גֶעבְּן דִי אִינְיֶקְצִיאָנֶען.

מֶען טָאר בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ אִין נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער, וַוייל דָאס אִיז פָּשׁוּט רְצִיחָה אוּן הֶפְקֵירוּת וְכוּ', נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער הַאלְט דֶערְבַּיי, אוּן מֶען קֶען פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ הַארְגֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ.

אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אֵיינֶער הָאט גֶעהֵייסְן ר' מַתִּתְיָהוּ זַ"ל, אוּן אֵיינֶער הָאט גֶעהֵייסְן ר' שִׁמְשׁוֹן זַ"ל, אַמָאל הָאט פַאר ר' מַתִּתְיָהוּ זַ"ל זֵייעֶר וֵוי גֶעטָאן דִי צֵיינֶער, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט דָארְטְן אַיינְגֶערִיסְן וֶועלְטְן שָׁעָה'ן אִיבֶּער שָׁעָה'ן, הָאט אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט ר' שִׁמְשׁוֹן זַ"ל אַנְשְׁטָאט אַזוֹיפִיל אַיינְרַייסְן שָׁעָה'ן גֵיי צוּ אַ דָאקְטֶער, וֶועט עֶר

דִיר פַארְרֶעכְטְן דִי צֵיינֶער, און דִי שָׁעָה'ן און שָׁעָה'ן לֵייג
אַרַיין אִין תּוֹרָה און תְּפִלָּה,

**און** אַגַב הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הַחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק ז"ל אַז דֶער ר' שִׁמְשׁוֹן ז"ל הָאט בַּיים אָנְפַאנְג גֶערֶעדְט בָּרַבִּים אַקֶעגְן דָאקְטוֹרִים, און עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵּד אוֹיף דָאקְטוֹרִים, און פְלֶעגְט דֶערְמַאנֶען דִי שִׂיחָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ') אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַקֶעגְן דָאקְטוֹרִים וְכוּ', און אוֹיף דִי עֶלְטֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין דָאקְטֶער אִין אוּמַאן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט בַּאזוּכְט וְכוּ', הָאט מִיר אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט ר' לֵוִי יִצְחָק ז"ל, עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער אַחֲרָיוּת זָאגְן אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים.

**הַיּוֹצֵא** מִדְּבָרֵינוּ, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט, זַיין וַוייבּ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, און עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים, און דָאס דַארְף מֶען בֶּעטְן יֶעדְן טָאג בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וָוארוּם סְ'אִיז דָא הַיינְט אַזוֹיפִיל מַחֲלוֹת, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס אֵיינֶער אִיז קְרַאנְק אִין שְׁטוּבּ, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל צוּטְרֶעפְן אַ גוּטְן דָאקְטֶער און עֶר זָאל זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ, אַז דוּרְךְ אִים זָאל עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה.

**דָאס** אִיז דֶעם דַעַת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ, וָוארוּם הַיינְט אִיז דָא

אַלֶע עֶרְלֵיי פִּירֶערְ׳ס (פַּארְפִּירֶערְ׳ס) צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז וִוי קֶענֶען זֵיי הֶעלְפְן יֶענֶעם? אוֹיךְ אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ הִיפֶּערְקְרִיטֶערְס, זֵיי לוֹיפְן צוּ אַלֶע דָאקְטוֹרִים אוּן דֶעם אַנְדֶערְן זָאגְן זֵיי אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דָאקְטוֹרִים, אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע לֵיצָנוּת פוּן דֶעם? אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער שְׁווִינְדְלֶער וִוי דֶער?

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, טוּה וָואס דָא שְׁטֵייט, זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ הָאבְן אַ גְרוֹיסֶע רְפוּאָה, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "כּוֹכְבֵי אוֹר" (אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ל"ג) דָאס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער שָׂרָה הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע צֵיין וֵוייטָאג, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט "זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט "טַאטֶע, אָבֶּער עֶס טוּט דָאךְ מִיר וֵויי", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט "מַאךְ זִיךְ אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם פוּן דֶעם וֶועט קוּמֶען אַז דוּ וֶועסְט בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ זַיין, וֶועסְטוּ הָאבְן אַ רְפוּאָה" אוּן זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, אִיז זִי אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

**וָוארוּם** אַסַאךְ מָאל רֶעדְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַיין אַ קְרֶענְק וְכוּ׳, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט מַאכְן צוּטוּהְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אוֹיב מֶען הָאט שְׁטַארְקֶע שְׁמֶערְצְן, גֵייט מֶען צוּ, צוּ אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן

וְכוּ׳, און מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ, עֶס זָאל נִמְשָׁךְ וֶוערְן פַאר אִים אַ רְפוּאָה, וָוארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה נה.) יִסּוּרִין בְּשָׁעָה שֶׁמְּשַׁגְּרִין אוֹתָן עַל הָאָדָם מַשְׁבִּיעִין אוֹתָן שֶׁלֹּא תֵלְכוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי וְלֹא תֵצְאוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי וּבְשָׁעָה פְּלוֹנִית וְעַל יְדֵי פְּלוֹנִי וְעַל יְדֵי סַם פְּלוֹנִי.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה און דַיין וַוייבּ און דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, און דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ שַׁאפְן אַסַאךְ צְדָקָה פַאר אָרִימֶעלַייט, וָוארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה פָּרָשָׁה ו׳ פִּסְקָה כ״ו) תַּרְעָא דְלָא פָּתִיחַ לְמִצְוָותָה יְהֵא פָּתִיחַ לְאַסְיָה; אַ טִיר וָואס עֶס וֶוערְט נִישְׁט גֶעעֶפְנְט פַאר אַ אָרֶעמַאן אִים גֶעבְּן צְדָקָה, וֶועט מוּזְן אוֹיפְגֶעמַאכְט וֶוערְן פַאר אַ דָאקְטֶער און אִים גֶעבְּן דִי גֶעלְט; פְרֶעג אִיךְ דִיר לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ גֶעבְּן בֶּעסֶער פַאר אַ אָרֶעמַאן דִי גֶעלְט ווִי אֵיידֶער גֶעבְּן פַאר אַ דָאקְטֶער? בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְז הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִין יַבְנְאֵל אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל וָואס מֶען טֵיילְט אוֹיס עֶסְן יֶעדֶע נַאכְט אִיבֶּער זִיבְּן הוּנְדֶערְט פֶּארְצְיָאן, וָואס וֶוער ס׳אִיז הוּנְגֶערִיג בַּאקוּמְט דָארְט עֶסְן, אַז וואוּיל אִיז דֶער וָואס הָאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶטְץ וֶועטְס מַאכְן אַחְדוּת צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", וָוארוּם דוּ וֵוייסְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין לָאקֶערְט אוֹיף יֶעדְן תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בַּאזוּנְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ט) אַז דֶער צַדִיק הָאֱמֶת בּוֹיעֶט אַ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס רַע, דָאס שְׁלֶעכְטְס וְכוּ' וְכוּ' פוּן דִי גֵייעֶ מְקוֹרָבִים זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אָנְטְשֶׁעפְּן אִין דִי וָואס זֶענֶען אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ".

**גֶעלוֹיבְּט** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס תַּלְמִידִים פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" זֶענֶען מְקַיֵים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, הֵן אִין סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, וָואס זֵיי זֶענֶען כִּמְעַט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט, אָן חָכְמוֹת וְכוּ', אָן פַארְפִּיצוּנְגֶען וְכוּ', אוּן יֶעדֶער תַּלְמִיד אָן אַ אוֹיסְנַאם לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּמִקְרָא בְּמִשְׁנָה בִּגְמָרָא בְּמֶדְרָשׁ וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז נִישְׁטָא אִין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אוֹיךְ זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אוּן רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ', אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט תְּפִלָה וְהִתְבּוֹדְדוּת זֶענֶען זֵיי

זַייעֶר שְׁטַארְק צוּ רֶעדְן אִיבֶּעְרָאל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה טְרֶעפְט עֶר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר דַארְף נִישְׁט זוּכְן עֶפֶּעס אַ פְּלַאץ וְכוּ', עֶר מַאכְט אוֹיף דִי מוֹיל אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וְעַל כּוּלָם זֶענֶען זִיךְ נָאר תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" מוֹסֵר נֶפֶשׁ מֵפִיץ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּמֶשֶׁךְ דִי לֶעצְטֶע פוּפְצִיג יָאר.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין דֶעם, נָאר אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף אַרוֹיס עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידִים פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם רוּהְט נִישְׁט אֵיין מִינוּט, אוּן ווִיל נָאר צוּבְּרֶעכְן יֶעדְן תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ".

**וְוִיסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא גוּטֶע אוּן זִיסֶע זַאךְ ווִי אַחְדוּת בַּיי אִידְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן נ') עַל יְדֵי אַחְדוּת שֶׁיִּהְיֶה בְּיִשְׂרָאֵל יָבֹא מָשִׁיחַ; אִיבֶּערְדֶעם פַּארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אַחְדוּת בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן בִּפְרַט צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", אוּן עֶר שְׁטֶעלְט אוֹיף פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד שְׁטֶענְדִיג נֵייעֶ מַחְלוֹקֶת'לֶעךְ נֵייעֶ ווִיכּוּחִים'לֶעךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיךְ זַייעֶר טוּה וָואס זָאלְסְט טוּהְן נָאר סְ'זָאל זַיין אַחְדוּת צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי "הֵיכַל

הַקוֹדֶשׁ", וָוארוּם עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת בַּיי אוּנְז אִין ד' אַמוֹת, וָואס אַסַאךְ רְשָׁעִים קוּקְן אוֹיס אַז עֶס זָאל וֶוערְן צְווִישְׁן אוּנְז פֵּירוּדִים אוּן דֶעמָאלְט וֶועט אַלֶעס צוּפַאלְן וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ רֶעד.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט אוֹיסְגְלַייכְן זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט זַיין אַז מֶען וֶועט אַרָאפְּבֵּייגְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דֶעם קָאפּ אוּן מְקַבֵּל זַיין נְקוּדַּת הַחָבֵר, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעוָואלְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד), עֶס שְׁטֵייט "וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין" אֵיינֶער זָאל נֶעמֶען פוּן צְוֵוייטְן זַיין נְקוּדָה, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט "וְנוֹתְנִים זֶה לְזֶה" נָאר בַּיי מַלְאָכִים שְׁטֵייט דָאס.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקְן דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" ווִילְן דָאס בֶּעסְטֶע אוּן דָאס שֶׁענְסְטֶע, בַּאשֵׁיינֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, דִי מִתְנַגְדִים ווִילְן נָאר זֶעהְן אוּנְזֶער מַפָּלָה, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט דֶערְלֶעבְּן דָאס צוּ זֶעהְן, דָאס וֶועט גֶעשֶׁעהְן נָאר וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶעלְן, וֶועסְט הָאבְּן גֶעלְט בְּשֶׁפַע.

**דֶער** גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן עוֹבֵד הַשֵׁם רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם דִיבּוּר וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטְן, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט "אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואסֶערֶע

מַדְרֵיגוֹת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואלְט עֶנְק גֶעבְּרֶענְגְט וֶוען אִיר הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען" דוּ זֶעהסְט דָאךְ מִיט דַיינֶע אוֹיגְן אַז אַלֶעס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן אִין אֵיין יָאר הֵין מִיטְן בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אַ יְשִׁיבָה, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אַ דְרִיקֶערֵיי, וְכוּ׳, וְכוּ׳, אִיז אַלֶעס בְּדֶרֶךְ נֵס, סְ׳אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ הַטֶּבַע, מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז מִיר הָאבְּן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים מִילְיָאנֶערְן... אָבֶּער דֶער אֱמֶת וֵויסְן מִיר אַז אַלֶעס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער נֵס לְמַעֲלָה מִדֶרֶךְ הַטֶּבַע, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט אָפֶּען גֶעזֶעהְן דִי נִסִים יֶעצְט אִין קָאנְטְרִי, אִין אַפָּאר טֶעג הָאט מֶען אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְכוּ׳.

**אַגַּב** אִיךְ הָאבּ גֶעזָאלְט פָּארְן דֶעם זוּנְטָאג אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶועגְן אַ סִיבָּה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אָפְּגֶעשְׁטִיפְּט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ וָואךְ, וֶועל אִיךְ מִן הַסְתָּם קוּמֶען מָאנְטָאג נָאכְמִיטָאג עֶנְק בַּאזוּכְן, עֶס אִיז דֶעמָאלְט חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, וָואס דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, ווִי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ״ו:) לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּיפּוּרִים; אוּן עֶס אִיז אוֹיכֶעט אַ טָאג וָואס עֶס אִיז מְסוּגָל צוּ פּוֹעֵלְ׳ן פַאר שִׁידוּכִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן, אוּן דוּ וֶועסְט מְקַיֵּים זַיין וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אַלֶעס, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַחְדוּת אוּן אַהֲבָה אוּן פַארְשְׁטֶענְדְלִיכְקֵייט צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן נ״ז) הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שׂוֹנֵא לְזֶה הָאִישׁ הַמְדַבֵּר אֶחָד

בְּפֶּה וְאֶחָד בְּלֵב; מֶען דַארְף זַיין אִינְגַאנְצְן מִיטְן אֱמֶת, דָאס הַארְץ מִיטְן מויל זָאל זַיין אֵיינִיג, נִישְׁט דָאס הַארְץ זָאל טְרַאכְטְן אֵיין זַאךְ (אִיךְ פַּייף אַלֶעמֶען אָן און אִיךְ וֶועל טוּהְן וָואס אִיךְ וֶועל ווֶעלְן), און מִיטְן מויל וֶועט מֶען רֶעדְן נָאר פון אַחְדוּת און אַוַודַאי דַארְף זַיין אַ וַועַד, און פָאלְגְן יֶעדְן אֵיינֶעם, בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֵייט נִישְׁט דִי זַאךְ פון אֶחָד בְּפֶּה וְאֶחָד בְּלֵב.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמֶת חֵלֶק ב׳ סִימָן ו׳) מִי שֶׁאֵינוֹ מְדַבֵּר אֶחָד בְּפֶּה וְאֶחָד בְּלֵב אֵינוֹ מִתְיָירֵא מִטְּבִיעַת מַיִם; דִי וֶועלְט אִיז אַ מַיִם הַזֵּידוֹנִים, עֶס דֶערְטְרֶענְקְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וְכוּ׳ בִּיז עֶר פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן פון בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר מֵיינְט אַז אַלֶעס אִיז טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָל, אָבֶער אֵיינֶער וָואס עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג און עֶר רֶעדְט נִישְׁט מִיטְן מויל אֵיין זַאךְ און אִין הַארְץ טְרַאכְט עֶר אַ אַנְדֶערֶע זַאךְ, נָאר דִי מויל מִיטְן הַארְץ זֶענֶען צוּזַאמֶען, דֶער הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ דֶערְטְרָאנְקֶען ווֶערְן פון דִי מַיִם הַזֵּידוֹנִים, וָוארוּם עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג בָּטֵל צוּ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שי

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**קוֹדֶם** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ פַאר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵייט נִישְׁט אַרוֹיף אוֹיף דָאהִי, עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דָאס מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ אַז דָארְטְן וֶוערְט פְּרִי נַאכְט, נִישְׁט ווִי דָא וָואס מֶען קֶען זֶעהְן בְּחוּשׁ אַז סְ'נֶעמְט דֶער בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת שְׁטַארְקֶע צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג מִינוּט פוּן דִי שְׁקִיעָה.

**פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן** אֲפִילוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אַלֶע גֵייעֶן כְּפִי שִׁיטַת הַגְּאוֹנִים הָאבּ אִיךְ אַריינְגֶעבְּרֶענְגְט בַּיי אוּנְז אִין קְהִילָה אוּן אוֹיךְ צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס זֵיי פָאלְגְן מִיר, אַז מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאל מֶען הַאלְטְן צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג מִינוּט נָאךְ דִי שְׁקִיעָה, וָוארוּם דָא הַאנְדֶעלְט זִיךְ פוּן אִיסוּר סְקִילָה וְכוּ', אִיז וָואס בְּרֶענְגְט דָאס צוּ פַארְדִינֶען דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה? דֶערְפַאר הַאלְטְן אַלֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת דֶעם זְמַן פוּן רַבֵּינוּ תַּם, אוּן אַזוֹי אוֹיבֶּעט יוֹם הַקָּדוֹשׁ.

**אָבֶּער** דָא זָאג אִיךְ בַּיי אַ תַּעֲנִית דְּרַבָּנָן קֶען מֶען שׁוֹין עֶסְן בַּיי זֶעכְצִיג מִינוּט נָאךְ דִי שְׁקִיעָה, וּבִפְרַט תִּשְׁעָה בְּאָב וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן שׁוֹין פוּן דִי נַאכְט פְרִיעֶר'ט קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי וָואס זֵיי הַאלְטְן זֶעכְצִיג מִינוּט נָאךְ דִי שְׁקִיעָה, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי

אַ תַּעֲנִית דְּרַבָּנָן קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי שִׁיטַת הַגְּאוֹנִים, וָוארוּם דָארְטְן זֶעהְט מֶען בְּחוּשׁ מִיט דִי אוֹיג אַז עֶס אִיז וַודְאַי לַיְלָה.

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט מִישְׁן דִי יוֹצְרוֹת וְכוּ', מִיר זֶענֶען מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד אוֹיף שִׁיטַת רַבֵּינוּ תַּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, הֵן אִין חוּץ לָאָרֶץ, אוּן הֵן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז שִׂמְחָה אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים דָאס דֶער פָּסוּק (דְּבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אִיז דֶער סוֹפֵי תֵּיבוֹת דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה חַ'תְ'ךְ', מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ פַּרְנָסָה.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שיא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י' מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**עֶס** הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ מוּז דָא בְּלַייבְּן נָאךְ אַ וָואךְ וָואס אִיךְ הָאב גֶעפְּלַאנְט צוּ פָארְן דֶעם זוּנְטָאג אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיבֶּערְדֶעם וֶועל אִיךְ מִן הַסְתָּם קוּמֶען מָאנְטָאג נָאכְמִיטָאג עֶנְק בַּאזוּכְן, עֶס אִיז דֶעמָאלְט חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, וָואס דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ"ו:) לֹא הָיוּ יָמִים

טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים; און עֶס אִיז אוֹיךְ אַ טָאג וָואס עֶס אִיז מְסוּגָל צוּ פּוּעֶל'ן פַאר שִׁידוּכִים וְכוּ' וְכוּ'. און עֶס אִיז פּוּנְקְט פֶערְצִיג טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם יוֹם הַדִּין און אַלֶע תִּיקוּנִים פוּן יָמִים נוֹרָאִים הֵייבְּן זִיךְ אָן שׁוֹין פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, און עֶס אִיז אַ זְמַן וָואס דִי טֶעג וֶוערְן קוּרְצֶער, און מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן צוּ הִיטְן דִי נֶעכְט און מוֹסִיף זַיין בְּלִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס הֵייסְט זֵיי זָאלְן אַלֶע זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הַוַיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְּבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט]; און אֵיינְמָאל אַז דִי בָּחוּרִים זֶענֶען פְרֵיילִיךְ און זִינְגֶען שְׁטֶענְדִיג, קֶען מֶען אִין זֵיי אַרֵיינְלֵייגְן אַסַאךְ מִדּוֹת טוֹבוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דַאוֶוענֶען נָאר אִין אַ סִידוּר און שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ און נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקֶען פוּן סִידוּר פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף [וָואס אַ בָּחוּר קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וִוי עֶר דַאוֶוענְט], עֶר זָאל גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, עֶר זָאל בֶּענְטְשְׁן

אִין אַ סִידוּר, עֶר זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה כְּפִי נוּסַח הָאֲרִיזַ"ל אִין אַ סִידוּר, עֶר זָאל נִזְהָר זַיין אִין נֶעגְל וַואסֶער וְכוּ' וְכוּ', כָאטְשֶׁע דָאס זֶעהְט אוֹיס וִוי קְלֵיינִיגְקַייטְן, אָבֶּער דָאס אִיז עִיקְּרֵי יַהֲדוּת, וָוארוּם אַז מֶען לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וֶועט עֶר זִיךְ אַזוֹי פִירְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זֵיי זָאלְן אַוֶועקְוַוארְפְן דִי צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, וָוארוּם דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן וְכוּ', אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן בַּיי זִיךְ כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס הֵייסְט אַיי פַּאד וְכוּ' אָדֶער בְּלֶעקְבֶּערִי וְכוּ'.

**דֶער** עִיקָּר אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָּשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

**אוּן** דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, אוּן אוֹיבּ מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ בָּחוּר עֶר זָאל חַזֶרְן אֵיין מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דֶעמָאלְט אֲפִילוּ זַיין קָאפּ זָאל זַיין אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֵיין אָדֶער וִוי אַ הָאלְץ וְכוּ', וֶועט עֶס גֶעעֶפְנְט וֶוערְן, אוּן דִי מַסֶכְתּוֹת מוּזְן נִישְׁט זַיין כְּסִדְרָן, נָאר נֶעמֶען אָדֶער מַסֶכֶת תַּעֲנִית, אָדֶער מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע מַסֶכֶת, אוּן דָאס חַזֶרְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אִין קָאפּ, מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר נִישְׁט לָאזְן נַארְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ר) וֶוען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל

קוּקֶען נָאר אוֹיף זִיךְ אוּן טוּהְן נָאר וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אִים, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר הָאבְּן הַצְלָחָה, אוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט וֶועלְן זָאגְן אַז עֶר לֶעבְּט אִין אַ טָעוּת וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר טוּהְן וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אִים, נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם וְכוּ', עַיֵין שָׁם.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר דִיר, אוּן אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶטְץ וֶועט מִיךְ פָאלְגְן וֶועט עֶטְץ נִישְׁט צוּ לֵייגְן, אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה וּבִפְרַט מִיט דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שיב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י"א מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** דַארְף זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְּן וְכוּ', דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל נָאר צוּבְּרֶעכְּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אַרֵיינְלֵייגְן אִין אִים אַ יִאוּשׁ אוּן אַ פַארְצְוֵוייפְלוּנְג כְּאִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, אוּן דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן גַאֲוָה וְכוּ', וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צוּבְּרָאכְּן וִוי קוּמְט דָאס אַז אַזָא קְלוּגֶע מֶענְטְשׁ וִוי אִיךְ וְכוּ' זָאל קֶענֶען טוּהְן אַזָא עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ וְכוּ'? אַזוֹי וִוי דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת גַּאֲוָה סִימָן ל"ד) גַּאֲוָה בָּא עַל יְדֵי שֶׁלֹּא תִּיקַּנְתָּ חַטְּאוֹת נְעוּרִים; אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט דֶעמָאלְט ווייסְט עֶר אַז עֶר קֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן אוּן קֶען אַלֶעס פַארֶערִכְטְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ דָאס גַּאֲוָה אוּן יֵשׁוּת וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן תַּאֲווֹת נִיאוּף

ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"א) גֵּיאוּת וְנִיאוּף תְּלוּיִים זֶה בָּזֶה; אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווילְסְט תְּשׁוּבָה טוּהְן מִיט אַן אֱמֶת, זָאלְסְטוּ זַיין אַ מַכִּיר אֶת מְקוֹמְךָ, אוּן הַאלְט נִישְׁט פוּן זִיךְ וְכוּ', אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן זָאלְסְט נִישְׁט זוּכְן קַיין כָּבוֹד אוּן יֵשׁוּת וְכוּ', וֶועסְטוּ גְרִינְג קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן.

**אַ** אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ מְבַטֵּל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַרַיינְלֵייגְן בַּיי זִיךְ אִין דִי מַחְשָׁבָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס גַאנְצֶע וֶועלְט דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן וָואס מֶער עֶר נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין זִיךְ, וֶוערְט עֶר בָּטוּל וּמְבוּטָל צוּם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען זִיךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עֲנָוָה סִימָן כ"א) אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא עַל מִי שֶׁמֵּשִׂים עַצְמוֹ כְּאַיִן; וָוארוּם וִויפֶער דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בָּטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אִיז עֶר מְקַשֵּׁר דִי וֶועלְט צוּ יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעס שְׁטֵייט אִין זְכוּת פוּן אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הָאבּ נִישְׁט צוּטוּהְן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶס פִירְט זִיךְ מִיט דִיר, אִיז אַלֶעס פוּן אוֹיבְן, אוּן דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר מִיט דִי מִדָה פוּן עֲנָוָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת דֶרֶךְ סִימָן ט') כָּל הַדְרָכִים שֶׁאָדָם הוֹלֵךְ בָּהֶן הַכֹּל מֵהַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ, וְהֵם רָצוֹן הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ, אֲבָל אֵין לְךָ אָדָם שֶׁיָבִין אֶת דַרְכּוֹ אֶלָא מִי שֶׁהוּא עָנָיו, אִיבֶּערְדֶעם אִיז ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט אוּן דַארְף גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעם מֶענְטְשׁ קֶען מֶען גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען.

**דֶער** בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, דָאס אַלֶע מְשׁוּגָעִים וֶוערְן מְשׁוּגָע נָאר פַאר גַאֲוָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט פוּן זִיךְ וְכוּ', אוּן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְט עֶר נָאר פוּן זִיךְ וְכוּ', אוּן אַז עֶר בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף וֶוערְט עֶר מְשׁוּגָע וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** לָאז אָפּ אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן זֶעה זָאלְסְט גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אוּן שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיין מַחְשָׁבָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, בִּפְרַט אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועלְן אַלֶע דַיינֶע שׂוֹנְאִים אַוֶועקְפַאלְן וְכוּ', אוּן

אַרייַנגֵיין אִין דֶעם גְרוּבּ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן פַאר דִיר, ווי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִים ז) "בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ וַיִּפֹּל בְּשַׁחַת יִפְעָל, יָשׁוּב עֲמָלוֹ בְרֹאשׁוֹ וְעַל קָדְקֳדוֹ חֲמָסוֹ יֵרֵד", אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן מ"ח) עַל יְדֵי הַכְנָעָה יִפְּלוּ הַשּׂוֹנְאִים בִּמְצוּדָה שֶׁהֵכִינוּ לְךָ; פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, נֶעם אַריין בַּיי דִיר אִין מֹחַ מַחְשָׁבָה אַז סְ'אִיז קֵיינֶער נִישְׁטָא נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּהְן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען שֶׁענֶער דֶערְהַאלְטְן.

**וָוארוּם** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִינְזִינֶען שְׁטֶענְדִיג יֶענֶעם, דֶעמָאלְט אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

## שיג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י"א מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

### שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין מֵפִיץ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, וָוארוּם וֶוער עֶס קוּקְט אַרַיין אִין

הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים מִיט אַן אֱמֶת אוֹיג וֶוערְט זַיין הַארְץ זַייעֶר שְׁטַארְק נִתְעוֹרֵר אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַריין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגְן זִיסְקֵייט, ווי עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי לֶעצְטֶע תּוֹרָה בְּעַלְמָא הָדֵין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ח׳) אַז דִי תּוֹכָחָה פוּן אַ צַדִיק בְּרֶענְגְט אַריין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ רֵיחַ טוֹב, אַ גֶעשְׁמַאק אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בִּינְדְט צוּ זַיין נְשָׁמָה צוּ אִים, וָוארוּם יֶעדְן אֵיינֶעמ׳ס נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַעַל, נָאר חָלִילָה וְחַס אַז מֶען זִינְדִיגְט וְכוּ׳ וֶוערְט דִי נְשָׁמָה אָפְּגֶערִיסְן פוּן אִיר שׁוֹרֶשׁ וְכוּ׳, אוּן דֶעמָאלְט אִיז אִים זַייעֶר בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער אוּן עֶר טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פְּלַאץ, אָבֶער אוֹיבּ עֶר הֶערְט דִי תּוֹכָחָה פוּן דֶעם אֱמֶתְ׳ן צַדִיק קוּמְט אִין אִים אַריין אַ גוּטְן רֵיחַ, אוּן אַ גֶעשְׁמַאק אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֱמֶת, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

**דֶער** ״לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן״ אִיז דִי תּוֹרוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן בָּרַבִּים אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אַלֶעס פַארְצֵיילְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שמ״ו) אַז זַיין סֵפֶר ״לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן״ אִיז אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין אַרוּים אוֹיף דֶער וֶועלְט וויל אִיךְ זַייעֶר אַז מֶען זָאל דָאס אַסַאךְ לֶערְנֶען, אוּן מֶען דַארְף דָאס לֶערְנֶען בִּיז עֶס זָאל זַיין שָׁגוּר בְּפִיו, מֶען זָאל דָאס קֶענֶען אוֹיסְנְוֵויינִיג,

וָוארוּם דֶער סֵפֶר אִיז פִיל מִיט מוּסָר, אוּן מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיבֶּעט הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן שמ"ז), עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אוּן בַּיים לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע בַּעַל מֹחַ, אוּן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וֶוער סְ'לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זַיין סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן".

**וִוידֶער** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דְרֵייצְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת, וָואס אִיז הוֹילֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוּן דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת" וָואס זֶענֶען הוֹילֶע סוֹדוֹת י"ג נַהֲרֵי אַפַּרְסְמוֹן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי טִיפְקַייט אוּן דָאס זִיסְקַייט פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת, דָאס אֲפִילוּ דָאס לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת" אוֹיף אִידִישׁ טוּט דֶערְוֶועקְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס) דָאס דוּרְךְ "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת" וֶוערְט מֶען דֶערְוֶועקְט פוּן טִיפְן שְׁלָאף, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט, דָאס הֵייסְט זַיין מֹחַ שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז דָאס פַארְשְׁלָאפְן, אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת" וֶוערְט דָאס הַארְץ דֶערְוֶועקְט פוּן שְׁלָאף אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זָאגְן "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת" אִיז אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

**איבּ**ערדעם יֶעדער פָּארְפָאלְק וָואס הָאט נָאכְנישְׁט זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ קִינְדֶער זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת" אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל עֶס דְרִיקְן אויבְן לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ אוּן אוּנְטְן אִידִישׁ, אוּן וֶוען אוּנְזֶערֶע לַייט לֶערְנֶען דָאס פָאר בָּרַבִּים טַייטְשְׁט מֶען דָאס אוֹיס מִיט זֵייעֶר שֵׁיינֶע טַייטְשְׁן עַל פִּי הַקְדָמוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

**אוֹיךְ** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְחַבֵּר גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַלְט גֶעוֶוען קַיין צְוֶועלֶעף יָאר, וָואס דָאס אִיז דֶער "סֵפֶר הַמִדוֹת" אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי, אַז דָאס סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד, ווַיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס יֶעדֶער סִימָן פוּן "סֵפֶר הַמִדוֹת" אִיז הֶעכֶערֶע הַשָּׂגוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען, נָאר דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן צוּגֶעלֵייגְט מַרְאֶה מְקוֹמוֹת בְּדֶרֶךְ אֶפְשָׁר פוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶענוּמֶען, אָבֶער עֶס אִיז נָאר מַרְאֶה מְקוֹמוֹת בְּדֶרֶךְ אֶפְשָׁר, וָוארוּם יֶעדֶער סִימָן אִיז אַן עֶקְסְטֶערֶע הַשָּׂגָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען.

דִי דְרֵיי סְפָרִים, "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת", "סֵפֶר הַמִדוֹת", דָאס זֶענֶען דִי סִפְרֵי הַיְסוֹד אִין חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיבּ מֶען ווִיל אָנְגֶערוּפְן וֶוערְן אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד, דַארְף מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען אוּן חַזֶרְן דִי דְרֵיי הֵיילִיגֶע סְפָרִים בִּיז עֶר זָאל זַיין שָׁגוּר עַל פִּיו בִּיז עֶר זָאל דָאס קֶענֶען

אויסֶעגְוֶוייְנִיג, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) דָאס פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ וְנִשְׁמָתוֹ לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל דֶערְקֶענֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאל עֶר לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים, זָאנְס נַארְט עֶר זִיךְ אַליין, אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב') וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד; אַז אֵיינֶער לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים ווִי קֶען עֶר זִיךְ אָנְרוּפְן עֶר אִיז זַיינֶער אַ חָסִיד? אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל פַארְצֵייכְנְט דִי שִׂיחוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס מוֹיל, וָואס דָאס אִיז דִי סְפָרִים "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן", "שִׂיחוֹת הָרַ"ן", אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר חַזֶר'ט אַסַאךְ דִי שִׂיחוֹת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מִיט יֶעדֶער שִׂיחָה קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי עֶר ווייסְט וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אִיבֶּערְדֶעם** פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הַפָצַת מַעְיְנוֹת הַחָכְמָה חוּצָה, דוּ דְרִיקְסְט אוּן צוּשְׁפְּרֵייטְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זְכוּת, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַז וֶוען רוֹב וֶועלְט וֶועט אָנְנֶעמֶען זַיין סֵפֶר קֶען מֶען זִיךְ רֶעכְנְן אוֹיף מָשִׁיחַ, אִיבֶּערְדֶעם אִיז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ

וָואס עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, וָוארוּם עֶר אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דֶער סִיפּוּר דָאס דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק דֶער סְקְוִוירָא רֶבִּי זי"ע אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זי"ע, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז אוֹיף זַיין טִישׁ לִיגְט דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, אִיר לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר? הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זי"ע גֶענְטְפֶערְט יָא, אִיךְ לֶערְן דֶעם סֵפֶר, אוּן אִיךְ זָאג אַז וֶוער עֶס ווִיל זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אוּן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם זָאל לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר! אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זי"ע גֶעזָאגְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס נָאר רֶבִּי נַחְמָן זי"ע הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט וָואס עֶס וֶועט זַיין פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דָאס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערְן מִיט מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ'.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב וֶוען זֵיי פְלֶעגְן פָארְן קַיין אוּמַאן הָאבְּן זֵיי דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם שְׁטָאט סְקְוִוירָא, אוּן זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיים גְרוֹיסְן צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי דָוִד מִסְקְוִוירָא זי"ע, אוּן עֶר הָאט זֵיי זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל זַיין גֶעבְּן עֶסְן בְּרֵיוַוח, אוּן צוּגְרֵייטְן אַ גֶעלֶעגֶער צוּ שְׁלָאפְן וְכוּ', אוּן דָאס וָואס מֶען הָאט לֶעצְטֶנְ'ס גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז דָא מַחְלוֹקֶת וְכוּ', אִיז דָאס סְתַם מְחַרְחֵרֵי רִיב וְכוּ', וָוארוּם

מִיר אַלֵיין הָאט דֶערְצֵיילְט נָאךְ פַּאר פּוּפְצִיג יָאר צוּרִיק אַן אַלְטֶער בְּרֶסְלְבֶ׳ר חָסִיד וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט וֶוען עֶר מִיט נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע גְרוּפֶּע בְּרֶסְלְבֶ׳ר חֲסִידִים זֶענֶען גֶעפָארְן פוּן דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ דֶעם שְׁטָאט אוּמַאן, זֶענֶען זֵיי דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם שְׁטָאט סְקְווירָא, אוּן דֶער גְרוֹיסֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶע צַדִיק רֶבִּי דָוִד מִסְקְווירָא זי״ע הָאט זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן זַיינֶע חֲסִידִים מֶען זָאל זֵיי אַלֶע אָנְגְרֵייטְן עֶסְן בְּרֵיוַוח אוּן אַ גֶעלֶעגֶער צוּ שְׁלָאפְן וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ שָׁאד וָואס סְתַם מְחַרְחֲרֵי רִיב וְכוּ׳ טְרֶעפְן אוֹיס מַעֲשִׂיוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**מִיר** דַארְפְן זֶעהְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## שיד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י״א מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**הָאבּ** נִישְׁט קַיין מוֹרָא, דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, דוּ לֶערְן נָאר זֵייעֶר פְלַייסִיג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגּוּם יֶעדְן טָאג, כְּדֵי זָאלְסְט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אוֹיבֶעט

זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ, וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס אָנְהֵייבְּן פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן לֶערְנֶען דַף אַחַר דַף בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵים זַיין מַסֶכֶת בְּרָכוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת וְכוּ', אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין טוּר בֵּית יוֹסֵף מִיט שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, אוּן זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קַיין עַזּוּת פָּנִים פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ דַאוֶונֶען עֶרְלִיךְ אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, וָוארוּם וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז צוּ דֶערְקֶענֶען אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם דָאס אִיז נָאר וֶוען מֶען זֶעהְט ווי עֶר דַאוֶוענְט, וָוארוּם בַּיים דַאוֶוענֶען קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען וָואסֶערֶע בָּחוּר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אָפְּגֶעהִיטֶענֶער בָּחוּר שְׁטֵייט אִין זַיין ווִינְקְל אוּן דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ פוּן סִידוּר, אוּן דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אַרוּם אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ וְכוּ', אוּן אַוַודַאי רֶעדְט עֶר נִישְׁט אוֹיס פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בִּיזְ'ן סוֹף, אַזַא בָּחוּר הָאט אַ חֵן, אוּן זַיין גוּטֶער נָאמֶען גֵייט פַאר אִים, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה פָּרָשָׁה ח' סִימָן ב') אָמַר רַבִּי בִּנְיָמִין בַּר לֵוִי אִם יָשַׁב אָדָם בְּזָוִית וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה אֲנִי מַרְאֵהוּ לַבְּרִיּוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן וֶועגְן טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ט) דָאס דֶער צַדִיק אִיז דֶער שַׁדְכָן, אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן תּוֹרָה פוּן זַיין מוֹיל, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועט עֶר טְרֶעפְן אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ.

**נָאר** זַיי מִתְפַּלֵל יֶעדְן טָאג דִי תְּפִילוֹת פוּן קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִיווּג" אוּן זָאלְסְט זָאגְן פַּרְשַׁת הַנְשִׂיאִים, וֶועסְטוּ גְרִינְג טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ.

**זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן**

## שטו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַן י"א מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים" וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרִיקְט, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי שֵׁיין וואוּנְדֶערְלִיךְ, אוּן דָאס וֶועט בְּוַודַאי מַאכְן אַ גְרוֹיסְן רוֹשֶׁם אוּן אַ הִתְעוֹרְרוּת בַּיי יוּנְגֶעלַייט זַיי זָאלְן פָּארְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זַייעֶרע פְרוֹיעֶן וֶועלְן זַיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן, וָוארוּם דָארְטְן וֶוערְט אַרוּמְגֶערֶעדְט פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן זַייעֶר גְרוֹיסְקֵייט וֶוען זַיי לָאזְן זַייעֶרע מֶענֶער פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, זַיי בְּרֶענְגְן צוּרִיק גַאנְצֶע הוֹיפְנְס מִיט רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת, אוּן בְּרָכוֹת מִיט פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס אַלֶע וָואס זֶענֶען נָאר אֵיינְמָאל גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ זַיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים, ווילְן זַיי שׁוֹין פָּארְן יֶעדֶעם יָאר, וָוארוּם דָאס חַיוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט

וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, וּבִפְרַט דָאס אָן אַ שִׁיעוּר יוּנְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן אָפֶּענֶע מוֹפְתִים וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי, יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶערָאכְטְן גֶעוָוארְן דֶעם יָאר, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְטְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז זֵיי דַארְפְן הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה אוּן הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה, וויפֶער זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן הָאט מֶען זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה, אוֹיךְ זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע מוֹפְתִים וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט לֹא עָלֵינוּ לֶעבְּן פוּן אַ וַוייבּ אָדֶער פוּן קִינְדֶער וְכוּ׳, אוּן דָארְטְן הָאט מֶען גֶעפּוּעֶלְ׳ט רְפוּאוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט סְתַּם מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס קֶען מֶען פְּרֶעגְן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט.

**אִיךְ** הָאף אַז יֶעדֶע פְּרוֹי וָואס זִי דַארְף הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, נָאכְ׳ן אִיבֶּערְלֵיינֶען דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּיי צַדִּיקִים" וֶועט זִי טְרַייבְּן אִיר מַאן מִיט אַ שְׁטֶעקְן זָאלְסְט אָנְבַּאדִינְגְט פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן בְּרֶסְלֶבְ׳ן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן צִיּוּן, אַגַאנְצְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ דָארְטְן זִיצְן אוּן בֶּעטְן אוּן אוֹיסְפּוּעֶלְ׳ן פַאר אוּנְז אַ גְרוֹיסְן יְשׁוּעָה, גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה נַחַת, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

גְלֵייבּ מִיר אִיךְ בִּין דִיךְ זֵייעֶר מְקַנֵא דָאס דוּ הָאסְט אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא שֵׁיינֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים", דֶער זְכוּת זָאל דִיר בֵּיישְׁטֵיין זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, אוּן הָאבְּן אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

## שטז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַן י"ב מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווֶעל מִיט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס הִילְף זַיין מָאנְטָאג חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בַּיי עֶנְק, דֶעם טָאג זָאגְן דִי חֲזַ"ל אִיז אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב, (תַּעֲנִית כו:) אָמַר רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַמְלִיאֵל לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וְכוּ', אוּן דֶער טָאג אִיז אוֹיבֶּעט מְסוּגָל פַאר שִׁידוּכִים, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַלֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע זִיווּגִים.

מֶען דַארְף זֵיי צוּגֶעוואוֹינֶען זֵיי זָאלְן זָאגְן דִי תְּפִילוֹת פוּן דֶעם קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִיווּג", אוּן אוֹיבֶּעט פַּרְשַׁת הַנְשִׂיאִים פֶּערְצִיג טֶעג, ווֶעט יֶעדֶער אֵיינֶער טְרֶעפְן זַיין זִיווּג,

וָוארום דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פט) דָאס דֶער צַדִיק הָאֱמֶת עֶר אִיז דֶער שַׁדְכָן. זָאלְסְט וִויסְן אַ בָּחוּר דַארְף הָאבְּן אַ שִׁידוּךְ פַּאר אַלֶעמֶען, ווי בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ בָּחוּר הָאט עֶר גֶעזָאגְט קוֹדֶם זָאלְסְטוּ גֵיין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ע"ב:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים י"ט) "יִרְאַת הַוַיָ"ה טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד" אָמַר רַבִּי חֲנִינָא, זֶה הַלוֹמֵד תּוֹרָה בְּטַהֲרָה מַאי הִיא? נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן זָאלְסְט רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים זֵייעֶר אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וָוארום דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה קוּמְט מֶען צוּ דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פ"ט) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" דָאס וָואס מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה דָאס אִיז אַלֵיין אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זַיין דֶער שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִי כָּל אֶחָד וְאֶחָד, אוּן דָאס אִיז דֶער טְרֵייסְט וָואס דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה טְרֵייסְט אוּנְז דֶעם וָואךְ, נָאכְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ (יְשַׁעְיָה מ') "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם", "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִי" טְרֵייסְט זִיךְ מַיין פָאלְק, וויאַזוֹי? "יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם" אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ (שָׁם) "וְנִגְלָה כְּבוֹד הַוַיָ"ה וְרָאוּ כָל בָּשָׂר יַחְדָו כִּי פִּי הַוַיָ"ה דִיבֵּר" עֶס זָאל נִתְגַלֶה וֶוערְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דֶעם כָּבוֹד פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אַלֶע צוּזַאמֶען זָאלְן זֶעהְן גֶעטְלִיכְקֵייט, וָואס

דוּרכְדֶעם וֶועט מַיין מוֹיל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער טְרֵייסְט, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז בַּיי אִים גֶעבּוֹיעֶט דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶר הָאט אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה, אוּן עֶר הָאט שְׁלֵימוּת הַדַעַת וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת לג.) כָּל אָדָם שֶׁיֵשׁ בּוֹ דֵעָה כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִקְדָשׁ בְּיָמָיו; וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז נָאר דַעַת שֵׂכֶל, וָואס דָאס מֵיינְט מַכִּיר זַיין, דֶערקֶענֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים ד') "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי הַוַיָ"ה הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְבַדוֹ" אוּן וִויפֶער עֶס אִיז בַּיים מֶענְטְשׁ בָּרוּר אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן צוּ אִים, עֶר הַאלְט בַּיי שְׁלֵימוּת הַדַעַת, זָאנְס דִי יְדִיעָה אִיז אַלֶעס אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה'), אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְזוּכְן וואוּ מֶען הַאלְט אִין דִי אֱמוּנָה, וָוארוּם סְ'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַיידְן פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים אוּן אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ מֵחֲמַת חִסָרוֹן אֱמוּנָה, בִּפְרַט נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט וְכוּ' וְכוּ', וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶערְוֶועז וְכוּ' עֶר טוּט מְשׁוּגָע'נֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ', עֶר מֵיינְט מִיט דֶעם וֶועט עֶר כַאפְּן מַלְאָכִים וְכוּ', דָאס אַלֶעס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ו) אַז מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶּער זָאנְס, דָאס הֵייסְט אָן אֱמוּנָה, מוּז מֶען טוּהְן עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת וְכוּ׳ עַיֵּין שָׁם. מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמוּנָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן מ"ד) אַז אַלֶע חָכְמוֹת וָואס אִיז דָא בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי ווילְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז נִישְׁט מֶער וִוי דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁטוּתִים אוּן גְרוֹיסֶע בִּלְבּוּלִים, אוּן דָאס וַוארְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַרָאפּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג.

**אַז** וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ קֶענְסְט אַריינְשַׁיינֶען אִין בָּחוּרִים יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער עִיקַר הַתְמָדָה בְּלִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד׳ הֲלָכָה ח) כֵּיוָן שֶׁקִיבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז"ל הָאט גֶעזָאגְט אַז צוּ הֶעלְפְן אַ בַּעַל בְּחִירָה, דָאס אִיז דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער זַאךְ, אָט רֶעדְסְטוּ מִיט אִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶענוּמֶען דַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן אָט קוּמְט עֶפֶּעס אַ לוּיזִיגְן פַּארֶעךְ וְכוּ׳ אוּן שְׁלֶעפְּט אִים אַוֶועק וְכוּ׳, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קל"ג) מֶען קֶען מְגַלֶּה זַיין אַ מֶענְטְשׁ גֶעטְלִיכְקֵייט, בִּיז עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיז הוֹילֶע אֱלֹקוּת, בִּיז עֶס קוּמְט אַ לוּיזִיגְן פַּארֶעךְ אוּן מַאכְט מִיט זַיין קְלֵיינֶע הֶענְטִיל אֶע וְכוּ׳, אוּן דֶער נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין נַארִישְׁקֵייט, וָואס דָאס אִיז דֶער כֹּחַ הַבְּחִירָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן מִיט בָּחוּרִים אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זֵיי מְעוֹרֵר זַיין נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן, וָוארוּם דָאס בְּרֶענְגְט דִי בִּיטֶערֶע מַחְלָה קֶענְסֶער אוֹיף דִי לִינְגֶען וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, זָאלְסְט זֶעהְן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי בָּחוּרִים אַ גַאנְצְן שַׁבָּת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית) כְּבוֹד שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיתִים; אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעפַאסְט טוֹיזֶענְט טֶעג, אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז אַ גַאנְצְן שַׁבָּת נָאר פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ מוֹחֲלִין לוֹ; אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן שַׁבָּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# שיז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י"ב מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעזֶעהְן דִי בִּילְדֶער וִוי דִי בָּחוּרִים זָאגְן קִינוֹת וְכוּ', אַזוֹי דַארְף זַיין, מֶען זָאל זִיצְן אוּן זָאגְן אָנְגֶעטוּהְן

מִיט אַ רֶעקְל אוּן אַ הִיט וְכוּ', הַלְוַואי זָאל זַיין אַזוֹי אוֹיכֶעט בִּשְׁעַת מְלַוֶּה מַלְכָּה וֶוען מֶען עֶסְט דִי סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת דַארְף מֶען אוֹיכֶעט גֵיין אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ הִיט אוּן מִיט אַ בֶּעקֶעטְשֶׁע, נִישְׁט זִיצְן נָאר מִיט אַ הֶעמְד אָן אַ הִיט וְכוּ', דִי קְלֵיינִיקֵייט אִיז אַ יְסוֹד אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן ווִי מֶען גֶעווֹאוֹינְט צוּ בָּחוּרִים יוּנְגֶערְהֵייט אַזוֹי וֶועלְן זֵיי עֶס טוּהְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן.

סְ'אִיז דָא צַייטְן וָואס מֶען דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ הִיט אוּן אַ רֶעקְל, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיים דַאוֶונֶען, בַּיי אַ סְעוּדַת מִצְוָה, בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, אָדֶער בַּיי טוּהְן אַ מִצְוָה, אָבֶער זָאנְס קֶענֶען זֵיי גֵיין אָן אַ הִיט אוּן אַ רֶעקְל, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיים לֶערְנֶען וְכוּ', פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף מַקְפִּיד זַיין זֵיי זָאלְן גֵיין מִיט דִי צִיצִית אוֹיפְן הֶעמְד; אָדֶער אַ וֶועסְט אוֹיף דִי צִיצִית אָדֶער בְּלוֹיז דִי צִיצִית אוֹיף דִי הֶעמְד, אָבֶער בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט גֵיין דִי צִיצִית אִינְטֶערְן הֶעמְד.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט דָאס אַיינְצוּפִירְן בַּיי דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן, אָבֶער בַּיי חַסִידִישֶׁע בָּחוּרִים דַארְף דָאס זַיין אַ פָּשׁוּטֶע זַאךְ, (אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ', אָבֶער יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם קוּמֶען זֵיי צוּרִיק, דַארְפְן זֵיי צוּרִיקְקוּמֶען אִינְגַאנְצְן) דִי זַאכְן אִיז נִישְׁט קַיין חוּמְרָא, אַזוֹי פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ חַסִידִישְׁ'ער בָּחוּר. זָאלְסְט זֶעהְן זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דֶעם, וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואסֶערֶע שֵׁיינֶע יְשִׁיבָה דוּ וֶועסְט הָאבְּן. אַז מֶען וִויל קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן בַּיי אַ בָּחוּר אַלֶעס, נָאר דֶער מַשְׁפִּיעַ דַארְף הַאלְטְן דֶערְבַּיי.

**דָאס** וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוואַרְט בִּיז נָאכְמִיטָאג זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען וְכוּ', דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַ חִידוּשׁ, אוּן אִיר הָאט זִיךְ מִיט וָואס צוּ שְׁטָאלְצִירְן.

**יֶעדֶע** זַאךְ דַארְף מֶען מַאכְן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, כְּדֵי נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין חוֹבוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן סִימָן ע"ז) מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת בְּלִי יִשּׁוּב הַדַעַת נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב; מֶען גֶעט קֵיינְמָאל נִישְׁט הֶעלְפְט גֶעלְט פַאר אַ אַיינְגַאבֶּע (דִיפָּאזֶעט בְּלַעַ"ז) וְכוּ'.

**מֶען** דַארְף צוּגֶעוואוֹינֶען דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ סֵפֶר הַמִּדּוֹת, כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ אַיינְקוֹיפְן גוּטֶע מִדּוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער סֵפֶר הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד, אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעפִירְט בַּיי מִיר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין דִי מֵיידְל שוּלֶע אִין יַבְנְאֵל, אַז פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע כִּיתָּה אָן לֶערְנְט מֶען שׁוֹין מִיט זֵיי סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן זֵיי זִינְגֶען דָאס מִיט אַ נִיגּוּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זֵיי קֶענֶען לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ דַארְפְן זֵיי נִישְׁט דֶעם טַייטְשׁ, אָבֶּער אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן דֶעם טַייטְשׁ אוֹיבֶעט.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ וְרַשִׁ"י מִיט תַּרְגוּם, וָוארוּם דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יִרְאָה סִימָן כ"א) מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם בְּוַדַּאי יִשְׁמַע בְּקוֹל הַצַּדִּיקִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# שיח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י״ג מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵכִים... שֶׁיִּחְיוּ**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיווּ.**

אִיר דַארְפְט ווִיסְן, אַז מְלַמְּדִים קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אוּן רֶעדְן אַרוּם ווִי אַזוֹי מֶען קֶען פַארְבֶּעסֶערְן דֶעם חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן נֶענְטֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט גֶעדוּלְד אוּן מִיט גֶעלַאסְנְקֵייט וְכוּ׳ דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ, אָבֶּער אִיךְ וָואלְט גֶעהַאלְטְן דִי עֶרְשְׁטֶע צַייטְן דָאס צוּ מַאכְן נִישְׁט אִין בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה, וָוארוּם הַיינְט מֵיינְט מֶען אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אִינְזִינֶען פָּאלִיטִיק, אוּן דָאס אִיז אוֹיבֶּעט אַ חֵלֶק פוּן פָּאלִיטִיק וְכוּ׳, לֵיידֶער גְלֵייבְּט קֵיינֶער נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא הַיינְט עֶרְלִיכֶע מְלַמְּדִים וָואס עֶס גֵייט זֵיי אִין לֶעבְּן דִי טוֹבָה פוּן דִי תַּלְמִידִים אוּן דֶער וֶועג וִוי מִיט זֵיי צוּ לֶערְנֶען אוּן חָלִילָה וְחַס נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער אוּן נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן קִינְדֶער וְכוּ׳, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי זָאלְט אִיר זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אוּן רֶעדְן פוּן דֶעם, וָוארוּם סְ׳אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ מְחַנֵךְ צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיפְן אַלְטְן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג אָן קַיין נַייעֶ מֶעטָאדְן, אוּן אָן קַיין נַייעֶ שִׁיטוֹת וְכוּ׳ וָואס עֶס נֶעמֶען זִיךְ פוּן דִי גוֹיאִישֶׁע וֶועגְן אוּן פְּסִיכִילָאגְן.

מִיר גֶעפוּנֶען דִי חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער יָאר אִין אַ שְׁטָאט, אוּן רַב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען

אִין דִי שְׁטָאט הָאט עֶר גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען אוֹיפְן צִיבּוּר כְּדֵי עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין רֶעגְן, הָאט עֶר צוּגֶעשִׁיקְט דֶעם שְׁלִיחַ צִיבּוּר עֶר זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען פַּארְן עָמוּד, וְויפֶער עֶר הָאט גֶעזָאגְט 'מַשִּׁיב הָרוּחַ' הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען שְׁטַארְקֶע ווִינְטְן, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט 'וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם' אִיז גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע רֶעגְן, הָאט אִים רַב גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דַיין אַרְבֶּעט אַז דַיין תְּפִלָּה אִיז נִתְקַבֵּל גֶעוָוארְן אַזוֹי גְרִינְג? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אוּן אִיךְ לֶערְן מִיט אַלֶעמֶען אֵיינִיג, סֵיי מִיט אָרֶעמֶע קִינְדֶער אוּן סֵיי מִיט רַייכֶע קִינְדֶער, וֶוער ס'קֶען בַּאצָאלְן נֶעם אִיךְ פוּן אִים גֶעלְט, וֶוער ס'קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן נֶעם אִיךְ נִישְׁט פוּן אִים גֶעלְט, אוּן וָואסֶערֶע קִינְד עֶס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען וְכוּ' אָדֶער עֶר אִיז ווִילְד וְכוּ' הָאבּ אִיךְ אַ קְוָוארְיָאם פוּן פִּישֶׁעלֶעךְ אוּן אִיךְ קוֹיף אִים אָפּ מִיט דֶעם בִּיז עֶר קוּמְט לֶערְנֶען.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה צוּ קִינְדֶער, נָאר גֵיין מִיט גוּטְן, אוּן גֶעבְּן מַתָּנוֹת אוּן זֵיי אָפְּקוֹיפְן מִיט דֶעם. מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט קִינְדֶער מִיט שְׁטְרֶענְגְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, ווִי דֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ב') וְלֹא הַקַּפְּדָן מְלַמֵּד; אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, מְלוּמְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, ס'אִיז נִישְׁט סְתָּם עֶפֶּעס אַ אַרְבֶּעט פַאר דֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט וְכוּ', אָדֶער פַאר יֶעדְן שְׁלִימַזָל וָואס עֶר טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט זַיין אָרְט וֶוערְט אַ מְלַמֵּד וְכוּ'.

**אַ** מְלַמֵד דַארְף וויסְן אַז זַיין אַרְבֶּעט אִיז קוֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים, דָאס גַאנְץ עָתִיד פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז תָּלוּי אִין זַיינֶע הֶענְט, וָוארוּם אִין יֶעדֶע כִּיתָּה פוּן יֶעדְן קְלַאס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדֶעם יָאר נַייעֶ מִשְׁפָּחוֹת, וָואס דָאס וֶועט זַיין דֶער צוּקוּנְפְט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז אַ מְלוּמְדוּת נִישְׁט קַיין פְּשׁוּטֶע אַרְבֶּעט, נָאר אַ גֶעווַאלְדִיגֶע אַחְרַיוּת, עַד כְּדֵי כַּךְ וָואס דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ב׳ מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה הֲלָכָה ג׳) מְלַמֵּד הַתִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מַנִיחַ הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵׁל בְּלִימוּדָן הֲרֵי זֶה בִּכְלַל אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה׳ רְמִיָּה לְפִיכָךְ אֵין רָאוּי לְהוֹשִׁיב מְלַמֵּד אֶלָא בַּעַל יִרְאָה מָהִיר לִקְרוֹת וּלְדַקְדֵק: אוּן אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעפַּסְקֶ׳נְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ"ה סְעִיף ט"ז) וְאֵין לִמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַיְלָה יוֹתֵר מִדַאי שֶׁלֹא יִהְיֶה עָצֵל בַּיוֹם לִלְמוֹד וְכֵן לֹא יִתְעַנֶה אוֹ לַעֲצוֹר בְּמַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה אוֹ לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִדַאי כִּי כָּל אֵלוּ הַדְבָרִים גוֹרְמִים שֶׁלֹא יוּכַל לְלַמֵד הֵיטֵב וְכָל הַמְשַׁנֶה יָדוֹ עַל הַתַּחְתּוֹנָה וּמְסַלְקִין לֵיהּ.

**דָאס** דַארְפְן דִי מְלַמְדִים גוּט וויסְן, מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, מֶען שְׁרֶעקְט נִישְׁט אִיבֶּער קַיין קִינְדֶער, מֶען שְׁפֶּעט נִישְׁט פוּן קַיין קִינְדֶער, קִינְדֶער זֶענֶען הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה׳לֶעךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְן דִי מְלַמְדִים וויסְן זֵיי הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אַ גְרוֹיסְן אַחְרַיוּת, וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר

וָואס דֶער מִינוּת און כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת אִיז צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּערָאל, דַארְף דֶער מְלַמֵד שׁוין פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע כִּיתָּה אַרייְנְפְּרֶעגְלֶען אִין דִי אִידִישֶׁע נְשָׁמָה׳לֶעךְ אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, און וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען נָאר אִים בֶּעטְן, פוּן דֶעם דַארְף מֶען הַאלְטְן אִין אֵיין רֶעדְן, וָוארוּם וֶוען אַ קִינְד נֶעמְט אִין זִיךְ אַרֵיין אֱמוּנָה וֶוען עֶר אִיז נָאךְ קְלֵיין, וֶועט עֶר עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ אוֹיפְן גַאנְץ לֶעבְּן, אוֹיךְ דַארְף מֶען אִין אִים אַרייְנְלֵייגְן מִצְוֹות מַעֲשִׂיּוֹת וֶועלְדִיג זַיין פַארְשְׁטַאנְד וְכוּ׳, אָנְגֶרייטְן נֶעגְל וַואסֶער וְכוּ׳, זָאגְן מוֹדֶה אֲנִי וְכוּ׳, נִזְהָר זַיין שְׁלָאפְן מִיט אַ קַאפְּל, און לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע וְכוּ׳, און אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן בְּרָכוֹת, וּבִפְרַט בִּרְכַּת אֲשֶׁר יָצַר וְכוּ׳, פָּשׁוּט אִידִישְׁקֵייט אַרייְנְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער וָואס יֶעדֶער אִיד דַארְף הָאבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ, דִי קְלֵיינִיקֵייטְן זֶענֶען יְסוֹדֵי יְסוֹדוֹת פוּן אִידִישְׁקֵייט, און אַז דֶער מְלַמֵד אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם וֶועט עֶר אַרייְנְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶּער חָלִילָה וְחַס אַז דֶער מְלַמֵד אִיז אַ קַל שֶׁבְּקַלִים וֶועט עֶר פוּן דֶעם נִישְׁט רֶעדְן.

יֶעדֶע קְלַאס דַארְף לֶערְנֶען וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ דֶעם קְלַאס, אַלֶ״ף בֵּי״ת, סִידוּר, חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, וְכוּ׳, יֶעדֶע קְלַאס וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ דִי קְלַאס, בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען ווֶינְצִיג און דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען גְרִינְטְלִיךְ, ווִי אֵיידֶער צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ און דִי קִינְדֶער זָאלְן גָארְנִישְׁט קֶענֶען, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט, מֶען דַארְף

נִישְׁט קוּקְן פוּן אֵיין יְשִׁיבָה אוֹיפְן אַנְדֶערְן, מֶען דַארְף קוּקְן נָאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען אִין זֵיי זָאלְן פַארְשְׁטֵיין, אוּן אִיבֶּערְחַזֶּרְן מִיט גֶעדוּלְד אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, ווִי דִי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נד:) אַז רֶבִּי פְּרִידָא הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְחַזֶּרְן מִיט אִים פִיר הוּנְדֶערְט מָאל דָאס לֶערְנֶען וָואס עֶר הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט וְכוּ', אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט נָאכְן אִיבֶּערְחַזֶּרְן מִיט אִים פִיר הוּנְדֶערְט מָאל הָאט עֶר הֶערְשְׁט פַארְגֶעסְן וָואס מֶען הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט, הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעחַזֶּרְט מִיט אִים נָאךְ פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל, וָואס ווִילְסְטוּ אַ שְׂכַר פַאר דֶעם? אָדֶער מֶען זָאל דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן פִיר הוּנְדֶערְט יָאר, אָדֶער דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין עֶנְדֶערְשׁ צוּ עוֹלָם הַבָּא, הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעזָאגְט גֶעט אִים בֵּיידֶע, עַיֵין שָׁם.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם וָואס דָאס הֵייסְט לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים מִיט גֶעדוּלְד אֲפִילוּ מֶען דַארְף אִיבֶּערְחַזֶּרְן פִיר הוּנְדֶערְט מָאל אֵיין זַאךְ זָאל מֶען הָאבְּן גֶעדוּלְד.

**דֶער** יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז, אַז עֶר זָאל זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זָאל מְקָרֵב זַיין אַלֶע קִינְדֶערְלֶעךְ גְלַייךְ, אוּן אַזוֹי גְרִינְטְלִיךְ מַסְבִּיר זַיין דֶעם לִימּוּד דָאס אַלֶע זָאלְן פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיבֶּערְפְלֶעכְלֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', אַ מְלַמֵּד דַארְף קֶענֶען אַרָאפְּלֵייגְן דָאס וָואס עֶר לֶערְנְט מִיט דִי תַּלְמִידִים אַזוֹי גְרִינְטְלִיךְ אַז

די תַּלְמִידִים זָאלְן זֶעהְן בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ וָואס זֵיי לֶערְנֶען, נִישְׁט נָאר פַּארְשְׁטֵיין, דָאס הֵייסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵד.

**מְלוּמְדוּת** אִיז נִישְׁט קַיין אוּמְנוּת ווי אַנְדֶערֶע אוּמְנוּת, וַוייל מְ'הַאנְדְלְט דָא מִיט נְשָׁמָה'לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען דֶער צוּקוּנְפְט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אוֹיב מֶען לֵייגְט אִין זֵיי אַרַיין פוּן יוּנְגְוֵוייז אוֹיס אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, נִישְׁט גֶעצְווּינְגֶענֶערְהֵייט וְכוּ' וְכוּ', אִיז מְמֵילָא וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס זַיין וֶועלְן זֵיי נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן נָאךְ דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט, וּבִפְרַט פוּן דֶעם שְׁמוּצִיגְן גֶעמֵיינֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז הַיינְט דָא, אַ גוּטֶער מְלַמֵד לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ זִיסְקֵייט צוּ אִידִישְׁקֵייט, אַ זִיסְקֵייט צוּם דַאוְוענֶען, אַ זִיסְקֵייט צוּם לֶערְנֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד אַלֵיין דַארְף זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם נִישְׁט קַיין קַל שֶׁבְּקַלִים וְכוּ' וְכוּ'.

**מֶען** קֶען נִישְׁט וַוייזְן פַאר קִינְדֶער ווידִיאוֹ'ס אֲפִילוּ פוּן עֶרְלִיכֶע זַאכְן וְכוּ', וַוייל נָאכְדֶעם וֶוען עֶר וֶועט אוֹיפְוַואקְסְן וֶועט עֶר נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי טָאר מֶען נִישְׁט זִינְגֶען פַאר זֵיי פְּרָאסְטֶע גֶעמֵיינֶע נִיגוּנִים פוּן זִינְגֶערְס לֵיידִיג-גֵייעֶרְס וָואס אִיז הַיינְט דָא, מֶען דַארְף מִיט דִי קִינְדֶער זִינְגֶען נָאר הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע נִיגוּנִים.

**אוֹיב** דִי אַלֶע זַאכְן וֶועט עֶמֶיץ דוּרְכְרֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ אוּן מְקַיֵים זַיין, וֶועט עֶמֶיץ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶעם דוֹר

פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַז וואויל אִיז דֶער מְלַמֵד וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק אִין מְלוּמְדוּת לְשֵׁם שָׁמַיִם, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׂכַר אִין הִימְל אִים צוּ בַּאצָאלְן, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיאֵל י"ב) "וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד" אֵלוּ מְלַמְדֵי תִינוֹקוֹת; וָואס דֶער פָּשׁוּטֶער פְּשַׁט אִיז אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְן, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵד תִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

**וְעַל** כּוּלָם דַארְף יֶעדֶער מְלַמֵד גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים קַיין שׁוּם מִכְשׁוֹל, דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**אִיר זָאלְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגֶער וָואךְ**

## שיט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר עֵקֶב י"ד מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דוּ** זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי דִיךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ אוֹיף זֵיי מִתְגַבֵּר

ווי אַזוֹי עֶר אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, און עֶר אִיז זֵיי מְטַמֵּא מִיט וָואס עֶר אִיז זֵיי מְטַמֵּא וְכוּ' וְכוּ', אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ וֶועט דֶער כֹּחַ הַתּוֹרָה זֵיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי זוּהֲמָא און דִי טוּמְאָה וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, און עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, דָאס כַּךְ וְכַךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַסַאךְ פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה).

**אִיבֶּערְדֶעם** מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, דַארְפְּסְט נִישְׁט מַאכְן מִיט קֵיינֶעם קַיין חֶשְׁבּוֹן נִישְׁט, דוּ דַארְפְּסְט קוּקְן אוֹיף דִיר אַלֵיין, דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע וְכוּ' וְכוּ', דוּ זִינְדִיגְסְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ' וְכוּ', זֶעה הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בְּלָאטֶע.

**גֶעוְואוֹין** זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְצֵייל אִים אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן, און בֶּעט רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, וָוארוּם דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') אִיז וִוידוּי דְבָרִים, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח; וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ד׳) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט דִי עֲווֹנוֹת אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, מֶען זֶעהְט אַז אֵיינֶער הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן מְבוּלְבָּל וְכוּ׳, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וַואנֶעט דָאס קוּמְט, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז דִי עֲווֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, זֵיי מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג׳) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אוּן וֶועלְדִיג וִויפִיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אַזוֹי פִיל רוּחַ שְׁטוּת גֵייט אַרַיין אִין אִים.

אִיבֶּערְדֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן וֶוערְט עֶר פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, אוּן עֶר אִיז מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל צֶעטוּמְלְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט דָאס אָרְט וְכוּ׳, אוּן עֶר אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ׳, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דִי עֲווֹנוֹת אַלֵיין זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים וְכוּ׳, הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַּאר אִים גֵייעֶן אַרוֹיס דִי עֲווֹנוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער בִּיז עֶר שְׁפִּירְט אֱלֹקוּת, וִויפִיל אַ מֶענְטְשׁ אִיז מִתְפַּלֵל פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוּן עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּהְן דִי נַארִישְׁקֵייטְן, אַזוֹי גֵייט אַרוֹיס פוּן אִים דִי עֲווֹנוֹת, אוּן עֶס הֵייבְּט אִים אָן צוּ לַייכְטְן דִי אֱמוּנָה, בִּיז

עֶר אִיז זוֹכֶה נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן; דָאס וָואס דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ', דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אֱמוּנָה וְכוּ', וָוארוּם וֶוען דוּ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֱמוּנָה וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוֹיף דַיינֶע חֲטָאִים, אַז דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה אוּן דוּ וֵוייסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן נִישְׁט גוּט וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען אַלֶעם פַארֶערְכְטְן, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעם פַארֶערְכְטְן, וָוארוּם תְּשׁוּבָה אִיז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ד) בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְשׁוּבָה עוֹמְדִים שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב בַּיי אִים, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַלֶעם פַארֶערְכְטְן.

**נָאר** דִי צְוֵויי זַאכְן זָאל זַיין בַּיי דִיר שְׁטַארְק, זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זֶעה** צוּ גֵיין מִיט כָּשֶׁר'ע צִיצִית, און דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דַיין טַלִית קָטָן אַז עֶס זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג רֵיין, און דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז צִיצִית אִיז מַצִיל דֶעם מֶענְטְש פוּן תַּאֲוַות נִיאוּף וְכוּ', צִיצִית בְּרֶענְגְט אַריין אִין דֶעם מֶענְטְש אַ אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', דוּרְךְ מִצְוַת צִיצִית אִיז מֶען זוֹכֶה מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי עֵצוֹת פוּן אֶמֶתְ'ן צַדִיק וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## שכ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר עֵקֶב י"ד מְנַחֵם אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי בִּילְדֶער, אַזוֹי דַארְף זַיין וְכוּ', און אַזוֹי דַארְפְן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיכֶע אִידְן וְכוּ'.

**זְויסְן** דַארְפְסְטוּ וויסְן וֶוען אִידְן זִיצְן צוּזַאמֶען בַּיי אַ סְעוּדַת מִצְוָה אֲפִילוּ אִינְדֶערְוָואכְן מִכָּל שֶׁכֵּן שַׁבָּת און יוֹם טוֹב און בַּיי אַ סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה אָדֶער אַ בְּרִית וְכוּ'

וְכוּ׳, מוּז מֶען זִיצְן מִיט אַ הִיט אוּן רֶעקְל, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן
דִי חֲזַ״ל (סַנְהֶדְרִין לט.) עַל כָּל בֵּיה עֲשָׂרָה שְׁכִינְתָּא שַׁרְיָא.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אֱמוּנָה, ווִיסְן אַז אַיְעדֶע זַאךְ אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיּוּת, גָארְנִישְׁט פִּירְט זִיךְ אַלֵיין, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; [אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶערְל אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קוֹדֶם אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל] אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבְן גָארְנִישְׁט טוּט זִיךְ אַלֵיין, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יְשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלוֹא נִימָא; [דָאס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן דֶעם צְוֵוייטְן גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז פַארְשְׁרִיבְן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אִים], אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת נח.) אֲפִילוּ רֵישׁ גַרְגִיתָא מִן שְׁמַיָא מַנוּ לֵיהּ; [דָאס אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פָּשׁוּטֶע פַּרְנָסָה ווִי צוּ זַיין מְמוּנֶה אוֹיף דִי מִיסְט אוּן אוֹיף דִי בּוֹרוֹת אִיז אוֹיבֶעט פוּן הִימְל]. אוּן דָאס דַארְף מֶען זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען בַּיי זִיךְ אִין מוֹחַ, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּהְן אַקֶעגְן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן וְכוּ׳, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶעהְן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, אוּן אַזוֹי ווִי תְּפִלַּת רַבִּים אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל אַז עֶס זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן, דַארְפְסְטוּ בֶּעטְן אַז אַלֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זָאלְן צוּזַאמֶען בֶּעטְן, וֶועט עֶטְץ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, וָוארוּם סְ׳אִיז

נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וָואס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְש אַזוֹי ווִי תְּפִלָּה אוּן בַּקָשָׁה.

הַיינְט אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי הֶערְשְׁלֶ'ע לִיסְקֶער זי"ע בַּעַל "אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה", סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער לִיסְקֶער רָב אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן עֶר הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט אוּהֶעל אוּן אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט מִיט גְרוֹיס דַחְקוּת, אֵיינְמָאל אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דְרֵיי טֶעג אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אֲפִילוּ צוּ קוֹיפְן בְּרוֹיט פַאר אִים אוּן פַאר זַיין הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז זֵיי גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, דֶעם דְרִיטְן טָאג הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ פְרוֹי אַ מְקַשָׁה לֵילֵד אוּן זִי אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אוּן דֶער לִיסְקֶער רֶבִּינְס מַאמֶע אִיז גֶעקוּמֶען פוּן עוֹלָם הָעֶלְיוֹן אִין חָלוֹם צוּ דִי מוּטֶער פוּן דִי פְרוֹי דִי מְקַשָׁה לֵילֵד, אוּן הָאט אִיר גֶעזָאגְט, לוֹיף שְׁנֶעל אַרִיבֶּער צוּ מַיין זוּהְן וָואס עֶר זִיצְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן לֶערְנְט, אוּן גֶעבּ אִים אַ פֶּערְצִיגֶער (אַ מִין מַטְבֵּעַ) עֶר זָאל קֶענֶען קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר זִיךְ אוּן פַאר זַיין הוֹיזְ-גֶעזוּנְט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דַיין טָאכְטֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן זִי וֶועט גֶעבָּארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, הָאט זִי זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן שְׁלָאף אוּן זִי אִיז שׁוֹין גֶעלָאפְן צוּם בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן טַאקֶע גֶעטְרָאפְן דָארְטְן אַ אִינְגֶערְמַאן לֶערְנֶען, אוּן זִי הָאט אִים פַארְצֵיילְט דֶעם חָלוֹם, אוּן זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְן דֶעם פֶּערְצִיגֶער, אִיז מֶען

גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ דִי מוּטֶער אָנְזָאגְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז אִיר טָאכְטֶער הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער לִיסְקֶער צַדִיק גֶעזָאגְט אַז עֶר זֶעהְט אַז אִין הִימְל הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל הָאבְּן גֶעלְט, נָאר אַ פֶּערְצִיגֶער, וָוארוּם וֶוען זַיין מוּטֶער וָואלְט גֶעזָאגְט פַּאר דִי פְּרוֹי זָאלְסְט גֶעבְּן הוּנְדֶערְט גִילְדְן כְּדֵי זִי זָאל הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה וָואלְט זִי אוֹיכֶעט גֶעגֶעבְּן, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוָואלְט נָאר אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין פֶּערְצִיגֶער.

פוּן דֶעם סִיפּוּר קֶען מֶען זִיךְ אַרָאפְּלֶערְנֶען אַז אַלֶעם אִיז נָאר תָּלוּי פוּן אוֹיבְן וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן, אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן תְּפִלָה, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן תְּפִלָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן זַיי שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, ווִי צַדִיקִים זָאגְן דָאס דֶער פָּסוּק (דְבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אִיז דִי סוֹפֵי תֵיבוֹת דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה חַתָ"ךְ, וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (תְּהִלִים קמ"ה) פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶיךָ', אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# שכא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר עֵקֶב י״ז אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא׳דִיג הַנָאָה צוּ זֶעהְן ווִי דִי בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען פְלַייסִיג, זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי, וַוייל סוֹף כָּל סוֹף וָואס בְּלַייבְּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ? אוּן וָואס נֶעמְט עֶר מִיט מִיט זִיךְ? הָאט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא גֶעזָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיּוֹת, אֶלָא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד; דָאס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא בָּזֶה הָעוֹלָם צוּ פַארְבְּלַייבְּן וְכוּ׳.

קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט דָאס יֶעדֶער טָאג יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען, אוּן עֶס פְלִיעֶט דוּרְךְ דִי צַייט אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגֶל וָואס עֶס פְלִיעֶט אִין דִי לוּפְטְן, וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה צ״ו סִימָן ב׳) כַּצֵל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה, וְהַלְוַאי כְּצִלוֹ שֶׁל כּוֹתֶל אוֹ כְּצִלוֹ שֶׁל אִילָן אֶלָא כְּצִלוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף דִכְתִיב (תְּהִלִים ק״ד) כְּצֵל עוֹבֵר, וְאֵין מִקְוֶה, וְאֵין מִי שֶׁיְקַוֶה שֶׁלֹא יָמוּת הַכֹּל יוֹדְעִים וְאוֹמְרִין בְּפִיהֶם שֶׁהֵן מֵתִים.

**אַז** וואויל איז דיר וָואס דו הָאסְט אַ חֵלֶק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה, ווי דִי בָּחוּרִים וֵוייסְן נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נָאר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זִיךְ בַּאפְלַייסִיגְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ'.

**דָאס** אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זְכוּת וָואס עֶס קֶען זַיין, מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים, אוּן מְקָרֵב זַיין דֶערְוַוייטֶערְטֶע בָּחוּרִים, ווי סְ'שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא, [קוּם אוּן זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הָאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵל בֵּיה לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְן זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיעֶךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלָּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיה, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טֵייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיה לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַיינְגֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב) "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ

אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בְּיָדֵיהּ [אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [אוּן אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי״ב) ״גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וְעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים״ וְגוֹ׳.

**דֶער** עִיקֶר דַארְף מֶען זֶעהְן אַרַיינְשַׁיינֶען אִין דִי בָּחוּרִים יִרְאַת שָׁמַיִם, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער עִיקֶר, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת לא.) אָמַר רַבָּה בַּר רַב הוּנָא כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ תּוֹרָה וְאֵין בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם דּוֹמֶה לְגִזְבָּר שֶׁמָּסְרוּ לוֹ מַפְתְּחוֹת הַפְּנִימִיּוֹת וּמַפְתְּחוֹת הַחִיצוֹנוֹת לֹא מָסְרוּ לוֹ, בְּהֵי עָייל? דָאס הֵייסְט אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם קֶען עֶר גָארְנִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם מֵיינְט מֶען פָּשׁוּט אִידִישְׁקֵייט, אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי אַ פָּשׁוּטֶער פְרוּמֶער אִיד, עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן בִּיז עֶר גְרֵייט זִיךְ צוּ נֶעגְל וַואסֶער לֶעבְּן בֶּעט וְכוּ׳, עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין בִּיז עֶר גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער וְכוּ׳, עֶר זָאל

דַאווֶענֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב וָוארְט בַּיי וָוארְט אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, נִישְׁט אוֹיסֶענְוֵויינִיג, אַ בָּחוּר קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וויאַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט, [וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם דֶער דַאוֶוענְט גָארְנִישְׁט, עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען וְכוּ', אָן אַ סִידוּר וְכוּ', מַאכְט מִיט דִי לִיפְּן וְכוּ', קֶען זִיךְ אֲפִילוּ שָׁאקְלֶען אִינְמִיטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, אוּן אַז מֶען זָאל גוּט נָאכְקוּקְן וֶועט מֶען זֶעהְן פָּשׁוּט עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט] שְׁטֶענְדִיג זָאל מֶען נָאר בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר, אוֹיבֶּעט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, עֶר זָאל נָאר עֶסְן אַזֶעלְכֶע עֶסְנְוַוארְג וָואס הָאבְּן אַ גוּטְן הֶכְשֵׁר.

**דָאס** אִיז דִי הוֹיפְּט נְקוּדוֹת וָואס אַ בָּחוּר דַארְף מַקְפִּיד זַיין, אוּן דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, וָוארוּם וֶוען אַ בָּחוּר הָאט דִי יְסוֹדוֹת אִיז עֶר שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט בָּחוּר, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁטְרֶעבְּן דָאס דִי בָּחוּרִים זָאלְן הָאבְּן, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט ווינְצִיגֶער.

**דָאס** אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיב אַ בָּחוּר הָאט דָאס, הָאט עֶר אַלֶעס. מֶען מֵיינְט אַז אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טוּהְן ווילְדֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ', דַארְף פַּאסְטְן וְכוּ', מְסַגֵף זַיין זִיךְ וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס עֵצוֹת פוּן סַמֶ"ךְ מֶ"ם וְכוּ', אוֹיב אַ בָּחוּר הָאט דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ פָּשׁוּטְן

עֶרְלִיכְן אִיד און עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דִי נְקוּדוֹת, הָאט עֶר שׁוֹין אַלֶעס.

מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַז אַ בָּחוּר טָאר נִישְׁט רֵייכֶערְן וְכוּ', און נִישְׁט הַאלְטְן קַיין אֵייפַּאד אָדֶער בְּלֶעקְבֶּערִי וְכוּ', אָדֶער נָאכְמַאכְן אַלֶע הֶפְקֶר'דִיגֶע זִינְגֶערְ'ס וָואס זֶענֶען פָּשׁוּט לֵיצִים און לֵיידִיג-גֵייעֶרְ'ס, פון דֶעם רֶעדְט מֶען נִישְׁט.

מֶען מֶעג אַ בָּחוּר אויסְלֶערְנֶען שְׁפִּילְן אויף כְּלֵי זֶמֶר און זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אָבֶּער אַלֶעס זָאל גֵיין אויפְן אִידִישְׁן וֶועג, און מִיט אַ אִידִישְׁן טַעַם, נִישְׁט נָאכְמַאכְן פְּרָאסְטֶע גוֹיִם וְכוּ', און נִישְׁט וַוארְפְן זִיךְ מִיטְן גוּף ווִי אַ פְּרָאסְטֶער גֶעמֵיינֶער שָׁחוֹר וְכוּ', עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן אַסַאךְ זִינְגֶען און טַאנְצְן, און אויסְגֶעבְן זֵייעֶר עֶנֶערְגְיֶע קְרַאפְט אִין דְבָרִים שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') עַל יְדֵי רִקוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִינִים; און בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסְן עִנְיָן צוּ טַאנְצְן נָאךְ יֶעדְן דַאוֶוענֶען מִיט כְּלֵי זֶמֶר, אָבֶּער אַלֶעס מִיט פְּרֵיילִיכֶע חֲסִידִישֶׁע נִיגוּנִים, און אויךְ זִיצְן און זִינְגֶען דְבֵיקוּת'דִיגֶע נִיגוּנִים, וָואס מִיט דֶעם בַּאהֶעפְט מֶען זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

וֶוען אַ בָּחוּר הָאט דִי הַקְדָמוֹת אִיז עֶר שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט בָּחוּר, און הָאט שׁוֹין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י און תַּרְגוּם פון דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה,

און וויל לֶערְנֶען אַסאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פון דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), אַז וואוּיל אִיז דִיר אַז דו הָאסְט אַ חֵלֶק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה.

אִיךְ הָאף אַז אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וֶועט מֶען אוּיבֶעט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער יְסוֹדוֹת פון אִידִישְׁקַייט, און זֵיי אוּיסְלֶערְנֶען זָאגְן דִי בְּרָכוֹת עֶרְלִיךְ לַאנְגְזַאם, און בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר וְכוּ' וְכוּ', און אִין יֶעדֶע קְלַאס זָאל מֶען רֶעדְן פון דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אַז דָאס אִינְגֶל קוּמְט אַהֵיים זָאל עֶר קֶענֶען נָאכְזָאגְן פַארְן טַאטְן און פַארְן מַאמֶען וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה.

און אוּיךְ זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר זֵיי אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פון צַדִיקִים, וָואס דָאס צִיט דִי הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ח) דַע שֶׁסִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מִצַדִיקִים, הוּא דָבָר גָדוֹל מְאֹד, כִּי עַל יְדֵי סִיפּוּרִים מִצַדִיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָדוֹל לְהַשֵׁם יִתְבָּרַךְ בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד, כִּי הָרְשִׁימוּ שֶׁעָשָׂה אוֹתוֹ הַצַדִיק שֶׁמְסַפְּרִין מִמֶנוּ, עַל יְדֵי עֲבוֹדָתוֹ אֶת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ, זֹאת הָרְשִׁימוּ נִתְעוֹרֶרֶת בְּעֵת שֶׁמְסַפְּרִין מֵהַצַדִיק, וְהִיא מְעוֹרֶרֶת לְהַשֵׁם יִתְבָּרַךְ בְּהִתְעוֹרְרוּת גָדוֹל; אִיבֶּערְדֶעם אִיז זֵייעֶר וואוּיל דָאס דִי מְלַמְדִים זָאלְן זַיין צוּגֶעווָאוּינְט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פון צַדִיקִים, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי אוּיבֶּעט וֶועלְן נָאכְמַאכְן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

**עֶם** איז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב בַּעַל "דִבְרֵי חַיִים" הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיין אוֹיב עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר, הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַוַדַאי, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רָב גֶעפְרֶעגְט וָואסֶערֶע מוּסָר? הָאט עֶר גֶעזָאגְט "חוֹבַת הַלְבָבוֹת", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רָב אָנְגֶערוּפְן זִיךְ, נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, נָאר דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי-רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אוּן פוּן דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי-רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער מוּסָר סֵפֶר, אוּן דָאס הַארְץ פוּן דִי קִינְדֶער וֶוערְט דֶערְוֶועקְט נָאכְצוּמַאכְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

**אִיךְ** קֶען דִיר נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס פַאר אַ הֲנָאָה אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט צוּ זֶעהְן דִי פֶּענִימֶער פוּן דִי טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים, עֶס הָאט זֵיי גֶעלָאכְטְן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן מֶען זֶעהְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעצוֹיגְן וְכוּ' אַזוֹי וִוי אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין אִין דֶעם אַרְבֶּעט, וָוארוּם דַיין שְׂכַר אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן.

**מֶען** זֶעהְט דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן מִיה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי, עֶר דַארְף נָאר וִויסְן אַז זַיין הָארֶעוַואנְיֶע גֵייט נִישְׁט אוּמְזִינְסְט, ס'אִיז נוֹשֵׂא פֵּירוֹת, וָוארוּם יֶעצְט אִיז דִי בְּחִינָה פוּן (תְּהִילִים קכו) "הַזוֹרְעִים בְּדִמְעָה" אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶועט זַיין "בְּרִנָה יִקְצֹרוּ", אוֹיךְ יֶעצְט אִיז

"הָלוֹךְ יֵלֵךְ וּבָכֹה" עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶועט מְקוּיָים וֶוערְן "בֹּא יָבֹא בְרִנָּה נוֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו".

**שְׁטַארְקְט** זִיךְ מִיט עֶנְקֶערֶע הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וָוארוּם אִיר טוּט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִין הִימְל זֶענְט עֶטְץ מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב, אִיבֶּערְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיף עֶנְק אַזוֹי פַארְלֵייגְט, וָוארוּם וואו ס'אִיז דָא מֶער קְדוּשָׁה, דָארְטְן פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִיט זַיינֶע גְרֶעסְטֶע כּוֹחוֹת, אָבֶּער אוֹיב דֶער אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן אִים, וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין, מֶען דַארְף נָאר זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ח) וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ; אַז וואוּיל אִיז עֶנְק אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# שכב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר עֵקֶב י״ח אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוערְט גֶעשַׁאצְט וִוי עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין זַיין שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים.

זִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס אַ אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער לֵיידֶער רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אַנְשְׁטָאט צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר טוּט מִיט זֵיי וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט, אוּן דִי וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, דָאס אִיז מֶער וֶוערְד וִוי אַלְסְדִינְג, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל וַויינְט שְׁטֶענְדִיג וְכוּ׳, עֶס פֶעלְט אִים דָאס וְכוּ׳, עֶס פֶעלְט אִים יֶענְץ וְכוּ׳, עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט וְכוּ׳, אֱמֶת עֶס קֶען זַיין עֶר הָאט דַחְקוּת אִין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, עֶר אִיז פַארְוִויקֶלְט מִיט חוֹבוֹת וְכוּ׳, אָבֶּער דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט אוּן זַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, דָאס אִיז מֶער וֶוערְד וִוי אַלְסְדִינְג,

וָוארוּם לֵיידֶער אִיז הַיינְט דָא אַזוֹי פִּיל מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים וְכוּ', עֶס גֵייט אַרוּם בִּיטֶערֶע קְרֶענְק וְכוּ', יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט גֶעזוּנְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶערְן גֶעטוּישְׁט מִיט עֲנִיּוּת וְדַחֲקוּת אַבִּי זַיין גֶעזוּנְט, אוּן צוּם סוֹף דִי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזוּנְט זֵיי וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן אוֹיף זֵייעֶר בִּיטֶערְן מַצָּב וְכוּ', אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייט? וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דָאס גֶעזוּנְט, אוּן בִּכְלַל דַארְף אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ דַאנְקֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְּמוּרִים וָואס עֶר הָאט מִיט אִים גֶעטוּהְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') דָאס וֶוען אַ אִיד דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דָאס אַלֵיין אִיז שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, מֶען שְׁפִּירְט תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס אִין דֶעם זְכוּת אַלֵיין וֶועט עֶר זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי-רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי נִסִּים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט אִים שׁוֹין גֶעטוּהְן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶס וֶועט גֶעטוּהְן וֶוערְן מִיט אִים נָאךְ נִסִּים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הֶער אוֹיף צוּ וֵויינֶען אוּן צוּ זִיךְ בַּאקְלָאגְן וְכוּ' וְכוּ',

הֵייבּ שׁוֹין אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זַיי מְחַזֵק יֶעדְן אִיד, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה, אֲפִילוּ אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ, זֶעה מְחַזֵק צוּ זַיין אַנְדֶערֶע, וֶועסְטוּ אוֹיכֶעט הָאבְּן הִתְחַזְקוּת.

**דַארְפְסְט** וויסְן אַז מִיט אַ שְׁמֵייכְל וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, קֶען מֶען אִים מַמָּשׁ מְחַיֶה זַיין, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קיא:) טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁינַּיִם לַחֲבֵירוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית מ"ט י"ב) "וּלְבֶן שִׁינַּיִם מֵחָלָב" אַל תִּקְרֵי לְבֶן שִׁינַּיִם אֶלָּא לִבּוּן שִׁינַּיִם; דָאס הֵייסְט וֶוען אַ אִיד שְׁמֵייכְלְ'ט צוּ אַ צְוֵוייטְן אוּן ווייזְט אִים זַיינֶע ווייסֶע צֵיינֶער, אוּן עֶר אִיז אִים מְקַבֵּל מִיט אַ סֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אִיז דָאס מֶער וֶוערְד ווי וֶוען עֶר וָואלְט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען אַ גְלָאז מִילְךְ.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיכֶעט, וָוארוּם עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם הַיינְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹיפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן צוּקְלַאפְּטֶע נְשָׁמוֹת, אוּן זַיי דַארְפְן נִישְׁט, נָאר אַ שְׁמֵייכְל אָדֶער אַ גוּט וָוארְט, אוּן מִיט דֶעם אִיז מֶען זַיי פָּשׁוּט מְחַיֶה, פַארְוָואס זָאלְן מִיר דָאס נִישְׁט טוּהְן? דָאס אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה, צוּ רַאטֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אַרָאפְּפַאלְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג וֵויינֶען אוֹיף דַיין בִּיטֶערְן מַזָל (ווי דוּ דְרִיקְסְט

זִיךְ אוֹים), זֶעה עֶנְדֶערְשׁ דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, אוּן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, זַיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין בַּעֲלֵי מוּמִים חַס וְשָׁלוֹם, אוּן מִיט דֶעם כֹּחַ וֶועסְטוּ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# שכג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר עֵקֶב י"ח אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ וְכוּ', הֵן אֱמֶת סְ'אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶע וֵוייטָאג וָוארוּם כָּל זְמַן מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) כָּל יְהוּדִי שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה בְּלֹא בְרָכָה בְּלֹא טוֹבָה בְּלֹא תוֹרָה בְּלֹא חוֹמָה בְּלֹא שָׁלוֹם וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן דֶערְהַאלְטְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט קַיין זִינְד חַס וְשָׁלוֹם, וָוארוּם עֶס קֶען זֵייעֶר לַייכְט זַיין אַז דַיין כַּלָה אִיז נָאךְ זֵייעֶר יוּנְג וְכוּ', אוּן דוּ דַארְפְסְט צִיוַוארְטְן בִּיז זִי וֶועט אִינְטֶערְוַואקְסְן, אִיז וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן? יֶעדֶער בָּחוּר הָאט אַ זִיווּג, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב.) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצְאֵת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי

לִפְלוֹנִי; ווײַדעראוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (מוֹעֵד קָטָן יח:) בְּכָל יוֹם וְיוֹם בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי; אִיז אַוַודַאי הָאסְטוּ אַ זִיווּג, דוּ טָארְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין.

**דָאס** אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט טוּהְן אִיז צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז דֶער אֱמֶת'ר שַׁדְכָן, ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ט) אַז דֶער צַדִיק עֶר אִיז דֶער שַׁדְכָן, אוּן מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּ אִים, וֶועט עֶר אַוַודַאי זָארְגְן אַז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט פַארְלָארְן גֵיין וְכוּ'.

**אָבֶּער** בִּיז דֶערְוַוייל זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן זָאלְסְט דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, אִין אַ סִידוּר נִישְׁט אוֹיסֶעוֵוייניג, אוּן זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ וְרַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס הֵייסְט דוּ זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן פוּן בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, ווָארוּם אַ בָּחוּר וָואס גֶעווָאוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס קִילְט אִים דִי נֶערְוֶון וְכוּ', אוּן צוּבְּרֶעכְט זַיין יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין אִים, ווָארוּם דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

הַארְגֶעט מֶען אָפּ זַיין יֵצֶר הָרַע, און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מ"ב) מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשּׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיה כִּדְקָא יָאוּת, אִילֵין אִינוּן דִמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר. [דֶער וָואס עֶר זָאגְט און לֶערְנְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער קֶען מְסַדֵר זַיין און צֵאמְבְּרֶענְגְן אַלֶע יִחוּדִים ווי סְ'דַארְף צוּ זַיין, און זֵיי טוּעֶן הֵיילִיגְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען יֶעדְן טָאג].

**פְּרֶעג** אִיךְ דִיר, לוֹינְט זִיךְ דֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס מֶער אִיז בֶּעסֶער, און דָאס וֶועט דִיךְ הֵיילִיגְן און רֵיינִיגְן און קִילְן דַיינֶע נֶערְוְון וְכוּ', און אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, קוּמְט אַרַיין נָאכְדֶעם אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיסְן חֵשֶׁק צוּ דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שַׁ"ס אַפָּאר מָאל, און אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אַזוֹיפִיל מָאל צוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת און דַפִּין גְמָרָא, צוּם סוֹף וֶוערְט גִיעֶפְנְט דֶער מֹחַ און מֶען פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט.

**קֵיינֶער** זָאל דִיר נִישְׁט פַּארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) לְעוֹלָם לִיגְרִים אִינִישׁ וְאַף עַל גַב דְמִשַּׁכַּח וְאַף עַל גַב דְלָא יָדַע מַאי קָאֲמַר; עֶס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען הָאט אַ שְׁוֶועֶרֶע קָאפּ וְכוּ' און מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס

פַארְשְׁטֵיין, זָאל מֶען קוֹדֶם אָנְהוֹיבְּן זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּין גְמָרָא כְּסִדְרָן דַיְיקָא, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דֶער קָאפּ אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, אוּן עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה פַאר וֶוער עֶס הָאט דָאס שׁוֹין פְּרוּבִּירְט.

אוּן אוֹיבֶּעט אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שָׁעָה'ן אִיבֶּער שָׁעָה'ן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דַפִּין גְמָרָא, אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ [מְחַבֵּר רְמָ"א], הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין צַייט צוּ נַארִישְׁקַייט וְכוּ' אוּן צוּ שְׁמוּץ וְכוּ', וָוארוּם מִיט דֶעם הַארְגֶעט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:) כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָמַר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין, וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית ד') "הֲלֹא אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת" וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (שָׁם) "לַפֶּתַח חַטָּאת רוֹבֵץ" וְלֹא עוֹד, אֶלָּא שֶׁכָּל מַשָּׂאוֹ וּמַתָּנוֹ בָּךְ, שֶׁנֶּאֱמַר (שָׁם) "וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ", וְאִם אַתָּה רוֹצֶה אַתָּה מוֹשֵׁל בּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (שָׁם) "וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה דוּ וֶועסְט הָאבְּן, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּ דַיין חוּפָּה מִיט צֶענְדְלִיגֶע מָאל גִיעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אוֹיךְ גִיעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס וְכוּ'.

מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם תַּעֲנוּג פוּן אַ חָתָן וָואס עֶר שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי חוּפָּה אוּן עֶר וֵוייסְט אַז

ער הָאט צֶענְדְלִיגֶע מָאל גִיעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און אויךְ גִיעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס, און ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ [מְחַבֵּר רְמָ"א], גְלֵייב מִיר אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס גֵייט אויף דִיר דוּרְךְ וְכוּ', און ווִי שְׁוֶוער און בִּיטֶער אִיז דִיר צוּ זַיין אַלֵיין, וָוארוּם דֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הָאט שׁוֹין מֵעִיד גֶעוֶוען און הָאט גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב') "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַלֵיין וְגוֹ', אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְּסְטוּ פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען קֶען נִישְׁט דוֹחֵק זַיין אֶת הַשָּׁעָה, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטִיפְּן דִי צַייט, וּבִפְרַט אַז עֶס קֶען זֵייעֶר זֵייעֶר לַייכְט זַיין אַז דַיין כַּלָּה אִיז נָאךְ יוּנְג און זִי דַארְף נָאךְ אִינְטֶערְוַואקְסְן, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער בָּחוּר אִין דֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## שכד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר עֵקֶב י"ח אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאב דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין גֶעטְלִיכְקֵייט און הָאפְּפֶענוּנְג וְכוּ', עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן "פוּן אַייךְ קֶענְט

אִיר ווייסְן וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט" דָאס הֵייסְט מִיר וָואס מִיר הָאבְּן צַאמְגֶעהֶערְט אַזוֹיפִיל הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֵייט אוֹיף אוּנְז אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ' [ווי יֶעדֶער אֵיינֶער ווייסְט אַלֵיין וָואס אוֹיף אִים גֵייט אִיבֶּער], אִיז וָואס זָאלְן שׁוֹין זָאגְן מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע הִתְחַזְּקוּתֶ'ער וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט? אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דָאס מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן, אוּן ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קע"ז) אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַזַא רֶבִּי'ן, הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט אַזַא רֶבִּי'ן אִיז דָאס אַ פְּגַם אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים.

**אַ** סִימָן אוֹיבּ מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָדֶער נִישְׁט, אִיז אוֹיבּ מֶען הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "הִתְבּוֹדְדוּת", וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס) אַז דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף, אוּן וִויפֶער דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן צַדִּיק הָאֱמֶת וָואס עֶר וֶועקְט אִים אוֹיף פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף וְכוּ', הֵייבְּט עֶר אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דָאס הֵייסְט דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת שַׁיינְט אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, אַלֶעס וָואס מֶען

זֶעהְט פַאר דִי אוֹיגְן דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זַאךְ אוֹיף דִי בְּרִיאָה וָואס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין דֶעם אֱלֹקוּת-גֶעטְלִיכְקֵייט, ווִיפֶער עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אוּן דֶעם מֶענְטְשְׁ׳נְס הַארְץ, דֶעמָאלְט הֵייבְּט עֶר אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַן אֱמֶתְ׳ן גוּטְן חָבֵר.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זִיסֶע זַאךְ ווִי תְּפִלָּה וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, אַלֶעס אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט אִיז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן וְכוּ׳ וְכוּ׳, קוֹדֶם אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, וואוּ עֶר גֵייט וואוּ עֶר שְׁטֵייט וואוּ עֶר אִיז וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָארְטְן טְרֶעפְט עֶר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן רֶעדְט צוּ אִים, וָוארוּם עֶר אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, אוּן ווִי סְ׳שְׁטֵייט (דְבָרִים ד׳ ז׳) "כִּי מִי גוֹי גָדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו כַּהֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", אוּן ווִי דִי חֲזַ"ל דַרְשְׁנֶ׳ן אוֹיף דֶעם (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, וואוּ עֶר גֵייט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אִים, אוּן מִיט יֶעדְן שְׁפְּרַאךְ קֶען עֶר רֶעדְן צוּ אִים, בְּכָל לָשׁוֹן וְלָשׁוֹן שֶׁאַתֶּם קוֹרְאִין אֵלָיו הוּא עוֹנֶה אֶתְכֶם.

**אוּן** דִי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (דְבָרִים רַבָּה פָּרָשָׁה ב׳ סִימָן ט"ז) אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף פִיל מִיט גוֹיִם, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַלֵיין צְווִישְׁן זֵיי, וֶוען דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בַּיי אַ אִינְזְל

הָאבְּן אַלֶע גוֹיִם גֶעבְּרֶענְגְט גֶעלְט צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי קוֹיפְן בְּרוֹיט וְכוּ', הָאט דֶער אִיד זֵיי גֶעפְּרֶעגְט וָואס שִׁיקְט אִיר מִיר, אִיךְ בִּין דָא אַ פְּרֶעמְדֶער אַזוֹי וִוי אִיר, הָאבְּן דִי גוֹיִם אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, אַ אִיד אִיז פְּרֶעמְד? אַ אִיד וואוּ עֶר גֵייט אִיז זַיין גָאט מִיט אִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ד' ז') "אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו".

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִילוּ גוֹיִם אַנֶערְקֶענֶען אַז אַ אִיד אִיז נִישְׁט אַלֵיין, וואוּ עֶר גֵייט וְכוּ', גֵייט עֶר מִיטְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וָואס דָאס אִיז מֶען מְקַבֵּל פוּן דֶעם צַדִּיק הָאֱמֶת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') דָאס אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה אִיז מֶען מְקַבֵּל פוּן צַדִּיק הָאֱמֶת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן וְכוּ', אוּן וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן דָאס אַלֵיין וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, וָוארוּם דֶער עִיקָר קְדוּשָׁה אִיז נָאר שִׂמְחָה, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין הַארְצְן, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**